STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02316

DER GEHEYMER SHLOS, ODER, HASS UND LIEBE

John Paley

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02316-7

D:\YIDDISH\TITLES\9780657023164T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

D. Back.
P. A. A. R. L. Station

דער געהיימער שלאָס

אָדער

האסס אונד ליעבע.

א בעלעהרענדער און אינטערעסאַנטער ראָמאַן.

פון יאָהאַן פאַליא.

D. BACK,
20 SCOTT STREET,
GARDENS,
CAPE TOWN.

1טער קאַפּיטעל.

ווער איז זיא.

א ביטער קאַלטער ווינטערדיגע נאַכט איז געפאלען אויף דער פערשנעע־טער ערד. א שטורם ווינד און א פראָסט האָבען געריסען און געבראָכען אלע בוימער פון וואלד. דיא מענשען האָבען זיך פערזאַמעלט ארום דיא ווארימע אויוועגס, האָט אויסגעמיידעט צו פערלאָסען דיא הויז, אויך אין דער איינזאַמער הויז, וועלכע איז געשטאַנען איז ווילדענשטיין'ס וואלד האָבען זיך פערזאַמעלט דיא איינוואָהנער אום צו וואַרמען זיך ביי'ן פייער.

— מוטער! — האָט דער וואלד וועכטער הערוואַרט געזאָגט, — קאָך אונז א וואַטעמען זופ. דער ווינד נעהמט דורך אלע־אונזערע ביינער. עס איז א וועטער דאָס קיינער וועט ניט ארויסטרייבען א הינד פון הויז, הערר דער ווינד רייסט דיא ציגעל פון דאַך! דער קוימען פאַלט איין.

דיא שעהנע פרוי האָט פערבראָכען דיא הענד.

— גוטער גאָטט! — האָט זיא געזאָגט. שטיל דיא אונגליקליכע, וואס געפינען זיך הייטע אונטער׳ן פרייען הימעל. פיהר זיי גליקליך א היים.

— אמן! — האָבען אלע אין הויז געזאָגט.

א טיפע שטילקייט האָט נאָך דיעזער תּפילה געהערשט אין הויז, יעדער איינער האָט צו זיך צוגעהערט צום ווינד.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט דיא בילעריי פון א הינד.

— וואס וויל טוראס! — האָט דיא הויז פרוי געפרעגט, האנז, דער ארמער הינד איז אין דרויסען עפען איהם דיא טהיר, הערט וויא ער יאָ־מערט.

האנז, דער צווייטער זוהן פון וואלד וועכטער האָט ערפיעלט דעם וואונש פון דער הויז פרוי, און האָט געעפענט דיא טהיר, אין זעלבען אויגענבליק איז טוראס אריינגעלאָפען אין הויז, איז צוגעשפרונגען צום וואלד וועכטער, האָט איהם געחאַפּט פאר׳ן ראָק און האָט איהם געשלעפּט צום טהיר.

— עסוואס האָט געמוזט פּאסירען! — האָט דיא הויז פרוי געזאָגט, זאָלען דיא יונגע לייט נאָכזעהן.

— לאָז מיך אליין, איך וועל עס אליין נאָכזעהן, — האָט הערוואַרט געזאָגט קום טוראס.

עס האָט געשיינט אז דער הינד האָט פערשטאנען וואס זיין הערר האָט גערעדט, דען ער איז ארויסגעלאָפען פון הויז אזוי שנעל וויא דיא טהיר האָט זיך געעפענט.

— א שלעכטער טאָג! — האָט פריטץ דער עלסטער יונג געזאָגט, דער בוים, וואס דער פאטער האָט געפלאנצט ביי׳ן געבורט פון אונזער גראף האָט דער ווינד אויסגעריסען פון ווארצעל.

— א שלעכטער טאָג און א שלעכטער יאהר! — האָט האנז געענטפערט. דיא חיות הונגערען אויס אין וואלד, ווען דאס וועט ווייטער אזוי אנהאַלטען וועט פון זיי ווייניג בלייבען.

— הערט וואס איז דאס! — האָט דיא הויז פרוי אויסגערופען, הערט איהר ניט?

פון דרויסען האָט זיך יעצט געהערט דיא הערוואַרט שטימע:

— עפענט! אום גאָטטעס ווילען עפענט שנעל!

דיא הויז פרוי איז צו געלאָפען צום טהיר און דער וואלד וועכטער איז זאָפאָרט אריין אין הויז. אין זיינע ארמען האָט ער געהאַלטען אַ בעוואוסטלאָזע פרוי, וועלכע וואַרען אין גאנצען איינגעוויקעלט אין שנעע.

— אום גאָטטעס ווילען, וועמען ברענגסט דוא אַ העט! — האָט מאנדאַלענא הערוואָרט געפרעגט איהר מאַן.

— איך האָב זיא געפינען ביי דיא דרייא פוכבען! — האָט דער וואלד וועכטער געענטפערט. דארט אין שנעע איז נאָך געבליבען אַ קליינער פּעקעל נעה האַנז ברענג עס אהער.

וועהרענד דער וועכטער האָט עס בעריכטעט האָט זיין פרוי שוין אראָפּגענומען דיא טוך פון דער אונמעכטינער פרוי.

א וועלט מיט גאָלד בלאָנדע האאר און אַ קליינע ערעלע געזיכט האָט זיך בעוויזען.

— אַך, דיא אונגליקליכע! — האָט דיא פרוי געזאָגט. וויא יונג און וויא צארט זיא איז, טראָגט זיא אין אונזער שלאָפצימער, קאטארינא און איך וועלען זיא אויסקליידען און לעגען אין בעט, איך וועל זיא איינוויקלען אין וואַלענע טיכער. אין קעלער געפינט זיך נאָך אַ פלאַש פון אַלטען קאָנאַק וועלכען דער פאָטער האָט פאריגען יאהר געבראכט פון שטאָדט ברענג עס אַ הער פריטץ!

אלע בעוואהנער פון הויז האבען בעוויזען זייער רחמנית מיט דער פרעמדער פרוי דאדורך וואס יעדער פון זיי. האָט פאַר איהר געטהון אלעס וואס מעגליך.

דער וואלר וועכטער האָט אַ וועקגעלעגט דיא געשטאַלט אויף זיין פרוי'ס בעט און איז אוועק וועהרענד זיין פרוי און דיא דינסט האבען אויסגעטהון דער פרוים קליידער.

דיא שוך וואָס דיא יונגע דאמע האָט געטראָגען וואַרען פון פיינעם לעדער און אויסלענדישע ארבייט, דיא וועש וואַרען פון טהייערע האלענדישע לייוואנד, און בעפוצט מיט טהייערע ברייטע שפיצען פון האנד ארבייט, וועהרענד אין אַ ברעג האָט זיך געפינען אַ קוּנציגער מאָנאגראַם מיט אַ קראָנע פון פערל. אבער דיא וועש האבען געצייגט אז מען האָט זיי שוין פיעל גענוצט אויך דיא אונטערקליידער וואַרען פון פיינעם זיידענעם שטאָף, דאס לעצטע

וואס דיא הויז פרוי האָט אראפגענומט איז געווען א פיין געארבייטער קארסעט.

פלוצלונג האָט דיא הויז פרוי אויסגערופען:

— גרויסער גאָטט! האָט דיא הויז פרוי אויסגערופען אלס זיא האָט גענומען דער דאמעס האנד, זעהט נור זיא טראגט א טרוירונג אויף איהר פינגער זעהט נור קאַטהערינא, עס א טהייערער ברייטער רונג.

— א רינג וואס דיא גרעפין קען קיין שעהנערען ניט האָבען! — האָט דיא אַלטע קאטהערינא צו געשטאמעלט. — דיא דעקען מוזען שוין ווארם, איך וועל זיי א העך ברעננען.

זיא איז א וועק געלאָפען אזוי שנעל וויא דיא פיס האָבען זיא געטראָגען און האָט זיך זאָפארט אומגעקעהרט אומגעקעהרט מיט דיא דעקען, מיט דער פלאַש קאָניאק און דיא צוויי פרויען האָבען זיך גענומען צו רייבען און צו ווארמען דעם פערפראָרענעם קערפער.

ווען מיר זאלען איהר נור קענען איינגעבען איינגעבען אייניגע טראָפען קאָניאק! — האט פרוי הערווארט געזאגט, — אבער זיא האט דיא ציין אזוי פעסט פערביסען, דאס עס איז ניט מעגליך אריינצוגעבען איהר איין טראָפען, איך פירכטע אז זיא איז טויט.

— ניין, זיא צייגט מיט דיא ברעמען? — האט קאטהערינא געענטפערט, פרובירט ווידער מיט דעם קאניאק.

פארזיכטיג האבען דיא פרויען איהר איינגעגעבען אלעפעל קאניאק און עס איז זיי געלונגען עטוואס איינצופליסען אין איהר האלז, דאן האבען זיי ווייטער פרובירט און עס איז זיי געלונגען איינצוגעבען נאך א לעפעל.

דיא נאזלעכער פון דער פרעמדער פרוי האבען אנגעפאנגען צו ארבייטען און א טיעפער אטהעם צוג האט אויפגעהאבען איהר ברוסט, צוויי דונקעלע ברוינע אויגען האבען זיך געעפענט און האבען אנגעקוקט ווילד און פרעמד, און א זיסער שטימע האט זיא עטוואס געפרעגט אבער אין א שפראכע וואס דיא צוויי פרויען האבען ניט פערשטאנען.

— קאך שנעל אויף הייסען טהעע! — האט פרוי הערווארט שנעל געזאגט צו דער דינסט. — נעהם דיא קאכעדיגע וואסער וואס דוא האסט צו געשטעלט פאר דעם זופ.

דיא פרעמדע האָט דער ווייל דיא אויגען ווידער געשלאָסען, פון איהר געזיכט האָט זיך אויסגעדריקט איין שטארקער, קערפערליכער ווייטאג.

דיא הויז פרוי איז יעצט ארייננעלאָפען אין הויז אום צו רופען איהר מ׳נן.

— וויא געהט עס דער מערבען, מאנדאלענא, — האָט דער וואלד וועכטער געפרעגט.

— עס איז קיין מערבען, זאָנדערין אַ פרוי, — האָט דיא הויז פרוי געענטפערט, — היער איז קיין צייט צו פערלירען, זאָנסט געהן צוויי מענשען לעבען צו גרונדע, — האנז מ׳ז זאפארט איינשפאַנען דעם פערד און פאהרען אין שטאדט נאָך אַ דאָקטאר.

אַ ביטערער שטארקער געשריי פון שלאָפצימער האט געשיינט צו בעשטעטיגען איהרע רייד.

האנז האָט שנעל געחאפט זיין ראָק און איז געלאָפען אין שטאל צום פערד.

— ווער איז דיא פרעמדע ? — האט דער וואלד וועכטער געפרעגט. —

— דאס ווייס איך ניט ! — האָט דיא פרוי געענטפערט, איך ווייס נור אז זיא דארף אונזער הילפע.

מיט דיעזע שנעלע ווערטער איז זיא געלאָפען אין צווייטען צימער צוויי שטונדען שפעטער איז געקומען דער דאקטאר וועלכען האנז האָט געבראכט פון שטאדט, און ווען דער ווינטער מאָרגען איז געקומען האט זיך אין הויז דערהערט דער דער טאָן פון אַ נייע געבאָרענעם קינד.

פאר דער יונגער מוטער וואָר דער האמפף צו שווער, זיא האט אויסגעהויכט דיא זעעלע אלס דאס קינד איז געקומען אויף דער ערד, שטארבענדיג האָט זיא אנגעווענדעט אלע קרעפטען אום זיא זאָל זיך קענען פערשטעהן מיט דיא לייטע ארום איהר, מיט איין ערשטיקטער שטימע האָט זיא אימער געזאָגט זאכען וואָס האָבען געקלונגען וויא אַ גרויסע ביטע דאן האָט זיא געוויזען אויף דאס ניי געבאָרענע קינד און אויף דעם קארסעט וואָס איז געלעגען פאר איהר בעט.

קיינער האָט זיא פערשטאנען, דער דאָקטאר איז געוועזען איין אלטער

מאַן, וואָס האָט פערגעסען זיין גאַנצע קענטניסע און שפּראַכען, דערצו וואר ער א ביסעל טויב.

— דיא זאָרג פאַר איהר קינד לאָזט זיא ניט שטאַרבען! — האָט דיא אַלטע דינסט געזאָגט.

דיא הויז פרוי האָט אָבער גענומען דאָס קינד אין איהרע הענד און האָט מיט א היילינען טאָן געזאָגט:

— איך שווער ניט צו פערלאָזען דאָס קינד, איך זאָל עס ליעבען און ערציהען גלייך וויא זיא וואָלט געוועזען מיין קינד, אזוי וואהר וויא גאָטט לעבט!

אין דיא אויגען פון דער שטערבענדער פרוי איז געוואָרען ליכטיג, אָבער זיא האָט מיט איהר האַנד וויעדער געוויזען אויפ'ן קאָרסעט.

— זיא האָט דאָרט עטוואס בעהאַלטען! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט

— איך וועל דעם קאָרסעט בעהאַלטען! — האָט דיא הויז פרויא געזאָגט.

א זיפץ האָט זיך אויסגעריסען פון דער שטערבענדער פרוי, מיט טרעהרען אין דיא אויגען האָט זיא געדריקט איהר האַנד. צו דער הויז פרוי, דאַן האָבען זיך געשלאָסען איהרע אויגען אויף אימער.

דיא צוויי פרויען האָבען געקניעט פאַר דעם שטאַרבע בעט, און האָבען תפילה געטהון פאַר איהר זעעלע.

2טעם קאַפּיטעל.

געהמט זיא דעם סוד אין קבר.

— דוא אָרמעס פערלאַסענעס קינד! — האָט דיא הויז פרוי מאַנדאַלענא געזאָגט און האָט צו געדריקט דאָס נייע געבאָרענע קינד צו איהר ברוסט. — איך וויל זיין דיין מוטער, פיעלייכט האָט דיך גאָטט צו מיר געשיקט דוא זאָלסט מיך טרייסטען נאָך מיין פערלאָרענעם ליעבליכע.

דער דאָקטאָר האָט דער וויל גענומען דעם קאָרסעט און האָט עס גאַנץ גענוי אונטערזוכט.

— מערקווירדיגע זאך! — האָט ער געמורמעלט עס שיינט צו זיין ניט פון שטאָל און אייזען.

— פיעלייכט איז דאַרין געלד איינגענעהט! האט דיא דינסט געפרעגט.

— ווען דיא פרוי וואָלט געהאַט געלד וואָלט זיא אין דיעזען וועטער ניט געווען אונטער'ן הימעל, — האָט דעם וואלד וועכטערס פרוי געזאָגט.

— דאס וואר נור איין איינבילדונג ביי דיעזער פרוי, — האט דער דאָקטאר געזאָגט. דיא וואס שטאַרבען אין קינד בעט האָבען אַזעלכע איינביכדונגען, אין דיעזען קארסעט איז קיין זאך בעהאַלטען, דאס קענט איהר זיך אליין איבער צייגען.

ער האָט געגעבען דעם קארסעט צו דער הויז פרוי וועלכע האָט איהם בעטאַפּט.

— איך קען דא גאר נישט אנטאַפּען! — האָט זיא געזאָגט, דאך וועל איך ער פיעלען איהר לעצטען וואונש און וועל דעם קארסעט גאַנץ פאַרזיכטיג בעהאַלטען.

— האָט דיא פרויא ביי זיך קיינע זאכען? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— א האנד טאשע האָט זיא געהאַט! — האָט דיא דינסט געענטפערט.

— פיעלייכט געפינען מיר דאַרט דאָקומענטען, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. — מיר מוזען זעהן צו ערפאַהרען ווער דיעזע פרוי איז. קאטהערינא ברענגט אַ הער דיא האנד טאשע.

דיא גוטע אַלטע פרוי איז אַ וועק אין נעבען צימער.

— נון וויא איז דאס? — האָט דער וואלד וועכטער איהר געפרעגט.

— זיא איז טויט! — האָט דיא דינסט געענטפערט. אבער איהר קינד, אַ שעהנעס מעדכען, לעבט!

— אָרמע פרוי, האָט דער וואַלדוועכטער געמורמעלט. אַזוי שעהן, אזוי ליעבליך און האָט בעדאַרפט שטאַרבען!

— און אזוי עלענד שטאַרבען! — האָט דיא פרוי געזאָגט. — אָרום איהר שטערבע בעט זיינען געשטאַנען נור פרעמדע, קיינער וואס וואר איהר ליעב און

טהייער האָט צוגעשלאָסען איהרע אויגען. אךּ און וויא שווער איז זיא געשטאָרבען מען האָט עס געזעהן וויא פירכטערליךּ זיא האָט געליטען.

— ווער האָט זיא אבער געקענט זיין? האָט דער וואלד וועכטער געפרעגט. זיא האָט געמווט קומען פון ווייט.

— דער דאקטאר גלויבט דאס פיעלייכט געפינען זיךּ פאפירען אין איהר האנד טאשע, וואס וועלען אויפקלעהרען ווער זיא איז. ער האָט מיר געהייסען ברענגען דיא האנד טאשע.

— דא איז זיא! האָט דער וואלד וועכטער געזאגט און האט איהר דערלאנגט דיא האנד טאשע. זיא איז זעהר לייכט און קען נור ווענינ זאכען ענטהאלטען.

קאטהערינא האָט גענומען דיא האנד טאשע און איז א וועק צום דאָקטאָר.

— פיינע לעדער, פארטרעפליכע ארבייט! האט ער געזאָגט און האט עס בעטראכט. אבער דער ווינד און וועטער האט עס דורךּ גענומען.

ער האט יעצט געעפענט דיא האנד טאשע און האָט אויסגעלעדיגט אלעס וואס דארט איז. איין עלעגאנטע פוטץ קעסטיעלע, פון א פאריזער פאבריקאנט און עטוואס לייכטע לייב וועש. דאס וואר אלעס וואס דארט איז געווען. קייז בריעף, קיין בלאט פאפיר, קיין דאקומענט וואס זאל עפעס אויפקלעהרען.

— מיר האָבען נאךּ קיין אויפסלעהרונג איבער איהר געפינען! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. נאךּ מיין אנזיכט איז זיא א פאָרנעהמע דאמע איהרע הענד מיט דיא פיס זיינען זעהר קליין און צארט, איהר הויט איז זעהר פיין דיא זאכען וואָס זיא האָט זיינען שטארק אבגענוצט דאךּ זיינען זיי פון טהייערען מאטריאל און גוטע האנד ארבייט, מיר מוזען עס אדווערטייזען אין אלע צייטונגען, פיעלייכט וועלען מיר דורךּ זיי ערפאָהרען ווער זיא איז איךּ וועל עס איבעררייךען מיט אייער מאן.

דיא הויז פרוי האט צוגעשטימט, איהרע שארפע אויגען האָבען ערקענט דעם גייסטליכען פון דאָרף, וועלכער איז געבראכט געוואָרען,

נאךּ דעם געוועהנליכען גרוס, האָט דיא הויז פרוי איהם ערקלעהרט אז ער איז געקומען צו שפעט, דיא פרעמדע פרוי איז שוין טויט.

— ווייסט איהר ווער די פערשטאָרבענע פרוי איז? — האָט דער גייסט־ליכער נעפרענט.

דעם וואלד וועכטער'ס פרוי האָט נעשאָקעלט דעם קאָפּף.

— איך ווייס עס ניט! — האָט די פרוי נעענטפערט. איך וועל עס אויך קיין מאל ניט אויסנעפינען. די פרוי נעהמט איהר נעהיימניס אין קבר.

— איז די פרוי נעווען יונג? — האָט דער גייסטליכער נעפרענט.

— איהר קענט זיא אנזעהן! — האָט די הויז פרוי נעזאָגט.

וועהרענד זיא האָט נעשפּראָכען האָט זיא אריינגעפירט דעם אלטען מאַן אין צימער.

דער גייסטליכער האָט זיא בעטראכט אַ לאַנגע צייט, דאַן האָט ער נעזאָגט: —

— זיא טראָגט אַ טרויערינג, ציהט איהם אראָפּ פון פינגער.

די הויז פרוי האָט אַ ווײַלע נעדאַכט וואס זיא זאָל טהון, ענדליך האָט זיא ארונטערנענומען דעם גרויסען גלדענעם רונג פון דער טויטער האַנד און האָט איהם נעריכטעט צום גייסטליכען, וועלכער האָט לאַנגזאַם איבערגע־לאָזען די גראווירונג וואס וואַרען אין דעם רינג. און האָט אזוי נעלויטעט Ernst, comte de W. Le Premier Avril 1866. — זאַנדערבאַר! העכט זאַנ־דערבאַר! — האָט ער געזאָגט. ערנסט איז אַ דייטשער נאָמען. אין פראַנצוי־זיש גיבע אויך ניט דער בוכשטאַב, W. זיא מוז אלזא זיין אַ דייטשע וואס האָט נעלעבט אין פראַנקרייך.

פרוי הערוואַרט האָט געוואַלט דעם רינג ווידער אנטהאַן אויף דער טויטער, אבער דער גייסטליכער האָט עס ניט נעלאָזען.

דיעזער רינג מוז בעהאַלטען ווערען! — האָט ער נעזאָגט, ער איז דאס איינ־ציגע וואס די יונגע יתומה'לע וועט ירשינען, דעם איינציגען אנדענקען וואס דאס קינד וועט בעזיצען פון איהר מוטער, און איין נוטער בעוויז אז זיא איז אנעזעצליכע קינד.

— אה, לאָזט מיך נעבען דעם רינג דער ארמער אין קבר! — האָט די הויז פרוי נעבעטען, איך פורכטע אז זיא וועט אהן דעם רינג קיין רוה, ניט האבען. בעדענקט נור וויא טהייער ער איז איהר נעווען. זיא האָט זיך פון איהם ניט נעוואָלט שיידען, ווען זיא וואלט דיעזען רינג פערקויפט, וואלט

זיא ניט בעדארפט אין דעם שטורם נאכט צוגעהן דורך דעם וואַלד זיא וואלט איהרע קרעפטע ניט ערשעפט, זיא וואָלט גערעטעט איהר לעבען. איך קען עס מיר ניט ערלויבען צו רויבען פון איהר דעם רינג.

— איהר בענעהט קיין רויב! — גוטע פרוי. — האָט דער גייסטליכע געזאָגט, איהר וועט האנדלען נאך דעם וואונש פון דער טויטער, ווען איהר וועט איהר רונג בעהאַלטען פאָר דער יתומה,

נאך דעם וויא דיא פרוי האָט איהם פערשפּראָכען צו טהון וויא ער הייסט איז דער גייסטליכער און דער ארצט ארויס פון צימער, וועהרענד דיא הויז פרוי איז געבליבען ארום דעם קינד, וואס איז ערסט געבאָרען געוואָרען.

אין פאָדערהויז האָבען דער ארצט, דער גייסטטליכער און דער וואַלד וועכטער געהאַלטען א בעראַטהונג, וויא אזוי מען זאָל אויס עפינען ווער דיעזער פרוי איז, דער גייסטליכער האָט פאָרגעשלאָגען מען זאָל עס בעקאַנט מאכען אין גרויסע צייטונגען, און דער דאָקטער האט זיך אונטערנומען איבערצוגעבען דיעזע בעקאַנטמאַכעונג צו דיא צייטונגען, און האָט אויך פערשפּראָכען מיט צו טהיילען דער פאליציי אבער ער האט ניט געגלויבט אַז דאס קען האָבען איין ערפאלג, וויל דיא אונגליקליכע פרוי וואר פערלאסען פון דער גאנצער וועלט, זיא האָט קיינע פריינדע און קיינע פערוואנדעטע זאָנסט וואלט זיא ניט געמאכט דיעזע שרעקליכע וואנדרונג, אין דיעזער שרעקליכער צייט.

דער גייסטליכער האָט גראדע אנדערש געדאכט, נאך זיין מיינונג האָט דיעזע פרוי געהאט פיעל פריינדע אין פראנקרייך, און אום זיי אויפצוזוכען האָט זיא אונטערנומען דיעזע רייזע.

דער דאָקטאָר האָט יעצט פאָרגעלעזען זיין אויפשריפט פאָר דיא צייטונגען וועלכע האָט אזוי געלויטעט:

אם 6טען יאנואר, אום צעהן אוהר אבענד'ס אין דעם גראף ווילדענשטיין'ס וואלד געפינען געוואָרען א פרעמדע פרוי, וועלכע וואר אונמעבטיג און פערפראָרען. דער וואלד וועכטער הערו ארט האָט דיא אונבעקאַנטע אריינגענימען אין זיין הויז, אויף מאָרגען האט דיא אונבעקאנטע געבאָרען א קינד און איז געשטאָרבען. דיא איינוואָהנער אין וואלד הויז האָבען זיך

מיט איהר ניט נעקענט צוזאמען ריידען ווייל דיא אונבעקאנטע האָט קיין דייטש געשפּראָכען. מען האָט ביי איהר קיינע פּאַפּירען געפונען. אָבער אלע צייבענס בעווייזען אז זיא שטאַמט פון א הויכען אָרט. זיא איז 5 פוס 4 גראָס זעהר רעגעלמעסיג געבויט. זיא האט זעהר לאנגע גאָלד בלאָנדע האאר, א צארטע הויט, זעהר רעגעלמעסיגע געזיכטס צוגע, שעהנע צעהן און דונקעלע אויגען. זיא איז אלט פון אכטצעהן ביז נייענצעהן יאהר. זיא האָט געטראָגען א שווערען גאָלדענעם רונג, מיט דער גראווירונג: Ernst, comte de W. Le Premier Avril 1866 קיין אנדער צירונג האָט זיא ניט געהאט. פּערזאָנען וואס קענען ערקלעהרען ווער דיא אונבעקאנטע איז, זיינען געבעטען צו מעלדען צום וואלד וועכטער פון גראף ווילדענשטיין, צוויי מייל פון דער פּאָסט סטאַציאָן ערבערסהוי.

— דיעזע לאנגע אנצייגע וועט קאסטען טהייער! האָט דער גייסטליכער געזאָגט.

— איך וויל מיט פערגניגען בעצאהלען דיא קאָסטען! — האָט דער וואַלד וועכטער געזאָגט.

— עס איז צו שווער פאר אייך! — האָט דער דאָקטאָר ערקלעהרט.

— עס מאכט ניט! — האָט זיך דער וואַלד וועכטער אויסגערופען, איהר ווייסט דאָך דאס מיר האָבען אויך קיינע אָרמע פערוואנדטע. מיר ווילען דארום טהון וואס מיר האלטען פאר גוט און נויטהיג.

— נו, ווען איהר ווילט! האט דער דאָקטאר אויסגערופען, און האט געבעטען מען זאָל איהם זאָפאָרט אפּפיהרען אין שטאָדט.

אזוי שנעל ויא דער דאקטאר איז געקומען אין שטאָדט האָט ער צו שיקט דיא בעקאנטמאכונג צו דיא צייטונגען און צוויי טעג שפּעטער ווער עס פערעפענטליכט איבער'ן גאנצען לאנד, אבער קיינער האָט זיך ניט געמאלדען וואס זאָל געבען איין אויפקלעהרונג. דיא בעקאנטמאכונג איז אויך געדרוקט געוואָרען אין פראנקרייך, אָבער אויך אהן ערפאָלג.

קיינער האָט ניט אויפגעקלעהרט ווער דיא אונגליקליכע פרויא איז געוועזן.

3טעס קאפיטעל.

א לויה און א מזל טוב.

אין וואלד וועכטערס הויז האָט אלעס נעהאט א יום טוב'דיגען אויסזעהן. מען האָט בעאבזיכטיגט צו פייערן צוויי וויכטיגע זאכען: א נאמען צו געבען דעם יתום און דיא בעערדינונג פון דער יונגער מוטער.

דעם גייסטליכענס שוועסטער, איין עלטערע פריילין איז פון דער פאסירונג שטארק נעריהרט געוואָרען, זיא האָט זיך אנגעשלאָגען צו זיין דעם קינדס קוואטער. דיא שעהנקייט פון דער טויטענס געזיכט און דער אונגעוועהנליכען טויט האָט זיא ביז דאס אינערסטע געריהרט.

דיא פרוי פון וואלד וועכטער האָט זיך ניט געקענט ערלויבען אליין צו געהען דיא ווייסע קלייד פאר דער טויטער, זיא האָט אליין געטהון דער טויטער איהר רעכט, אלס זיא האט געקאמט דער טויטער'ס האאר האט זיא אפגעשניטען איין לאָק אום צו בעהאלטען עס פאר דעם קינד.

— עס איז ראהער ווינטער אבער דוא זאלסט ניט זיין אהן פרישע בלומען! — האָט זיא געמורמעלט און האָט אפגעשניטען פון איהרע בלומען דיא ערסטע בליהונגען.

שטיל און רוהיג איז אין דעם וואלד וועכטערס הויז געווען, יעדער גערויש איז פערמיעדען געוואָרען. דיא טענער זיינען געגאנגען אזוי פאָרזיכטיג איבער'ן הויז גלייך וויא זיי וואָלטען פורכטען אויפצו וועקען דיא טויטע פון איהר שלאָף. דיא ערסט ליים טרעגער זיינען ערשינען, עס וואָרען יונגע וואלד וועכטער פון דער נאכבארשאפט, דאס הויז האָט זיך אנגעפיעלט מיט פערזאָנען וואָס האָבען דער טויטער געטהון איהר רעכט, צו לעצט איז ערשינען דער גייסטליכער און זיין שוועסטער.

דיא עלטערע פרויען האָבען גענומען דאס נייע געבאָרענע קינד און האָבען עס צוגעטראָגען צום זארג פון זיין מוטער, געבען דעם זארג פון זיין מוטער האָבען זיי דעם קינד געגעבען זיין נאמען.

אויף דעם וואלד וועכטערס וואונש האט מען דעם קינד א נאמען גע־

געבען סילוואַ. סילוואַ הייסט וואַלד, דער וועכטער האָט געזאָגט דאס קינד איז אין וואַלד געבאָרען און אין וואַלד זאָל עס בלייבען.

אַלס דיא צערעמאָניע מיט דעם קינד איז פאַראיבער, האָבען זעקס יונגע לייט אַפּגעטראָגען דעם זאַרג. דער גייסטליכער האָט געהאַלטען א ריהרענדע רעדע, פון וועלכער דיא פרויען האָבען געוויינט, דאן איז דער זאַרג אַראָפּגעלאָזען געוואָרען צו דער ערד, דיא האַרטע געפראָרענע ערד איז געפאַלען אויפ'ן זאַרג און דיא יונגע, שעהנע פרוי, וועלכע איז פריהצייטיג געשטאָרבען איז פערשאָטען געוואָרען.

שטיל און דערשלאָגען איז דער וואַלדוועכטער מיט זיין פרוי געקומען צוריק א היים, דער וואַלד וועכטער איז געזעסען א לאַנגע צייט שטיל און פערטראַכט, ענדליך האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי: מאַנדאַלענאַ, מיר האָבען בעשלאָסען צו בעטראַכטען דאס קינד פאַר אונזער אייגענע, אָבער נאָך מיין אנזיכט, דאַרף קיין זאַך ניט געטהון ווערען האַלב.

מאַגדאַלענאַ האָט איהר מאַן אנגעקוקט.

— זעה נור ליעבע ווייב, האָט דער וואַלד וועכטער געזאָגט צו זיין פרוי, ווען מיר וועלען בלייבען אין דיעזען געגענד, אזוי וועט סילוואַ ערפאַהרען דיא טרויעריגע געשיכטע פון איהר מוטער אזוי שנעל וויא זיא וועט אנפאַנגען צו ריידען. דאַדורך וועט איהר קינדהייט פערביטערט ווערען. זיא וועט אימער דענקען דאַס זיא האָט ערגעץ אַנדערע עלטערען און אונז וועט זיא בעטראַכטען אַלס איהרע ערציהער, זיא וועט אונז זיין דאַנקבאַר און וועט אונז עהרען, אָבער ניעמאַלס וועט זיא פאַר אונז היבען דיא עהרע פורכט וויא פאַר עלטערען, אום דיעזעס צו פערמיידען דאַרפען מיר א וועק פון דיעזען געגענד.

דיא פרוי האָט אויסגעהערט אַלעס וואַס איהר מאַן האָט צו איהר געזאָגט.

— דוּא האָסט רעכט, ליעבער פּאַיל! האָט זיא געזאָגט. אָבער בעדענק עס אויך דאַס דוּא וועסט ברענגען איין גרויסען אָפּפער, ווען דוּא וועסט דיין שטעלע אויפגעבען. דוּא האָלסט דיעזען אַמט זייט פונפצעהן יאָהר, דוּא ליעבסט דעם וואַלד, דיא יונגע בוימער וואַס זיינען אונטער דיינע אויגען געוואַקסען אייגגעפלאַנצט אין האַרצען. עס וועט דיר שווער זיין צו פערלאַסען

דיעזען געגענד און דיא געשעצטע און טהייערע פריינד. דערצו געפינט מען נית לייכט איין פאסענדען און גוטען ארט.

— אזא ארט האב איך שוין געפינען! — האט דער וואלד וועכטער געזאגט. — מיין פריינד הארטונג וויל זיך ענדליך זעצען רוהען, ער וויל אויפגעבען זיין שטעלע, און דער גראף האט מיר פארגעלעגט איך זאל אננעהמען הארטונגס שטעלע אבער איך האב עס נית געוואלט אננעהמען ווייל דיעזער געגענד וואר פאר מיר טהייער. איך וועל מיך הייטע ווענדען צום גראף. איך האף דאס איך וועל דיא שטעלע קריגען.

— קעניגס וואלדאו איז איבער דרייסיג מיילען פון וואלדענשטיין! - האט דיא פרוי געזאגט.

— דאס איז נאך בעסער! — האט דער וואלד וועכטער געזאגט. — וואס ווייטער מיר וועלען זיין אלץ זיכער וועט סילוויא'ס אפשטאמונג בלייבען א געהיימניס.

— קעניגס וואלדאו ליעגט צווישען דיא בערג! — האט דיא פרוי געזאגט.

— דיא ריינע לופט פון דיא בערג וועט זיין גוט פאר דאס קינד! — האט הערווארט געזאגט.

— נון אזוי וויא דוא האסט בעשלאסען אזוי וועט זיין! — האט דיא פרוי צו איהם געזאגט, איך מוז געשטעהן אז אנפאנגס וועט מיר שווער זיין צו געוואהנען זיך צום נייען לעבען, אבער איך זאג וויא רות האט געזאגט. דיין גאטט איז מיין גאטט, דיין פאלק איז מיין פאלק, דיין לאנד איז מיין לאנד.

— דוא ביזט מיין ליעבעס ווייב! האט דער וואלד וועכטער געזאגט, דוא ביזט אימער בערייט אנצוגעהן אויף מיינע געדאנקען און פלענער.

מיט דיעזע ווערטער האט דער וואלד וועכטער גענומען זיין הוט און איז א וועק צום גראף.

— גוטע נאכריכטען! — האט ער אויסגערופען אלס ער האט זיך אומגעקעהרט נאך הויזע, איך האב דיא שטעלע ערהאלטען, אנפאנגס יאהר געהן מיר נאך קעניגס וואלדאו.

4טער קאפיטעל.

ערסטע ליעבע.

זיעבעצעהן מאל איז דער בערגעל ערד אויף דער טויטער פרוי בעוואקסען געוואָרען מיט גרינע גראז זיעבערצען מאל האָט דער ווייסער שנעע בעדעקט דעם קבר, זיעבעצעהן יאהר זיינען אוועק זייט דיא אונבעקאנטע פרוי איז אריינגעטראָגען געוואָרען אין וואלד וועכטער ס הויז, וואו זיא האָט געבאָרען א קינד און האט אויסגעהויכט איהר נשמה.

אין דיזע זיעבעצעהן יאהר האָט הערווערט פיעלעס געטהון אום אויסצוגעפינען דעם נאמען פון דעם קינד'ס מוטער, אבער אלעס וואר אומזיסט און אין דער לעצטער צייט האָט ער עס אויפגעגעבען.

אין דער וואהרהייט, האָבען סילוואָ'ס ערציהער קיין גרעסערע פורכט געהאט אלס פאר פערוואנדטע פון זייער א דאפטירטען קינד. סילווא איז געווען זייער גרעסטע פריינדע זייער שטאָלץ און האָפנונג, אלע זייערע געדאנקען און טראַכטען וואַרען געריכטעט נור אויף דעם וויא צו מאכען גליקליך דאס קינד.

סילווא האָט ניט געוואוסט דאס קלענסטע דאס זיא איז ניט דיא טאָכטער פון דעם וואלדוועכטער און זיין פרוי, אלע איינוואהנער פון קעניגסוואלדאו האָבען עס איהר ניט געקענט לייקענען ווייל קיינע פון זיי האָבען דאס געהיימנים געוואוסט.

סילווא איז אויפגעוואקסען פריש און פרעהליך, זיא איז געוואָרען זעהר שעהן און דיא ערציהער האָבען מיט שטאָלץ געזאָגט דאס זייער קינד איז דיא שעהנסטע און פיינסטע אין געגענד.

אלס סילווא איז געוואָרען צייטיג צו געהן אין שוהל האָט זיא הערווארט ניט געשיקט אין דער דארפס שולע, זאנדערען ער האָט פאר איהר גענומען און ערצירען אין הויז, דיא ערציהערין וועלכע איז געווען א פארנעהמע דאמע האָט גיזהאט א גרויסען איינפלוס איבער סילווא. דאס קינד איז געווען מיט ליב און לעבען צו געבונדען צו דער קרענקליכער, נערוועזער, לעהרערין, וועלכע

האָט נעקענט ערצעהלען פוו שעהנע זאכען און האָט געקענט זינגען שעהנע ליעדער און שפּיעלען קלאוויר.

דיא איינוואהנער פון דארף וואָרען אנפאנגס אויפגערעגט וואָס הארוואָרט האָט נעקויפט אַ פּיאנא און וואָס סילווא האָט אזוי פיעל צייט פערלאָרען אויף דער פּיאנא, אבער באלד האָבען זיי דעריבער אויפגעהערט צו ריידען וויל זיי דאָבען געפינען איין אנדער טהעמא, צו דעם גרעסטען ערשטוינען פון אלע לייטע אין קעניגסוואלדאו איז דער יונגער גראף ווערנער, אַ אייניקעל פון גראף ווילדענשטיין געוואָרען א טעגליכער בעזוכער פון וואלד וועכטער׳ס הויז.

— וואוהין וועט עס פיהרען ? — האָבען דיא קעניגסוואלדאוער געפרעגט, דער וואלדוועכטער מוז בלינד זיין, אונזער אלטער גראף איז זעהר שטאָלץ. סילווא מעג טויזענד מאל זיין דיא שעהנסטע מיידעל אין גאנצען לאנד, וועט ער זיא דאָך ניט אנערקענען פאר דיא כהל פוו זיין אייניקעל.

— וואָס מאכט עס אויס! — האָט א קלוגע פערזאָן געפרעגט, גראף ווערנער בעזיצט קיינע עלטערען און קיינע שוועסטער, ווען דער אלטער גראף שטארבט, דאן איז גראף ווערנער אליין הערר איבער אלעס און ער קען הייראטהען וועמען ער וויל.

— באה, ווען עס קומט צום הייראטהען וועט ער זיך געוויס אויסזוכען איין אנדער דאמע, פלענט איין צווייטע פרוי זאָגען, דיא פאָרנעהמע העררען פערברענגען גאנץ גערן מיט דיא שעהנע מעדלעך פון פאָלק אבער הייראטהען ווילען זיי מיט זייער גלייכען, סילווא וועט נאָכט דאנקען ווען א געוועהנליכער מאַן וועט זיא הייראטהען.

סילווא האָט פון דיזע אלע רייד קיין אהנונג געהאט, זיא האָט געלעבט אין גליק, און האָט ניט געוואוסט פון קיין קומער. איהרע עלטערען האָבען ערפיעלט אלעס וואָס זיא האָט געוואונשען זיא וואר געזונד און שעהן און זיא האט געליבט צום ערסטען מאל, האָט געליבט מיט דיא גאנצע קראפט פון איהר ריינעם הארצען דעם יונגען שעהנעם גראף, וועלכער האט געוואונען איהר גאנצע הארץ זיא האָט איהם געליבט און האָט געפיהלט דאס זיא געהערט נור צו איהם.

נאָך איז קיין וואָרט פון ליעבע צווישען דיא צוויי אויסגערעדט געוואָרען דאָך האָט סילוואַ געפיהלט דאס ווערנער איז צו איהר פאָל מיט ליעבע.

וואָס פאר גליקליכע שטונדען וואַרען עס, ווען גראַף ווערנער האָט געזואַנדערט ביי איהר זייט. ווען ער האָט פערשטאַנען צו ריידען אזוי גוט פון פרעמדע לענדער, און האָט פאר איהר געקענט אלעס שילדערין מיט שעהנע פארבען, סילוואַ'ס אויגען זיינען דאַן געהאַנגען אויף דעם שעהנעם מאַן, זיא האָט אלעס פערגעסען און וואָלט נור מיט איהם געוואַנדערט, זיא האָט קיין זאַך ניט בעגעהרט, האָט פערגעסען כבוד און רייכטהום. זיא האָט נור געוואונשען צו בעזיצען ווערנער'ס ליעבע, אלעס אנדערע וואַר אין איהרע אויגען קיין זאַך ניט ווערטה.

מיט זאָרג האָט דער וואַלד וועכטער בעטראַכט זיין ליעבלונג. — וואוהין וועט דאס אלעס פיהרען? — האָט ער אויך געפרעגט, ער האָט בעזעסען פאָלען צוטרויען צום יונגען גראַף, אבער ער האָט עס געהאַלטען זיין פפליכט אלס פאטער אפצוהאַלטען איהר פון ווייטערע שריט, זיא האָט ערסט איין טאָג געוואַרט ביז ווערנער איז פון סילוואַ'ן אַוועק און איז גאַנץ געלאַסען צו געגאַנגען צום גראַף:

— הערר גראַף. האָט ער גאַנץ געלאַסען אנגעפאַנגען מעג איך אייך בעטען פאר א קורצען געשפרעך.

— מיט פערגניגען בערייט אייך צו דינען! — האָט ווערנער געענטפערט.

— דאַרף איך אייך בעטען אויף איין אויגענבליק אין מיין צימער? האָט ער ווייטער געזאָגט.

ווערנער האָט געפאָלגט דיא אויפפאָדערונג.

— הערר גראַף, — האָט ער אנגעפאַנגען, דאס דאַרף ווייטער אַזוי ניט פאָרטגעהן.

— ביי גאָטט, הערר הערוואַרט! — האָט דער יונגער גראַף גאַנץ עהרליך געזאָגט, איך מיין עס גאַנץ עהרליך.

— דער פון בין איך איבערצייגט. האָט דער וואַלד וועכטער אנגעפאַנגען, ווען איך וואָלט דיעזע איבערציינונג ניט געהאָט, זאָ וואָלט איך אייך שוין לאַנג ארויסגעוואָרפען וויא א געמיינעם הינד.

— בערוהיגט אייך, הערר הערוואַרט! האָט דער יונגער גראף ווייטער געזאָגט, איך ליעב און עהרע אייער סילוואַ.

— איהר ליעבט און איהר פערעהרט מיין טאָכטער! — האָט דער וואַלדוועכטער ווייטער געזאָגט, אבער איהר וועט הייראַטהען א גאַנץ אַנדערע.

— קיין מאָל! — האָט ווערנער אויסגערופען מיט בליצענדע אויגען.

דער וואַלדוועכטער האָט געמאַכט איין שאַרפע מינע.

— הערר! — האָט ער געזאָגט גאַנץ ערנסט, — איהר זייט שולדיג צו בעטראַכטען אייער שטאַנד. איך בין אָבער אויך פערפליכטעט צו זעהן דאס מיין קינד'ס נאָמען זאָל זיין ריין פון יעדען פלעק. בעדענקט דאָך אליין, סילוואַ איז אונזער איינציגער שטאָלץ אונזער גליק און פריידע איך מוז זיין דער טויט פיינד פון דעם מאַן וואס פעראורזאַכט מען זאָל בעריידען מיין טאָכטער הערר גראַף קוקט נור אן מיינע גראָע האָאר זיי זיינען גראָע געוואָרען אין עהרע, ווילט איהר זיין דער מאַן וואס וועט איבער מיר ברענגען שאַנדע און שפּאָט.

— האַלט איהר מיך פאַר א שורקע? — האָט ווערנער געפרעגט און איז געוואָרען בלייך. גלויבט איהר דאס איך קען זיין אזוי נידעריג צו פערפיהרען אייער סילוואַ....

— איהר זייט אין אירטהום, הערר גראַף! — האָט דער וואַלדוועכטער אויסגערופען, איך קען אייך און איך קען מיין טאָכטער, ניט דער אונגלויבען געגען אייך דיקטירען מיר דיעזע ווערטער, אבער איך וויל ניט געבען דיא לייטע וואס צו ריידען איך בעט אייך פערמיידעט פון יעצט מיין הויז.

— דאס קען איך ניט! איך קען ניט לעבען אהן סילוואַ! — האָט דער גראַף אויסגערופען.

— דאַן צווינגט איהר מיך! האָט דער וואַלדוועכטער געזאָגט, דאס איך זאָל מיך אדער זעגנען פון מיין קינד, אדער איך זאָל אויף דער עכטער געהמען דעם וואַנדער שטאָב און זוכען א נייע היים.

— דאס זאָלט איהר ניט טהון! — האָט ווערנער אויסגערופען, איך וויל אייך ניט פערטרייבען פון אייער היים, איהר זאָלט דא בלייבען נאָך הייטע וועל איך מיין גראָספאַטער ערקלעהרען מיין ליעבע, ווען ער וועט מיין סילוואַ זעהן וועט זיין שטאָלץ שווייגען, סילוואַ איז גענוג צו בעפּוצען א קעניגס טראָהן

זיא וועט געווינען מיין גראָספּאַפּא ביי דעם ערסטען בליק.

דער וואלד וועכטער האָט אבער ניט געגלויבט אין דיעזע האָפנונגען, ער האָט אויסגעזעהן אונרוהיג און טרויעריג און האָט ווייטער געזאָגט.

— זא פערשפּרעכט איהר מיר העד גראף דאס איהר וועט מעהר אין מיין הויז ניט קומען?

— ניין! האָט ווערנער אויסגערופען. דיעזען פערשפּרעכען קען איך אייך ניט געבען. איך ליעב סילוואַ'ן איך האָף צו קומען אין אייער הויז, אלס איהר ערקלעהרטער חתן.

— האָט איהר זיך שוין ערקלעהרט מיט מיין טאָכטער? — האָט דער וואלד וועכטער געפרעגט.

— ניין! — האָט דער גראף געענטפערט, איך וויל פריהער ערווערבען דיא הסכמה פון מיין פאמיליע.

— דאס וועט איהר קיין מאל ניט געווינען! — האָט הערוואָרט געזאָגט·

גראף ווערנער האָט געלאכט.

— איך האָף עס נאָך הייטע צו ערווערבען! — האָט ער געזאָגט. — איך וועל זאָפאָרט געהן א היים און וועל מיין הערץ עפענען פאר מיין גראָספּאַפּא, אויף ווידער זעהן!

ער האָט געדריקט דעם וואלד וועכטער דיא האנד, האָט פערלאָסען דאס הויז און האָט זיך געלאָזט רייטען צוריק צו זיין שלאָס.

4טעם קאַפּיטעל.

א בונד פון בלוט.

דער שלאָס קעניגס וואלדאו איז געוועזען איין אלטע געביידע, וועלכען א גרויסער קינסטלער האָט אויסגעבויט פון גראנאט אזוי שטארק דאס ער האָט הונדערטע יאהרען אויסגעהאלטען יעדען שטורם און וועטער. גלענצענדע, בוימער פון גרויסע בלעטער האָבען ארומגערינגעלט דעם שלאָס און האָבען איהם געגעבען איין שעהנעם, פרישען אויסזעהן,

דיא אינערע צימערען פון שלאָס וואָרען פערפוצט מיט פּראַכט און

גלאנץ, וואס א קונסטלערישע האנד האָט אויסגעלעגט מיט געשמאק, ווייכע סמירנער טעפּיכען האָבען בעדעקט דעם באָדען, צווישען גרינע פּאלמען האָבען ארויסגעקוקט געקונסטעלטע פיגורען פון מארמאר, און אויף די ווענד האָבען זיך געפינען איינינע בילדער פון גרויסען ווערט, דען זיי זיינען געוועזען מייסטער שטיק פון ערסטען ראנג.

נור איין צימער אין דיעזען שלאָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט בעזאָנדערע איינפאכהייט, די ווענד ווארען בעדעקט מיט לעדער און די מעבעל ווארען פון נוסבוימער, א גרויסער ביכער שראנק און א פּאאר קאסטענס האָבען געפּאסט צום גאנצען מעבעל פון צימער, דיעזער צימער וואר דער ליעבלינגס פּלאַטץ פאר דעם גראף העריבערט פאן ווילדענשטיין, דער גראָס פּאַטער פון יונגען גראף ווערנער.

גראף הירעבעט וואר אין די זיעבעציגער יאהרען, ער האָט בעזעסען א הויכע, שטארקע געשטאלט. די הארטע צייכענס אויף זיין געזיכט האָבען בעוויזען דאס דיעזער גראף איז גאנץ וועניג בערייט צו אכטען ליעבע און געפיהל פון יונגע לייטע.

פאר זיינע אונטערטהאנען וואר דער גראף א שטרענגער אבער גערעכטער הערר, זיין איינציגען זאָהן האָט ער געוויזען וויניג פריינדשאפט, דאך דער פריהצייטיגער טויט פון זיין זאָהן האָט געמאכט א טיעפע וואונדע אין זיין הערצען, און ער וואָלט זיין יונגע שעהנע שנור זעהר טהייער געהאלטען, אום צו פערהינדערען זיא פון א צווייטע הייראטה.

ערסט אלס דער גראף האָט זיך איבער צייגט, דאס זיין שנור, האלט הייליג דעם אנדענקען פון זיין זאָהן איז זיין הארץ געווארען רוהיג, און אלס זיא איז געשטארבען יונג האָט ער נאך איהר שטארק געטרויערט און האט אנגעווענדעט אלע זיינע קרעפטען אויף איהר קינד ווערנער.

דער אלטער גראף האָט געהאט א גרויסע ליעבע צו זיין איינינקעל. אבער ער האָט עס ניט ארויסגעוויזען, ווערנער האָט זיך ניט געקענט ערא־ינערען, ווען זיין גראָספּאַטער האָט איהם געגעבען א קוש אדער א גלעט. דער אלטער גראף האָט פאר זיין איינינקעל אלעס געטהון. ער האָט איהם פערזאָרגט מיט אלעס וואס ער האָט בעדארפט דאך האָט ער מיט איהם קיין ווארט ניט גערעדט.

דער בעזיצער פון קעניגס וואלראו איז געזעסען ביי זיין שרייב טיש, וועלכער וואר פערוואָרפען מיט פּאפּירען, זיין שטערן וואר טיעף פערקנייטשט, אלס ער האָט געלעזען א גראָבען בריף. דאן האָט ער איהם צוריסען אין שטיקער און האָט איהם אריינגעווארפען אין פּאפּיר קארב.

— איין אונבעקאנטער שרייבער, בעשולדיגט מיין ווערנער, דאס ער פיהרט איין פערבאָטענע ליעבע! — האָט ער צו זיך געמורמעלט. דאס איז א ליגען, מיין ווערנער וועט ניט בעגעהן א זאך וואס איז ניט ערלויבט צו טהון אין דער עפענטליכקייט. פיעלייכט האָט ער געשפּאסט מיט א שעהנער פרוי, אבער איך בין זיכער אז ער איז ניט ארויס פון גרענעץ.

ער האָט א דרוק געטהון א קנאפּף אין באלד איז אריין איין אלטער דינער.

— גערהארד! — האָט דער אלטער גראף געזאָגט. — דוא ביזט אימער געוועזן איין אלטער געטרייער דינער.

— העדר גראף, איהר זייט זעהר גנעדיג! — האָט דער דינער זיך אפּגע־רופען. עס איז מיר אימער געוועזן א פריידע צו דינען אייך העדר גראף, זא וויא אלע מיינע עלטערען וואר א פריידע צו דינען אייערע עלטערען.

— דוא ווייסט! — האָט דער אלטער גראף געזאָגט. — דאס איך ליעב ניט שפּיאָנירען, הייטע מוז איך אבער מאכען איין אויסנאהמע. איין אונבעקאנ־טער שרייבער ערלויבט זיך צו זאָגען דאס מיין איינינקעל פיהרט איין אונגעזעצ־ליכע ליעבע, איך ווייס אז דאס איז א ליגען, ווייל א גראף ווילדענשטיין זינקט ניט צו א פערפיהרער, אבער דאך פרעג איך דיך אויב דוא ווייסט, וועלכע פערבינדונג מיין זאהן האט אין דארף. פאהרט ער אָפט אין דארף?

— אין דארף? דער פון איז מיר ניכט בעקאנט! — האָט דער דינער געזאגט.

— דוא בעהאלסט עטוואס פון מיר, געררהארד! — האָט דער גראף אויס־געררופען. מיר שיינט דאס דוא ווילסט ניט זיין איין פערדעטהער.

— עס איז שווער צו זיין א פערדעטהער אויף א נאָמען, גענעדיגען העדר? האָט דער אלטער דינער געמורמעלט.

— פון פעראטה איז דא קיין רעדע! — האָט גראף ווילדענשטיין גע־זאָגט.

— זייט דאך גענעדיג, העדר גראף! — האט דער דינער געזאָגט. אבער גענוג, אלעס וואס דער גראף וויל וויסען קען ער עס וויסען פון זיין אייניקעל אליין.

— דאָן איז עטוואס אמת, אין דער געשיכטע! — האָט דער גראף געזאָגט און האָט פערביסען דיא ליפּ, גוט, ווערנער זאָל מיר אלעס פער־ענטפערען.

אין דיעזען מאָמענט איז ארייטער אנגעקומען אין שלאָס.

דער גראף האט א קוק געטהון און האָט דערזעהן דורך'ן פענסטער דעם שעהנעם יונגען מאַן.

— געה רוף אריין מיין אייניקעל! — האט דער גראף געזאָגט צום דינער, איך וויל מיט איהם ריידען.

— צו בעפעהל, גנעדיגער העדר!

איינגע מינוטען שפּעטער איז דער זיידע מיט דעם אייניקעל געזעסען ביי׳ איין טיש.

6טער קאפּיטעל.

שטורם.

גראף הירבערט פאָן ווילדענשטיין האָט אנגעקוקט זיין אייניקעל מיט שארפע אויגען. דיעזע בליקען האָבען געמוזט אויספאלען צוגינסטען פון דעם יונגען מאן, דען דעם אלטען'ס שטערן איז געוואָרען ליבטיגער און העלער.

— ווארנער איז ניט בעגאנגען א פערברעכען וואס קען בעפלעקען אונזער אלטער נאמען! — האָט דער גראף געדאכט. ער האָט זיך אליין געשעמט וואס ער האָט איהם פערדעכטיגט, דאך האט ער זיך געוואָלט פערזיכערען מיט איינינע פראגען; דארום האט ער אנגעפאנגען מיט אזא געשפּרעך.

— ווארנער אונזער פאמיליע שטעהט ביי'ן אונטערגעהן, דוא ביזט דער לעצטער פון אונזער שטאם, מיט דיר וועט שטארבען דיא פאמיליע ווילדענשטיין.

— איך בין נאך יונג! — האט ווערנער געענטפערט מיט א געלעכטער.

— גאנץ געוויס! — האָט דער אלטער געזאָגט. — אבער ניט צו יונג אום צו טראכטען פון א הייראטה!

— אונזערע געדאנקען שטימען איין! — האָט וואָרנער אויסגערופען מיט פריידע, יא גראָספאפא, איך האָב ווירקליך דעם וואונש צו הייראטהען.

— אה! — האָט דער גראספאטער אויסגערופען. און ווער איז די דאמע וואס דוא האָסט פאר זיך געוועהלט? איז דאס די גרעפין דארבוך, אדער דאס פריילין פאָן הארדפעל?

— עס איז קיינע פון די צוויי דאמען! — האָט גראף ווערנער געענטפערט, מיין אויסערוועהלטע טראָגט קיין קראָהנע, זיא איז די טאָכטער פון'ם איינפאכען בירגער.

— וואס הער איך? — האָט דער אלטער גראף אויסגעשריען, — דוא אונגעהאָרכזאמער יונגיל, דענקסט דוא צובעפלעקען אונזער שילד דורך איין ניעדעריגע הייראטא! אזוי בענוצט דוא די פרייהייט וואס איך האָב דיר געגעבען? דוא ביזט איין אונדאנקבארער! ווען דוא דענקסט דאס איך וועל דיין משוגעטע האנדלונג ערלויבען ביזט דוא אין טעות, דוא ווערסט הייראטהען נאך דיין שטאַם און אזוי שנעל וויא מעגליך, פערגעס ניט וואס דוא ביזט שולדיג צו אונזער נאָמען געשלעכט! שווער מיר דאס דוא ווערסט אויפגעבען יענע פערזאָן, וואס האָט וויא אשלאנג פערשטאנען צו געווינען דיין הערץ!

ווערנער איז געוואָרען פאל מיט צאָרן זיינע אויגען האָבען געשאָסען מיט פייער.

— דיא דאמע וועלכע איך ליעב און וועלכע איך האָב אויסגעוועהלט פאר מיין פרוי. האָט ער אויסגערופען, פערדינט דיין גרעסטע אכטונג!

— זאָג מיר נור איהר נאמען! — האָט דער גראף אויסגערופען בלייך פאר צאָרן.

— מיין געליבטע איז ריין וויא איין ענגעל, אזוי ליעב. אזוי שעהן דאס זיא קען זיין א צירונג פאר א קעניגס טראָהן! — האָט גראף ווערנער גאנץ קאָלט געזאָגט. — ניט מיר לאָזען זיך צו איהר אראפ, זאָנדערן זיא בייגט זיך ארונטער צו אונז.

— בלינדער נארר! — האָט דער אלטער געשריען. זאָג מיר איהר נאמען! איהר נאמען!

— איהר נאמען וועסט דוא ערפאהרען ווען זיא וועט זיין מיין פרוי! — האָט גראף ווערנער געענטפערט מיט בעשטימטהייט, ווייל ער האָט דערזעהן דעם שטורם וואָס זיין אפענהערציגקייט האָט ארויסגערופען.

— א דורכגעטריבענע מכשפה, זאל קיין מאל ניט טראָגען דעם נאמען ווילדענשטיין! האָט גראף הירבערט אויסגעשריען מיט צאָרן. — מיינסט דוא דאס איך וועל עס וועלען ליידען דאס דוא זאָלסט בעפלעקען אונזער עהרע, איך וועל דיך ענטזאגען פון אונזער ירושה!

— דערמיט וועסט דוא מיך ניט הינדערען צו הייראטהען מיין געליבטע. האָט גראף ווערנער אויסגעשריען, — קענסט מיך ענטערבען! דעם שלאָס פעלזאג קענסט דוא פון מיר ניט צונעהמען, ווייל דאס איז מיין נאטירליכע ירושה. און דיא איינקינפטע פון פעלזאג זיינען גענוג אום צו פערזיכערען דיא עקסיסטענץ פון מיין גאנצען לעבען. איך בין שוין ערוואקסען און בין מיין איינענער הערר, אויס אנשטענדיגקייט בין איך געקומען בעטען דיין ערלויבניס צו מיין הייראטה......

— אנשטענדיגקייט! — האָט דער גראף אויסגעשריען, — קענסט דוא ווירקליך ריידען פון אנשטענדיגקייט? אבער מיר שיינט אז איך פערליר מיין געדולד. נון, ווען דוא ווילסט דורך אויס זונקען און דיין שאנדע קען איך עס ניט פערהינדערען, אבער ערלויב מיר איך זאָל דיר ערקלעהרען דיא מיטלען וועלכע איך וועל אנווענדען, אין פאל ווען דוא וועסט דיין וואהנזיניגע אידעע ניט אויפגעבען. איך וועל נאך היינטע טעלעגראפירען נאך ענאן פאן שטורמפעדער. ער איז נאך דיר דער נעכסטער יורש. איך בעדויער שטארק וואָס דער ארמער ערנסט איז אזוי פריה געשטאָרבען, ער וואָלט מיר געוועזען פיעל ליעבער פיר מיין ערבע אלס דער ענאָן, וועלכען איך האב ניעמאלס געליבט. אָבער איך קען דיא טויטע ניט לעבעדיג מאכען, און מוז זיך צו פריעדען שטעלען מיט דעם ענאָן, ווען דוא ווילסט ניט קומען צום פערשטאנד.

— אויב דוא מיינסט דער מיט צו מאכען איך זאָל פערלאסען דיא דאמע וועלכע איך ליעב, זאָג איך דיר דאס דוא וועסט עס קיין מאל ניט אויס פיהרען! האָט ווערנער גאנץ פעסט געזאָגט.

— זא איז דיר יענע דאמע מעהר ווערטה אלס דיינע אלטער נאָמען, דיין רייכער פערמעגען אין דיא אכטונג פון דיינע מיטמענשען? -- האָט גראָף הירבערט אויסגעשריען, גרויסער גאָטט! וויא קענסט דוא אזוי פערבלענדעט זיין! פערגעס דאך ניט, אז דיא פערזאָן לאזט זיך אפּהאנדלען מיט א ביסעל געלד און דוא ביזט בערייט צו אָפּפערען פאר איהר אלעס וואס דוא האָסט.

— גראָספאָטער, דענקסט דוא ווירקליך, דאס איך האָב פערשענקט מיין הערץ צו אזא אונווירדיגער? האָט ווערנער מיט גאנצען ערנסט געפרעגט איך שווער דיר אז קיין אויסערוועהלטע איז גוט און ריין וויא איין ענגעל.

— אין דיינע אויגען! האָט גראף הירבעט נעענטפערט, אבער אין דער וועלט׳ס אויגען איז זיא א פערזאן וואס יעדער קען קויפען פאר א גוטען פּריז.

— האלט! — האָט גראָף ווערנער אויסגעשריען און זיין געזיכט האָט זיך פאָלשטענדיג פערענדערט. האלט יעדער ווארט געגען דיא עהרע פון מיין געליבטער שאדעט מיין עהרע!

— מיין גאָטט, מיין גאָטט! — האָט דער אלטער גראָף געקרעכצט, דוא רעדסט פון איין אפּגעמאכטע זאך, זא האָסט דוא זיך ווירקליך אזוי וויט פערגעסען, און האָסט אויסגעשטרעקט דיין האנד נאך איין פרעמדע פרוי אך, זא האָט דער אונבעקאנטער שרייבער וועלכען איך האָב געהאלטען פאר א שענדליכען פערלײמדער געשריבען דיא וואהרהייט!

— דוא רעדסט צו מיר רעטעניש! האָט גראָף ווערנער געזאָגט, מיין געליעבטע איז קיין פערהייראטהע פרוי, זיא איז דורך קיין בונד געשמיעדט, און איך בענעה קיין זינד ווען איך ליעב זיא.

— דוא ליעבסט אלזא א דאָרפס מיידעל מיט רויטהע באקען! האָט האָט גראָף הערבערט געשריען, ווערנער, נאך איז צייט אומצוקעהרען זיך נאך איז דער לעצטער שריט ניט געשעהן, קעהר דיך אום, איך וויל דיר אלעס פערגעבען נאך מעהר איך וועל יענער פערזאָן שענקען אזא רייכען נדן דכס זיא וועט קריעגען צעהנדליגע חתנים. און איז בערייט צו פערצייען געוויסע פערברעכען ווען מען קריעגט נור דערפאר א קליינגענדען בעלאהנונג, ווען

דיין מיידעל וועט קענען געבען איהר חתן א גוטען נדן זא וועט ער צו מאַכען זיינעביידע אויגען.

גראף ווערנער איז געוואָרען רויטה וויא פייער.

— דיעזע ווערטער שינדען אונז אויף אייביג! האָט ער געענטפערט מיט א ציטערענדער שטימע. דוא האסט בעליידיגט דיא ריינסטע פון איהר געשלעכט, דוא האָסט געשטעלט איין געטליכען ענגעל אויף איין שטופע מיט דיא פערלאָרענע בעשעפענישען,ביי וועלכע קיין זאך איז ניט הייליג, פון הייטע אָן זיינען מיר געשידען, איך וועל צוריק איינאָרדנען דעם שלאָס פעלזאָנג און וועל א הין אריינגעהמען מיין יונגע פרוי אזוי שנעל וויא איך וועל פאַר מיין געליבטער מאַכען א היים, וועל איך מיט איהר הייראטהען.

— דאס וועט קיין מאל ניט געשעהן! — האָט דער אלטער אויסגעשריען בעסער וועל איך דיך, דעם לעצטען פון מיין פאמיליע זעהן שטאַר און קאַלט אין קבר. איידער איך וועל דיר לאָזען צו בעפלעקען אונזער נאמען מיט שאַנדע און שפּאָט. איך שווער דיר, דאס איך וועל אנווענדען אלע מיט וואס זיינען נור מעגליך אום צו פערהינדערין דיא פערבינדונג צווישען דיר און דאס בויער'ין מערכען, איך וויל יענעם מערכען געפינען און מיין צאָרען זאָל זיא צערשמעטערען.

— איז דאס שעהן צו פיהרען א קריעג מיט דאַמען? האָט גראף ווערנער געזאָגט. קען א גראף ווילדענשטיין זיך אזוי וויט פערגעסען, דאס ער וויל פערניכטען אונשולדיגע מערכען?

גראף הירבערט האָט געפיהלט דיעזע ווערטער וויא א פייל אין הארצען.

— דוא האסט רעכט! האָט ער געמורמעלט, דאס מערכען זאָל זיין פריי אבער דיר שווער איך קריעג, קריעג ביז אויפ'ן מעסער! קריעג, ביז דוא וועסט פאלען אויף דיא קניע און וועסט יאמערען אום גנאַדע!

— א גראף ווילדענשטיין שטאַרבט אבער ער בעט ניט אום גנאדע, האָט גראף ווערנער געזאָגט, איך קען שטאַרבען, אבער אונטערגעבען וועל איך מיך ניט. דוא ערקלעהרסט מיר קריעג, גוט, איך נעם עס אָן, דוא זאָלסט אבער ניט בערייען וואס דוא האסט פערשטאָסען דעם לעצטען פון דיין פאמיליע.

מיט דיעזע ווערטער האָט זיך דער גראף אומגעקעהרט און האט פערלאסען דעם צימער.

זיין גראָספאטער איז געבליבען זיטצען פערטראכט אין פינסטערע געדאנקען.

7טעם קאפיטעל.

דער מאי פון לעבען בליהט נור איין מאל.

— גראף ווערנער האט זיך בעגעבען אין זיין צימער, דער שטרייט מיט זיין גראָספאטער האָט איהם געדרונגען טיעפער אין הארצען אלס ער האָט געוואָלט ארויסווייזען, דען ער האָט געהאט צו זיין פאטער איין גרויסע פערעהרונג און עס האָט איהם שטארק לייד געטהאָן איהם צו ערגערען, אבער נאך מעהר האָט איהם פערדראָסען, וואס זיין גראָספאפא האָט אזא גראב בעליידיגט זיין סילווא.

אום קיין פרייז האָט ווערנער געוואָלט זאָגען זיין געליבטער'ס נאמען, ער האָט געפיהלט דאָס סילווא איז ניט זיכער.

איין אויגענבליק האָט זיך געלעגט א דונקעלער שאטען איבער ווערנער'ס גליק און זעליגקייט, ער האָט אנגעשפארט זיין קאָפף אין האנד און וואר פערזונקען אין פינסטערע געדאנקען, אבער דיעזער שווערער מוטה האט געדויערט נור איין ווײלע, באלד האָט זיך סילווא'ס שעהנע געשטאלט געשטעלט פאר זיינע אויגען און ער האָט אויסגעשברייט ביידע הענד נאך איהר, גלייך וויא זיא וואָלט אין דער ווירקליכקייט געווען ניט וייט פון איהם.

דיא ערֿאינערונג אויף זיין געליבטע איז יעדער שווערער געמיטה פערשוואונדען פון זיין הערצען, ער האָט זיך אויפגעהאָבען איז צוגעגאנגען צו א טהייערען שראנק וועלכען ער האָט געעפענט און האָט פון דארט ארויסגענומען איין אלט מודישען שמוק קאסטען, אלס ער האָט דעם דעקעל געעפענט האָט א ליכטשטראהל א בליטץ געטהון אין זיינע אויגען.

— וויא דיעזע בריליאנטען פינקלען! האָט ער געמורמעלט. — סילווא'ס אויגען זיינען נאך ליכטיגער.

ער האָט אונטער דיא אלע זאכען אויסגעקליבען א רינג, מיט איין איינציגען דימאנט פון ריינעם וואסער. דיעזער רינג איז געווען דער פערלאָבוננס רינג פון דער גרעפין רות, איהם זאָל סיקווא אויף טראָגען, צום עוויגען צייכען דאס ווערנער און סילווא זיינען אויף אייביג פעראייניגט.

ווערנער האָט דעם רינג אריינגעלעגט אין זיין ברוסט טאשע און האט דאן געלאָזט אנזאָטלען זיין פערד.

— הער גראָף איהר זייט ערסט צו ריק מיט איינינע שטונדען ערסט אנגעקומען און יעצט רייט איהר שוין ווידער צוריק! — האָט דער קנעכט געזאגט צום צווייטען. וואס סען דאס בעדייטען?

— וואס געהט עס דיר אָן? — האָט דער אנדערער געזאָגט, דער גראָף וייס שוין וואס ער טהוט.

מייער, דער קוטשער מיט דעם רויטהען קאָפף, האָט דיא צווייען בעפאָלען זיי זאָלען שנעל געהן צו דער ארבייט.

באלד איז ווערנער אפגעפאהרען צום וואלד וועכטער'ס הויז, באלד וויא ער איז אהין געקומען איז ער אראפגעשפרונגען פון פערד און איז אריין אין גארטען, וואו ער האָט באלד דערזעהן דיא העלע זאָמער קלייד פון זיין געליבטער, אין איינינע סעקונדען איז ער צו איהר צוגעלאָפען.

זיא האָט איהם אנגעקוקט, גלייך וויא זיא וואלט איהם אנגעקוקט פון טרוים.

— פריילין סילווא! — האָט ווערנער אנגעפאנגע, דארף איך מיר ערלויבען צו שטעלען אייך א פראגע?

זיא האָט נים געענטפערט, איהר הערץ האָט איהר געשלאָגען, איהרע אויגען האָבען געזונקען צום באָדען.

ווערנער האָט אנגענומען איהר האנד און ארומנעהמענדיג זיא מיט זיינע פיינע הענד האָט ער געזאגט: — פריילין סיקווא, קענט איהר מיך ליעב האָבען? נור איין ביסעל ליעב האָבען? !

— ניין! — האָט דאס יונגע מעדכען געזאָגט.

— אין בין איך נים אנגענעהם? איהר האסט מיך? — האָט ווערנער געפרעגט.

זיא האָט אויפגעהאָבען דיא אויגען צום מאנן אין האָט איהם בעשאָנקען

מיט א הימעל פאָן ליעבע און טרייהייט.

— דוא ליעבסט מיך! און איין ארימער געפיהל האָט אנגעפיהלט זיין הערץ, — סילווא, דוא ליבסט מיך!

אין נעבסטען אויגענבליק האָט ער זיא ארומגענומען און האָט בעריהרט מיט זיינע ליפּען דעם רויטהען מויל פון דער געליבטער מעדכען.

— דוא ליעבסט מיך? — האָט ער וויעדערהאָלט און האָט עס געפרעגט אייניגע מאָל

— מיט טרעהרען אין דיא אויגען האָט סילווא געענטפערט:

— יאָ, איך ליעב דיך ווערנער, אבער ניט איין ביסעל, זאָנדער'ן פון גאַנצען הערצען און זעעלע!

— ליעבסטע, טהייערסטע! — האָט ער אויסגערופען און האָט ארומגענומען איהר שלאַנקע שעהנע געשטאַלט.

פלוצלונג איז סילווא בלאַס געוואָרען, און האָט זיך ארויסגעריסען פון איהר געליבטען'ס ארמען.

— הימעל, וואס האָב איך געטהון! — האָט זיא געשריען און האָט געציטערט איך האָב דיך געלאָזט אריינקוקען אין מיין הארצען, איך האָב דיר מודה געווען דאָס איך ליעב דיך און יעצט וועסט דוא מיך פעראַכטען.

— איך וועל דיך ליעבען און אכטען ביז דער טויט וועט שליסען מיינע אויגען! האָט ווערנער פערזיכערט. מיין זיעסע כלה! מיין שעהנע געליבטע, זאָג מיר נאָך א מאל אז איך בין טהייער אין דיין הערצען.

— זעהר טהייער! האָט סילווא געענטפערט און איז רויכה געוואָרען וועהרענד זיא האָט איהר שעהנע געזיכט אראָפּגעלעגט אויף ווערנער'ס ברוסט.

— זיי בעדאַנקט פאר דיעזע ווערטער! — האָט גראף ווערנער געזאָגט און האָט ארויסגענומען א טהייערען דיאמאנט וועלכען ער האָט אריינגעשטעקט אין איהר ברוסט.

— יעצט ביזט דוא מיין זיעסע, זיעסע כלה! האָט ער געזאָגט.

— אבער דיין, גראָספּאפּא! האָט זיא געזאָגט מיט זאָרג, וועט ער ניט זיין געגען אונזער פערבונדונג!

— זיין וויעדערשטאַנד וועט מיט דער צייט פערשוואונדען, האָט גראף

ווערגער געענטפערט, צום גליק בין איך פון איהם גאנץ אונאבהענגיג, איך בין פיער און צוואנציג יאהר אלט, און דיא ירושה פון מיין מוטער איז מיין מוטער איז מיין אייגענטהום.

מיט דעם שארפען קאפף וועלכען סילווא האט בעזעסען האט זיא אין דיעזע ווערטער זאָפאָרט פערשטאנען וואס דער געליבטער האט פאר זיך הורכ־צוקעמפפען.

— דוא האסט מיט דיין גראספאפא געשפראָכען! — האט זיא געזאָגט זין איז בלייך געווארען, ער וויל דיך ענטערבין?

— און ווען ער זאָל עס וועלען? — האָט ווערגער געפרעגט מיט א גע־לעכטער, דיך מיין שאטץ קען ער פון מיר ניט רויבען, ער קען דעם גאנצען אייגענטהום פון ווילדענשטיין און קעניגסוואלדא איבערלאָזען פאר ענאן פון שטורמפעדער, אבער דאס זאָל מיך ניט בעטריבען, קיין מאכט אין דער וועלט זאָל מיך בעוועגען צו ווערען אונטריי צו דיר, סילווא, דוא ביזט דער שטערן פון מיין לעבען, גיב מיר אויך דוא דיין ווארט, דאס דוא וועסט מיר בלייבען ליעב און געטריי ביז צום לעצטען אטהעם צוג.

— זיא האָט עס איהם געשוואָרען הייליג און טהייער, דאן האָט זיא איהם געבעטען ער זאָל זיא בעגלייטען צו איהרע עלטערען.

— דען, — האָט זיא געזאָגט, איך האב נימאלס געהאט א פריידע, וועלכע איך זאָל ניט טיילען מיט מיינע עלטערען.

אך סילווא — דיא עלענדע יתומה, וויא פיעל מאָל איז שוין דער שנעע געלעגען אויף דיא קברים פון דיינע עלטערען! וויא אָפט האבען דיא ווילדע בלומען אויף זיי אפגעבליהט. דוא ביזט אויפגעוואקסען אהנע צו וויסען דאס דער וואלד אויפזעהער און זיין פרוי זיינען מיט דיר קיינע פער־וואנדטע, דוא ווייסט עס ניט און דיא פיהרסט דיין געליבטען צו דיא לייטע וועלכע דוא האלסט פאר דיינע עלטערען.

דער וואלד אויפזעהער הערווארד און זיין פרוי האבען אויסגעשריען דיא יונגע פאאר מיט שרעק.

— אום גאָטטעס ווילען סילווא! — האָט דיא פרויא אויסגערופען. וואס האט דאס אלעס צו בעדייטען?

— זייט דאָך ניט בייז, גוטע פרוי! האָט גראף ווערנער געזאָגט, סילוואַ האָט מיך ערסט זעהר גליקליך געמאכט. זיא האָט איינגעוויליגט צו ווערען מיין פרויא.

— און אייער גראָספּאַטער? — האָט הערוועטט געפרעגט און איז געווארען בלייך וויא א טוך. — גראף ווילדענשטיין וועט קיין מאָל ניט צו שטימען צו דיעזער הייראַטה.

— זאָ מוז עס געשעהן ווערען אהן זיין צושטימונג! — האָט גראף ווערנער גאַנץ פעסט ערקלעהרט.

— הערר גראף! הערר גראף! — האָט דיא פרוי אויסגערופען אין א טאָן פון ווארנונג. — דער זעגען פון עלטערען בויט דיא הייזער פאַר דיא קינדער. היט זיך פון אייער גראָספּאַטערס פלוך. פיעלייכט איז דיא ליעבע וועלכע איהר האָט צו סילוואַ'ן ניט אַזוי שטאַרק וויא איהר מיינט, פיעלייכט וועט אייער ליעבע מאַכען פּלאַץ פאַר גלייכגילטיגקייט. בעדענקט עס גוט! איהר ווילט שטעלען אייער גאַנצען פערמעגען אויף איין קאַרטע. איהר שפּיעלט א ריזיגע פּאַרטיע, אויף וועלכער איהר קענט גאַנץ לייכט פערלירען, און אויף וועלכער דער געווינס וועט מיט דער צייט האָבען א קלענערען ווערטה. אונטערזוכט אייער הערץ, גיט סילוואַ'ן צייט צו אונטערזוכען איהרע געפיהלען צו אייך, געהט וויעדער אויף א רייזע, און ווען איהר ווילט דאס ניט, דאַן געהט נאָך ווילדענשטיין וואו אייער גראָספּאַטער האָט צוריק מיט יאהרען געוואָהנט, ווען איהר וועט אַלאַנגע צייט זיין ווייט פון סילוואַ'ן, וועט איהר וויסען אויב דיא ליעבע וועלכע איהר האָט צו דאס מעדכען איז שטאַרק און טיעף גענוג אום צו בעזיעגען אַלע קעמפּפע וואס דאס לעבען ברענגט מיט זיך.

— איך זאָל מיך שיידען פון מיין סילוואַ? — האָט ווערנער געפרעגט. איהר פערלאַנגט פון מיר אוממענשליכעס, יעצט ווען איך ווייס אַז סילוואַ'ס הערץ געהערט צו מיר, קען איך קיין אויגענבליק אהן איהר ניט לעבען, איך בעט אייך, איך בעשוועהר אייך, הערט צו מיין געבעט און גיט מיר דיא האַנד פון אייער טאָכטער, מיין אויפגאַבע פון לעבען זאָל בעשטעהן אין דעם, דאס איך זאָל מיין סילוואַ גליקליך מאַכען, איך וויל צו הערען יעדען וואונש וואס זיא וועט אויסשפּרעכען און וויל איהם ערפיעלען, נאָך איידער

זיא האָט איהם אויסגעשפּראָכען, איך וויל זיין איהר בעסטער פריינד. עס איז וואהר דאס איך קען איהר ניט פערשפּרעכען בעזאנדערע גליקען, דען דיא גיטער פון מיין גראָס פאָטער געהן פאר א צווייטען, ענאן פאן שטורם פע־דער, אָבער פעלזאָג איז מיין איינענטהום, און דיא הכנסה איז גענוג צו שיטצען אונז פון נויטה.

— זאָ ווילט איהר פערלירען אייער גראָס פאטערס גרויסע גיטער צו ליעב סילוואַ? האָט דער וואלד אופזועהער נעפרעגט און וואר געריהרט פון דער שטאר־קער ליעבע, אין דעם יונגען גראף׳ס הארץ.

— איך וואָלט מיט פערגניגען אפגעגעבען א גאנצע קעניגרייך פאר מיין סילוואַ! — האט גראף ווערנער פערזיכערט. איהר ווייסט ניט מיט וועלכען פייער איך ליעב אייער סילוואַ. פאר איהר וועל איך אלעס, אלעס פערטראָגען, פאר איהר איז מיר קיין אָפּפער ניט צו גראס, קיין לאסט ניט צו שווער. האלט פון מיר ניט צוריק מיין גליק, גיט מיר אייער טאָכטער. מיין גאנצער שטרעבען זאל זיין נור סילוועז גליקליך צו מאכען.

ער האט גערעדט מיט אזא געפיהל. דאס דעם וואלד אויפזועהער׳ס פרוי איז געריהרט געוואָרען, ווערנער האט בעמערקט דעם איינדרוק פון זיינע ווערטער און האט געזאָגט:

— איך האָב מיינע עלטערן פערלאָרען גאנץ פריה, אמת׳ע ליעבע פעהלט מיר שוין לאנג, עס פעהלען מיר דיא ליעבשאפט פון עלטערען, לאָזט מיך געפינען ביי איך וואס מיר פעהלט זייט מיין קינדהייט, לאָזט מיך זיין אייער זאָהן, לאָזט מיך געניסען אייער פרייד און לייד, אייער גליק און שמערץ, לאָזט מיך זיין איינער פון אייך, און איך וועל עס אייך דאנקען מיין גאנצען לעבען.

דער וואלד אויפזועהער האט געקוקט אין אלע זייטען, דיא ליעבע וואָס גראף ווערנער האָט געהאט צו סילוואַ׳ן וואר ביי דיא עלטערע לייטע א גרויסער פונקט.

ענדליך האט ער דערזעהן וויא סילוואַ קוקט איהם אן מיט איהרע אוי־גען און ער האט געגעבען זיין ברכה, דער אלטער הערוואַרט האָט צוזאַ־מענגעלעגט דיא הענד דיא צוויי יונגע קינדער, מיט דער ערסטער פריידע

האָט ווערנער געהאַפּט זיין כלה, האָט זיא צו געדריקט צו זיין הערצען און האָט אויסגעשריען:

— מיינע! מיינע פיר אימער און אייביג!

8טעס קאַפּיטעל.

גוואלד מיטלען.

— גערהאַרד! — האָט דער אַלטער גראַף פאָןווילדענשטיין געזאָגט צו זיין אַלטען געטרייען דינער. — גראַף ווערנער וויל זיך שטעלען געגען מיר!

— דער אַלטער גערהארד האָט זיך ערשראָקען און האָט אויסגערופען:

— גאָטט זאָל עס היטען! דער הערר גראַף וועט עס ניט וואגען!

אָבער דער אַלטער גראַף האָט זיך צו לאַכט.

— אזוי מיינסט דוא? — האָט ער געפרעגט, — נון איך דענק אנדערש, נאָך מיין אנזיכט איז גראַף ווערנער פעסט בעשלאָסען, צו הייראַטהען א געדעריגע מיידעל פון לאַנד, אָבער איך וועל איהם הינדער'ן, ביי גאָטט שווער איך, אז איך וועל עס הינדער'ן.

— דער יונגער גראַף איז מינדיג! — האָט דער דינער געוואגט אריינצוזאָגען.

— גאַנץ געוויס! — האָט זיין הערר בעשטעטיגט מיט א שמייכעל. — און דיא יאהרען איז ערמונדיג, אבער אין שכל איז ער נאָך א קינד, געגען זיין ווילען מוז מען איהם היטען, איך האָב אויסגעטראַכט א פּלאַן מיט וועלכען עס וועט מיר געלונגען צו בעקעמפּפען זיין עקשנות, דוא ווייסט דאָך דעם קעלער אין שלאָס פעלזאָג?

— אום גאָטטעס ווילען! — האָט גערהארד אויסגערופען מיט שרעק, דער הערר גראַף דענקט דאָך ניט איינצושליסען דארט דעם יונגען מאַן געגען זיין ווילען? דאס וועט גראַף ווערנער דאָך קיין מאל ניט פערגעבען.

— איך דאַרף ווערנערס פערגעבונג ניט האָבען! — האָט דער אַלטער גראַף אויסגערופען, — וואס איך טהו איז נור אום אפצו האַלטען איהם פון

איין אוננעלומפערטע טהאט און מיט דער צייט וועט ער אליין מיר דאַפיר דאנקען, איך האָב בעשלאָסען איינצושפארען איהם אין יענעם קעלער, אין יענעם קעלער זיינען גאנץ אָפט געהאלטען געוואָרען פערזאָנען גאנצע מאָנאטען און יאהרע.

— דאס איז געווען אין דיא א מאליגע צייטען! — האָט געראהארד גענטפערט, זייט דאך גנעדיג הערר גראף — מיר לעבען דאך יעצט אין יאהר 1884. וואס מען האט צוריק מיט יאהרען דורך געלאָזען אהן א שטראפע, איז יעצט זעהר שטרענג פערבאָטען.

— זא מיינסט דוא דאס מיין אייגענער אייניקעל וועט געגען מיר אויפטרעטען אלס קלעגער? — האָט דער גראף געפרעגט, — דאס וועט ווערנער קיין מאל ניט טהון, זיין הייסעס בלוט, וועט זיך אין קעלער אפקיהלען, זיין הארטער זינען וועט ווערען ווייכער אין איינינע טעג וועט ער מיר געבען א פרייוויליגען פערשפרעכען ער זאָל פערגעסען דאס מעדכען און וועל שווערען אז ער וועט הייראטהען א מעדכען פון זיין שטאנד.

דער אלטער דינער האָט ניט געוואגט אויסצודרוקען זיינע געדאנקען אין ווערטער, אבער אין זיינע מינען האט זיך גאנץ דייטליך אויסגעדריקט, דאס ער האָט ניט דיזועלבע מיינונג וואס זיין הערר, דאס ער האָט פערקעהרט דיא מיינונג אז גראף ווערנער לויט אזא אננריף אויף זיין פערזאָן קיין מאל ניט פערצייען און וועט דאדורך נאך זיין הארטער און פעסטער בייא זיין בעשלוס.

דער שלאָס הערר וועלכער האָט געלעזען אין דיא מינען פון זיין הערר האט געזאָגט:

— פערגעס ניט. דאס גראף ווערנער איז מיין אייניגעלט, דאס מיין בלוט פלייצט אין זיינע אָדערען?

— זייט גנעדיג הערר גראף! — האָט דער אלטער דינער געוואגט איינצו ווענדען. — גראדע דארום האָב איך געדאכט, דאס גראף ווערנער האָט געירשינט דעם גראף'ס חאראקטער, פערצייעט הערר גראף, וואס איך נעהם מיר דיא פרייהייט אזוי אָפען צו ריידען, אָבער איך האלט עס פאַר מיין פפליכט איבער צו טרעטען הייטע מיין גרענעץ, דער הערר גראף אליין וואָלט זיך ניעמאלס געלאָזט אפרייסען פון זיין פלאן וועלכען איהר האָט נור איין

מאל בעשלאָסען, און דער יונגער הערר גראף וועט אויך קיין מאל ניט אפּ־טרעטען פון זיין פּראָיעקט.

— דאס וועלען מיר זעהן! — האָט גראף פאן ווילענשטיין אויסגערופען, איך קען אלעס וועטען דאס גראף ווערנער וועט אין דיא איינינע טעג וואס ער וועט פערברענגען אין קעלער אין גאנצען געהיילט ווערען פון מיין ליעבע צו זיין מעדכען.

— אָבער הערר גראף! — האָט דער אלטער געזאָגט, — וויא אזוי זאָל אונז געלונגען צו פערפיהרען דעם גראף נאך פעלזאג?

— מיר דארף'ן איהם גאר ניט פערפיהרען א הין דורך קונצען! — האָט דער אלטער גראף געזאָגט, — ווערנער וויל פאר זיך צוריק איינריכטען דעם שלאָס וועלכער שטעהט שוין זייט איינינע יאהרען פוסט אום צו מאכען דארט זיין היים פיר אימער, ער געהט אלזא גאנץ פרייוויליג נאך פעלזאג, דוא מוזט זאָפאָרט א הין געהן אום דיא נויטהיגע זאכען איינצו אָרדנען.

גערהארד האָט אנגעקוקט זיין הערר און האָט אויסגערופען:

— אה הערר גראף, ענטלאסט מיך פון דיעזען איינציגען דינסט.

— איז דיין טרייהייט און ערגעבענהייט גערהארד? — האָט דער גראף געפרעגט מיט א פארוואורף, — איך האָב געגלויבט אז איך קען אויף דיר בויען גאנצע שלעסער, אָבער ביי דעם ערסטען פערזוך וואס איך וויל עס בענוצען לאָזט דוא מיך אין שטוך?

— ווייל איך ליעב אונזער יונגען הערר! — האָט דער אלטער דינער געזאָגט.

— דוא בעווייזט דיין ליעבע צו ווערנער אויף א גאנץ דומען ארט, — האָט גראף ווילדענשטיין געזאָגט, — גלייבסט דוא אז איך ליעב ניט מיין איינזיקעל? גלויבסט דוא דאס עס טהוט מיר ניט לייד ווען איך דארף געגען איהם בענוצען גוואלד מיטעל! אָבער שלעכטע וואונדען קאָנען זיך ניט קורירען מיט ראזענוואסער, אום מען זאָל איהם אבהאלטען פון זיין שריט, וועלכער וועט איהם אויף זיין גאנצען לעבען אומגליקליך מאכען האָב איך בעשלאָסען אנצונעהמען דיעזען מיטעל. ווען דוא ביזט דיין יונגען העררווירקליך געטריי, זא וועסט דוא מיר העלפען אנשטאט אפּ צו ריידען.

— איך בין בערייט צו געבען מיין לעבען פאַר דעם יונגען גראַף! — האָט דער דינער געזאָגט.

— אזא גרויסען אפּפער פערלאַנגען מיר ניט פון דיר! האָט דער גראַף געענטפערט. אלעס וואס איך פערלאַנג איז דוא זאָלסט מאַכען דיא אונ־בעקוועמטע רייזע נאָך פּעלזאַנ און זאָלסט אויפעפענען דעם אונטעראירדישען איינגאַנג און פּאַרבערייטען פיר דעם גאַסט.

— הערר גראַף, הייסט עס ניט פּרובירען? — האָט דער אלטער דינער געפרעגט מיט שרעק. וויא וועט זיין ווען דיא שרעק וועט אונזער יונגען הערר צוברעכען דעם גייסט אין קערפּער, אדער ווען דער יונגער הערר גראַף וועט זיך אליין נעהמען דאס לעבען פון שמערצען?

— קיין ווילדענשטיין איז אראָפּגעזונקען ביז זעלבסט מאָרד! האָט גראַף ווילדענשטיין געזאָגט, ווערנער האָט איין שטאַרקען קערפּער. איינינע טעג ארעסט װעלען איהם קיין אונגליק ברענגען.

גערהאַרד האָט זיך נאָך אלץ ניט געקענט בעשליסען.

— זאָגאר ווען מיר זאָלען האָבען דעם גראַף אויפ'ן אָרט! — האָט ער ווייטער געזאָגט, גיבט נאָך אויך איין שווערינקייט, נעמליך אריינצופיהרען איהם אין קעלער, פרייוויליג וועט ער זיך אהין ניט בעגעבען.

דער גראַף האָט זיך אויפגעהאָבען איז צוגעגאַנגען צו זיין הויז א פּאַטהעקע האָט פון דאָרט ארויסגענומען א פלעשעלע און האָט זיא דערלאַנגט צום דינער.

— פון דיעזער פלעשעלע וועסט דוא אריינטריפען דעם גראַף צעהן טראָפּען'ס אין זיין וויין, האָט ער געזאָגט, דער גראַף וועט באַלד איינשלאָפען און קען גאַנץ גלאַסען אריינגעשלעפּט ווערען אין קעלער.

— דערצו זיינען נויטהיג צוויי שטאַרקע מענער! — האָט גערהאַרד געזאָגט.

— מאיר דער קוטשער, און אלאָזאס, דער אויפזעהער פון שלאָס וועלען עס דיר העלפען. האָט גראַף ווילדענשטיין געענטפערט.

— דער יונגער גראַף איז געוואַהנט צו רייטען! — האָט דער אלטער אנגעווענדעט. אבער ער נעהמט זעלטען מיט דעם קוטשער מיט זיך.

— אבער מאיר כוז איהם בענלייטען! האָט דער גראַף געזאָגט בעשטימט.

מאיר טראַגט זיך שוין זייט לאַנג ארום מיט דיא געדאנקען אויסצו וואנדערען איך וועל איהם געבען טויזענד גולדען, ער זאָל זא פאָרט פערלאסען דייטש־לאַנד. עס איז שטיל און פערביסען און וועט קיין זאך ניט אויספלוידערין, אלאדאס ווערט אויסגעמיידען פון אלע מענשען, ער האסט דיא מענשהייט איך בין זיכער אז ער וועט שווייגען.

ווען אבער מאיער׳ן וועט ניט געפעלען צו זיטצען איבערין גראָסען וואסער און ווען ער קומט צוריק? — האָט געדהאַרד איינגעווענדעט, ער וועט דאַן ערצעהלען דער גאַנצער וועלט, אז דער יונגער גראַף, איז א געפאַנגענער אין קעלער.

— ער קען דאס טהאן! — האָט דער אלטער גראף געזאָגט מיט א געלעכטער, מען וועט איהם האלטען פאר א ליגנער, ניט מעהר, ווער וועט עס גלויבען וואס ער וועט זאָגען? גראַף ווערנער וועט אין קעלער זיצען פון פיער ביז פינף טעג דאַן קעהרט ער זיך ווידער אום נאך קעניגסוואלדאו, מיר וועלען אנגעבען דאס ער איז דיעזע איינינע טעג געוועזן אין מינכען אדער אין וויען און יעדער וואס וועט פון מאיר׳ן הערען דיא גאַנצע געשיכטע וועט פון איהם לאכען.

— זעהר ריכטיג! — האָט דער אלטער דינער געזאָגט, אבער וויא קען מען מאַכען דאס מאיר זאָל דעם גראַף בעגלייטען?

— עס איז נור נויטהיג דאס מאיר זאָל זיך געפינען אין וועלזעג! האָט דער גראַף געזאָגט, ווען ער וועט דאָרט זיין איז גאַנץ גלייך, שיק איהם צו מיר. איך וועל שוין אלעס מיט איהם איבערריידען, מאיר וועט דיך פיהרען אין שלאָס פעלזאָג, און וועט דארט בלייבען ביז ער וועט אפטהון זיין ארבייט דאַן קען ער אויסוואנדערין מאך דיך בערייט צו פאהרען זאָפאָרט נאָך דעם שלאָס.

— איך געהאָרכע, גנעדיגער הערר! — האָט געדהארד געזאָגט, גאָטט זאָל נור געבען דאס אלעס זאָל גוט אפגעהן.

ער האָט זיך בעשלאָסען צו פאָלגען אלעס וואס דער אלטער גראַף וועט איהם הייסען, אהנע צו פארשען אויב עס איז רעכט אדער אונרעכט.

9טער קאפיטעל.

דער אויסוואנדערער.

האלב פערלעגען און האלב מוטהיג איז מאיר געשטאנען פאר זיין הערר.

— מען זאָגט אז דיר געפעהלט ניט אין איירָאָפּא, האָט דער אלטער גראף אנגעפאנגען אין זיין געוועהנליכען טאָן.

דער רויטהער מאיר האָט געווארפען א בליק ארום דעם זאאל און האָט געפרעגט:

— האָט איינער מיך פערמאסערט פאר אייער גנאדען?

דער פייער אין דיא אויגען האָט זאָפאָרט בעוויזען אז מאיר האָט א ראבע פלאן געגען זיין פעררעטהער.

— ניין! — האָט דער גראף געזאָגט. דאס האָט קיינער ניט געטהאָן, מען זאָגט דאס מען קען דיר געטרויען און אז דו קענסט האלטען דיין מויל פערדינסט דו דיעזען לאָב?

— שטעלט מיך הערר גראף אויף דער פּראָבע! האָט מאיר געענטפערט, איך וויל דעם הערר'ן גראף בעווייזען דאס איך קען שווייגען.

— איך וועל דיך נעהמען ביי'ן וואָרט! — האָט דער גראף געזאָגט, דו וועסט איינשפּאנען דיא קליינע בריטשקע, און וועסט מיט דעם אלטען גערהארד פאהרען נאך פעלזאָג. דארט וועסט דו בלייבען וויא לאנג עס איז נויטהיג דו וועס טהון וואס גערהארד וועט דיר הייסען? דו דארפסט אלעס טהון וואס גערהארד וועט דיר בעפעהלען, אזוי שנעל וויא דו וועסט עס אפּטהון וועסט דו קומען צו מיר און וועסט קיין מענשען ניט פערטרויען וואס עס איז געשעהן קענסט דו דאס?

— יא, הערר גראף דאס קען איך!

— דו וועסט פון מיר דערפאר ערהאלטען טויזענד גילדען און דו וועסט זאָפאָרט פערלאסען דייטשלאנד, האסט דו פערשטאנען?

מאיר האָט זיך געקראצט אינטער'ן אויער.

— ווען עס וואָלט ניט געווען געגען אייער כבוד, האָט ער געזאָגט לאַנגזאם און האָט געוואָגען יעדען ווארט זאָ וואָלט איך מיך ערלויבען צו פרעגען, אויב מען פערלאַנגט ניט פון מיר אזאך וואס איז געגען דאס געזעץ.

— ניין! — האָט דער גראַף געענטפערט, דוא ווערסט ניט טהון אזאך פאר וועלכער מען קען דיך בעשטראפען.

און דאך, וויל דער הערר גראַף מיר שענקען טויזענד גולדען? — האָט מאיר געזאָגט.

— יאַ, — האָט דער גראַף געענטפערט.

— דאך פערלאנגט איהר איך זאָל זאָפאָרט פערלאַסען אייראפא? — האָט מאיר געפרעגט.

— גאַנץ געוויס! — האָט דער גראַף געזאָגט אַ ביסעל גראָב, — מען האָט מיר בעריכטעט, דאס דוא ווינשט שוין זייט לאַנג צו פערלאַסען אייראפא. דאס דוא ביזט מיט דיא היזיגע פערהעלטניסע אונצופריעדען.

— נון, האָט דער קוטשער געזאָגט און האָט זיך געמאַכט וויא פערלעגען, איך האָב דערמיט ניט געמיינט עטוואס שלעכטעס געגען דעם הערר'ן גראַף, עס איז ביי אונז נאך בעסער וויא ביי אנדערע הערשאפטען, אָבער איך בין מייז גאַנצען לעבען געווען אַ דינער, יעצט וואָלט איך אויך אַ מאל וועלכען זיין אַ הערר, מיינע קינדער זאָלען האָבען אַ בעסערע לאַגע וויא איך.

— זעהר עהרליכער וואונש! — האָט דער גראַף גאַנץ פריינדליך צו גע־שטימט, — נון דיא טויזענד גולדען וואס דוא ווערסט פון מיר ערהאלטען, איז פאר דיר מעגליך צו ערווערבען אין אַמעריקא אַ פארם, און ווען דוא זאָלסט זיין זעהר פלייסיג און זעהר שפארזאם קענסט דוא דארט ערווערבען אַ קליינעם פערמעגען, דאס הייסט ווען דיין פרוי וועט דיר העלפען ארבייטען און פער־דינען.

דער רויטהער קאָפּף האט געלאַכט, פון דעם גראַף'ס פאָרשטעלונג, ער האט עס אַלעס געהאַלטען פאָר אַ וויטץ.

— אה, הערר גראַף! האט ער גאַנץ אָפען געזאָגט. איך ווייס וויא עס געהט אין אַמעריקא איך האָב עס געזעהן געדרוקט.

דערביי האָט ער ארויסגענומען א בלאַט פון זיין טאַשע און האָט עס פאָרגעלעגט פאר'ן גראף

אהנע דעם פאפיר צו בעריהרען מיט א פינגער האט דער גראף דורכ־געלעזען דעם אינהאַלט, פון דעם אַרטיקעל, וואס איין ליעגנער און א פאַלשער אנענט, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט אמעריקא פאַר איין לאַנד פון גאָלד, וואו מען קען אהן מיהע און אהן ארבייט גאַנץ שפּיעלענדיג אנקלייבען א רייכטהום.

— דאס איז א ליעגען, מאיר! — האָט דער גראף ערקלעהרט, ווער עס וויל אין אַמעריקא עטוואס אנלעבען דאַרף נור אַרבייטען שווער און ביטער נון דוא ביזט יונג, שטארק און געוואהנט צו אַרבייטען, דיר קען עס דאָרט ניט פעהלען.

דער רויטהער קאָפּף האָט געלאכט און האָט דערביי ארויסגעשטעלט זיינע ווייסע ציין.

— ווען איך האָב טויזענד גולדען אויף איין אנפאנג, דאן מאַך איך דאָרט זיכער מיין גליק! — האָט ער ערקלעהרט.

— דוא האסט גוטע אויסזיכטען! — האָט דער גראף געזאָגט. —קענסט דוא אָבער שווייגען פיר דיין ווייב? — האָט ער געזאָגט.

— איך וועל פאָלגען אייער בעפעהל! — האָט מאיר געזאָגט, — איך האַלט איבער הויפּט ניט פון ריידען.

— גוט! — האָט דער גראף געזאָגט מיט צופריעדענהייט, און האָט דעם קוטשער געגעבען א צייכען דאס ער איז ענטשלאָסען.

דער קוטשער איז א וועק און האָט אנגעטראָפען זיין פרוי.

— סוזי! — האָט ער צו איהר געזאָגט, מאַך עס שנעל. איך מוז פאָרט!

דיא פרוי האָט אראפגעלאָזען דעם קאָף לעפעל האָט אנגעקוקט איהר מאַן מיט פערוואונדערונג און האָט געזאָגט מיט פריידע:

— דיר איז עטוואס גוטעס געשעהן. שפּרעך זאג שנעל וואס איז געשעהן.

— דער גראף האָט מיך געגליבט! האָט דער דינער געזאָגט.

— גנעה! — האָט סוזי געזאָגט, — דער פון וועט דיין געזיכט ניט שטראהלען. דוא ווערסט ניט אזוי ענטצינדט פון ליבּ אָדער זידלעריי. ניין, ניין, עס איז עטוואס אנדערש, זייא מיר מודה, דוא האסט געפינען אָדער געוואונען געלד.

— איך ווינש דוא זאָלסט זאָגען אמת! — האָט מאיר געזאָגט. — ליידער איז עס ניט אזוי, נון וואָס הערט זיך מיט דיא קניידלאך. איך בין הונגעריג און מוז א וועק.

— איך ווער ניט א קלאָפּ טהון מיט אַ פינגער איידער איך וויס. ווענען וואָס דא האנדעלט זיך, דוא דארפסט זיך שעהמען צו האָבען א געהיימניס פאר דיין פרוי. איך זאָג דיר אימער יעדע קליינינקייט און דוא האָסט אימער פון מיר סודות, אך, דוא האסט מיך ניט ליעב.

דיא שעהנע סוזי האָט געהאלטען איהר פארטוך פאר דיא אויגען און האט אנגעפאנגען צו וויינען.

— ערסט דריי וואָכען זיינען מיר פערהייראטה, האָט זיא מיט געוויין געזאָגט, און דוא בעהאנדעלסט מיך שוין אזוי שלעכט! איך האב פאר דיר פאַרבעריית גוטע קניידלעך וויא פּאר א גוטען. ליעבען מאַן, א פרוי טהוט אלעס צו געפעהלען איהר מאַן, און דאס איז מיין דאנק, אה, עס ברעכט מיר דאס הערץ. ווען איך וועל שטארבען וועסט דוא ערסט בעדויערען וואָס דוא ביזט געווען שלעכט צו מיר.

— איך בעהאנדעע דיך ניט שלעכט! — האָט דער רויטהער קאָפּף געזאָגט. — א ווייב ווערט שלעכט בעהאנדעלט ווען זיא קריעגט קלעפּ.

— עס וואָלט געווען פיעל לייכטער צו פערטראָגען קלעפּ! — האָט סוזי אויסגערופען. — עס איז ניט אזוי שלעכט וויא צו וויסען אז דוא האָסט געגען מיר געהיימניסע.

זיא האָט ווידער גענומען וויינען.

— זאָ הערר דאָך אויף! — האָט מאיר געזאָגט, — איך וויל עס דיר אויסזאָגען. — איך האָב געוואונען געלד.

שנעל האָט סוזי פערגעסען איהר געוויין, זיא האָט אויסגעזעצט א געשריי פון פריידע, האָט ארומגעחאפּט איהר מאַן און האָט מיט איהם אנגעהויבען טאַנצען.

— וויפיעל איז דאס ? צוואנציג גולדען !

— ניין מעהר, פינף אונד צוואנציג ! — האָט מאיר געלאכט.

— יעצט וועסט דוא מיר קויפען, גאָלדענע רינגען מיט קאראלען וויא דעם מיכנערס פרוי, — האָט זיא געזאָגט, — אה מיין ליעבער, מיין טהייערער, מיין שעהנער, מיין הערצענס געליבטער מאַן, וועסט דוא מיר קויפען דיא אוירינגליך ?

— ווען דוא וועסט מיך פאָלגען וועל איך זיי דיר שענקען ! — האָט מאיר פערשפראָכען. אָבער יעצט גיב מיר דאס עסען, איך מוז א וועק פאהרען.

— וואוהין פאהרסט דוא ? — האָט סוזי געפרעגט און האָט זיך געהאלט מיט איהר ארבייט.

איך וויים ניט ! — האָט מאיר געענטפערט.

— דאס איז דאָך דום ! — האָט סוזי געזאָגט, מען דארף דאָך דיר זאָגען וואוהין דיא רייזע געהט.

— מען וועט עס שוין מיר א מאָל זאָגען ! — האָט מאיר געענטפערט.

— און ווער וויל דען אָפּרייזען ? — האָט סוזי געפרעגט.

— איך וויים ניט ! — וואר דעם קוטשערס געלאסענע אנטוואָרט.

— אך, דוא וויסט קיין זאך ! — האָט סוזי געזאָגט מיט א געוויין.

— אה, דאָך ! — האָט מאיר געזאָגט. — איך וויים אז איך האָב א שעהנע, א רייצענדע, א ליעבליכע פרוי אבער יעצט לאָז מיך עסען.

— ווער עס איז אמת פערליבט, דער דענקט גאָר ניט פון עסען אָדער טרונקען ! — האָט סוזי געענטפערט.

— אָבער דאן דענקט מען אויך ניט פון גאָלדענע רינגען ! — האָט מאיר געזאָגט און האָט געקייט אין ביידע באַקען.

— דיא אוירענגלעך וויל איך נור האָבען, אום דיר בעסער צוגעפעלען ! — האָט דיא פרוי געענטפערט. — א יונגע פרוי מוז זיך גאנץ עדעל אנטהון, אום זיא זאָל איהר מאַן געפעהלען.

— שוין גוט, געה נור אין שטאל און היים איינשפּאנען דיא קליינע ברישקע ! האָט מאיר געבעטען.

— וועלכען פערד זאָל ער איינשפּאנען ? האָט סוזי געפרעגט.

— דעם בעסטען ! — האָט מאיר גטענטפערט און האָט נאכגעקוקט דיא געשטאלט פון זיין שעהנע פרוי וויא זיא איז ארויס פון טהיר.

10טעם קאפיטעל.

דער לויב אין שטאדט.

גראף העריבעט פאן ווילדענשטיין איז געוועז א מאן פון ראשע טהאטען, קוים האָט ער בעשלאָסען אפצוהאלטען זיין אייניקעל פון זייז הייראטה אזוי האָט ער זאפארט אנגעווענדעט אלע קרעפטען זיין פלאן דורכצופיהרען. ער האָט זאפארט אפגעשיקט א טעלעגראמע צו עגאן פון שטורמפעדער, און האָט איהם געבעטען ער זאל זאפארט קומען נאך קעניגס וואלדאו. דיעזע טעלעגראמע האָט עגאן ערהאלטען אום זיעבען אוהר פאר נאכט אלס ער האָט זיך פארבערייט צו געהן אין קלאָב מיט זיינעם א פריינד.

לאָמיר ווארפען א בליק אויף בעראָן עגאן, ער איז יונג און שעהן, נור זיינע רעגעלמעסיגע געזיכטס צוגע האָבען געהאט איין פיינדליכען אויסדרוק.

— המ ! — האָט ער געזאָגט, נאכדעם וויא ער האָט איבער געלעזען דיא טעלעגראמע, דיא טעג פון ניסים זיינען נאך ניט פאראיבער, איך וואָלט בעסער געגליבט אז דער הימעל וועט אראפפאלען אויף דער ערד איידער דער גראף פאָן ווילדענשטיין וועט מיך איינלאדען צו זיך אין שלאָס.

— וועט איהר אננעהמען דיא איינלאדונג ? — האָט דער קאמעראד געפרעגט.

— נאטירליך ! — האָט עגאן געענטפערט, — גראף ווילדענשטיין האָט אייגענטליך איינינע שעהנע דאמען אין זיין הויז ? — האָט דער קאמעראד געפרעגט.

— ניין ! — האָט עגאן געענטפערט, מען איז דאָרט ניט אין געפאהר אריינצופאלען אין דער שווערער דינסט פון א קאוואליער, דאָרט געפינען

זיך קליינע מיידכען פון פאלג, אָבער זיי פערלאַנגען וועניג — פערשטעהסט איהר מיך?

— ווען איהר האָט זיין מאַננעט וואס ציהט אייך צו קעניגס וואַלדאו פערשטעה איך ניט וויא איהר קענט זיך בעשליסען צו פערלאָזען יעצט? האָט ענאַנס פריינד בעמערקט.

— נון, — האָט ענאַן געענטפערט מיט א קורצען שמייכעל, — דער אַלטער ווילדענשטיין איז א גוטער מאַן, ער האָט שוין צוויי מאל בעצאָהלט מיינע שולדען.

— אה! — האָט ענאַנ'ס פריינד געענטפערט, — יעצט ווערט מיר אַלעס קלאָהר, דיעזער גליק וועט אייך וואַהרשיינליך קומען צום דריטען מאל!

— אַזוי האָף איך! — האָט ענאַן בעשטעטיגט.

— און וואס וועט דיא שעהנע מאַלי דער צו זאָגען, ווען איהר וועט נאַרע יעצט קורץ פאר דער חתונה פערלאָזען ווערען? האָט ענאַנס פריינד געזאָגט.

— הם! — האָט ענאַן געמורמעלט, מאַלי איז ניט שלעכט, אָבער זיא קאָסט מיך געכד, פיעל געלד! עס וואָלט מיר ניט שלעכט געווען, ווען מאַלי וואָלט מיין רייזע בעטראַכט אלס פערזענליכע בעליידיגונג און עס זאָל דאַדורך קומען צו איין ענדע צווישען אונז, אונזער פריינדשאַפט איז שוין אַלט גאַנצע פיער וואָכען, זיא האָט מיך שוין איין געמאַטערט.

— וואַר מאַלי ניט דיא כלה פון א קרעמער, אַלס זיא האָט געמאַכט אייער בעקאַנטשאַפט?

— איך ווייס ניט גענויא אויב ער איז געווען א קרעמער אָדער א קליינער בעאַמטער! — האָט ענאַן ערקלעהרט. יא, יא, ער האָט געהאַט א פאַפּיר געשעפט, ווען איך וואַכט זיך ניט אַריינגעמישט וואָלט מאַלי הייטע געשטאַנען אין א קראַם און פערקויפט איהר מאַנ'ס כחורה. דיא פּאָאר וואָכען שוין גאַניץ נאָהענט צו הייראַטהען, אַלס איך האָב זיא ענטדעקט.

ער האָט אַליין געלאַכט פון זיין חכמה און האָט זיך געגלעט זיין דונקעלען באָרד. ער האָט גאַר ניט בערעכענט דאס זיין האַנדלונג האָט פערניכטעט דעם גליק פון צוויי עהרליכע מענשען. מאַלי, וועלכע איז געווען א פלייסיגע פּוטין מאַכערין און וועלכע וואָלט געוואָרען א טיכטיגע הויז פרוי איז געפאַלען

צום אפּפער פון ענאָן'ס שמייכלערייען, זיא האָט דעם גליק פון איהר לעבען צו טראָטען מיט דיא פיס, און איהר געוועזענער חתן איז פון פערצווייפלונג געטריבען געוואָרען צום שפּיעלען און טרינקען.

וואס האָט עס אבער געקימערט דעם באראָן פאָן שטורמפעדער? ער האָט זיך גאַנצע פיער וואָרען אמוזירט אין מאַליס געזעלשאַפט וואס שפּעטער איז פון דאס מעדכען געוואָרען האָט איהם קיין זאָרג פערשאַפט.

— קענט איהר מיר אויסהעלפען מיט איינינע הינדערט גילדען, בלויז אויף איינינע טעג? האָט ענאָן געפרעגט זיין פריינד.

— עס טהוט מיר שטארק לייד! — האָט דער פריינד געענטפערט, איך בין אליין גאַנץ אָבגעברענט, האָב אליין וועניג אין מיין טאַשע.

— מאזעס, וויל מיר מעהר ניט באָרגען! — האָט ערנאן געענטפערט מיט פערדרוס.

— פּרובירט בעטען געלד ביי אפרים? — האָט דער פריינד גאַנץ עהרליך געראָטהען.

— יא איהר האָט רעכט, מען דארף זאָפאָרט פאהרען צו אפרים'ן איידער דער מאַנטער ווערט געשלאָסען, איך מוז מיר פערשאפען געלד אויף דער רייזע. מאָרגען פריה פאהר איך אפּ מיט דעם קריער צוג, איך האָב דארום קיין צייט מיינע געלד אנגעלעגענהייטען פריהער צו פערזאָרגען. ווילט איהר מיך בעגלייטען צום אפרים?

— איך דאנק אייך, איך געה צו איהם נור ווען דיא נויט טרייבט מיך, האָט דער פריינד געענטפער וויא לאנג וועט אייער אבוועזענהייט דויערען? מיין בעסטער,

— נור איינינע טעג! האָט ענאָן געלאַכט, איך וועל מיך אומקעהרען מיט פאָלע טאַשען אין א לייבטען הערצען צוריק נאך וויען, אויף ווידער זעהן מיין געליבטער.

דיא צוויי פריינדע זיינען דערווייל געקומען אויף דער שטראסע, ענאָן האָט צו גערופען א דראָשקע און האָט זיך בעגעבען צום געלד באָרגער, וועהרענד זיין פריינד איז אוועק אין קלאָב און האָט דארט ערצעהלט דאס באראָן ענאָן פאָן שטורמפעדער פערלאסט וויען אויף איינינע טעג.

ענאָן איז דער ווייל געקומען צום געלד באָרגער, עס איז איהם ניט זעהר

לייבט אנגעקומען צו קריגען דאס געלד, אפרים האָט צו ערשט געקלאגט אויף די שלעכטע צייטען, איבער די גרויסע פערלוסטען וואס ער האט געהאט איבער די אונפונקטליכקייט פון די בארגער. און האָט פערזיכערט דאס ער איז איין זעהר ארמער מענש וואס ווייס ניט פון וואנען ער זאל ער נעהרען זיין פאמיליע ערשט נאכדעם וויא ענאן האָט בעוויזען דאס גראף ווילדענשטיין לאָפט איהם אויף א בעזיך, איז אפרים געוואָרען וויך הערציגער און האָט ענדליך איינגעשטימט· צו בארגען א געוויסע סומע אויף א וועקסעל בארען שטורמפעדער האָט איינגעזעהן דאס ער קען ניט קריגען די גאנצע סומע האָט פערלאַסען דעם קאנטאר מיט איין אונצופריעדענע מינע.

-- איין נאָטט וויים! — האט ער צו זיך געמורמעלט, איך וועל מוזען הייראטהען. א רייכע פארטהיי איז מיין איינציגע רעטונג. ווירקליך, איך ציטער פאר דעם פערהייראטען לעבען, אבער איך האָב קיין אנדער וועג צו רעטען זיך פיר דיעזען מאל וועט מיר דער אלטער גראף שוין אויסהעלפען אבער שפעטער מוז איך עס איבערלאָזען פאר מיין שווינער פאטער, וויא אונגליקליך איז איין ארמער עדעלמא, מיין פעטער ווערנער איז דער גליקליבסטער מענש אין דער וועלט אך ווען איך וואלט נור קענען קומען צו זיין פערמעגען!

מיט א טיעפען זיפץ האָט ער זיך בעגעבען אין איין עלעגאנטען שענק און האָט זיך געזעצט טרונקען פאר דאס געלר, וואס ער האָט געקראָגען פון געלד לייהער.

נעגען זיין געוואהנהייט האָט ער זיך הייטע ניט לאנג געזאמט אין שענק ער איז געקומען גאנץ פריה נאך הויזע.

דער דינער האָט זיך איבערראשט.

— פאק איין מיין קליינעם קאסטען! און וועק מיך אויף מארגען פריה, פונקט אום פינף אוהר, איך מוז מאָרגען אפרייזען.

— עס זאָל געשעהן! האָט דער דינער געענטפערט, האָבען זיי קיינע אנדערע בעפעהלע פאר מיר.

— ניין! — האָט ער געענטפערט און דער דינער איז א וועק.

דער דינער האָט זיך גענומען צו דער ארבייט און האָט פאר איהם איינגעפאקט דעם קאסטען מיט אלע נויטהיגע זאכע צו דער רייזע און אויף

מאָרגען האָט ער זיין הערר אויפגעוועקט צו דער בעשטימטער צייט און האָט איהם בעגלייט צום באהן.

אלס דער באראָן האָט ערריכט דיא לעצטע סטאציאָן האָט איהם ערוואר־טעט איין עקופּאזשע.

— דער הערר גראף געפינט זיך דאָך וואָהל? — האָט ער געפרעגט דיעם אלטען דינער וועלכער האָט איהם ערוואַרטעט, אבער ער האָט גאָר ניט געוואָרט אויף איין אנטוואָרט, זאָנדער'ן איז גלייך אריין אין דער עקיפּאזשע און איז אפּגעפאהרען.

אזוי שנעל וויא ער איז געקומען צום שלאָס האָט ער זיך איבער געטהון און איז אריין אין שפּייזע צימער, וואו דיא צוויי גראפען האָבען איהם ער־וואַרטעט.

ווערנער האָט שיין געוואָלט אפּפאָרען צום שלאָס פעלזאָנ! האָט דער אלטער גראףווילדענשטיין געזאָגט גלייך וויא ער האָט בעגריסט דעם גאַסט, איך האָב איהם אבער אפּגעהאלטען, ביז איהר וועט זיך זעהן.

אבוואָהל עס איז ווערנער'ן געוועזן זעהר שווער צו ערפילען זיין גראַס פאטער'ס וואונש דאָך האָט ער עס געטהון.

דיא צוויי פערוואנדטע האָבען זיך באלד בעגריסט, אבער ענאָנ'ס אויג האָט זאָפארט ערקענט דאס צווישען דעם אלטען און יונגען גראף הערשט איין ערוויטערונג און ער האָט זאָפארט בעשלאָסען ער זאָל עס בענוצען.

ווערענד ער האָט געטראַכט וועגען פערשיעדענע פּלענער, וויא צו מאכען גרעסער דיא פיינדשאפט צווישען דעם גראָספאטער און דעם אייניקעל האָט ער געשפּראָכען און געפּלוידערט גאַנץ פריינדליך מיט אלעמען ארום טיש.

ענאָן האָט אויך קיין פריינדשאפט געפיהלט צו זיין פערוואנדטען, ער איז דארום געוועזן צו פריעדען, ווען דער מאהל צייט האָט זיך געענדיגט און ער האָט זיך געקענט אפּזעגענען.

— וואוהין ווילסט דוא פאהרען? — האָט ענאָן געפרעגט מיט א בעהאַל־טענעם בליק.

— נאָך פעלזאָג! — האָט ווערנער געענטפערט.

— דוא ווענסט מיר דער ווייל לייסטען געזעלשאפט, ענאן! — האט דער אלטער גראף געזאגט.

ענאן האט זיך פערביינט און האט געוואונשען זיין יונגען פערוואנדטען א גליקליכע רייזע.

אף ווערנער, האט צו שנעל אויסגעפינען וואס דיעזער וואונש האט בעדייטעט און וואס פאר א גליקליכע רייזע ער האט געמאכט!

11טער קאפיטעל.

דיא שיידונג.

עס איז פאר ווערנער געווען אונמעגליך צו פערלאסען קעניגסוואלד־או אהנע צו נעהמען אבשיעד פון זיין סילווא.

ער איז דארום אוועק געלאפען מיט זיין פערד צום וואלד וועכטער און האט איבערראשט זיין געליבטע אין גארטען.

סילווא וואר בעשעפטיגט צו מאכען א קראנץ פון ליליען און ראזען, וועלכע זיא האט ערסט אפגעשניטען, וויא זיא האט דערזעהן איהר געליבטען מאן זיינען דיא בלומען ארויסגעפאלען פון איהרע הענד.

— מיר איז אזוי אונמוטהיג, ליעבער ווערנער! — האט זיא אנגעפאנגען און האט קוים בעהערשט איהר געוויין, איך פירכטע דאס איין געפאהר דראהעט איבער דיין קאפף.

דער יונגער גראף האט זיא גענייגט איבער איהר קאפף.

— דוא זארגסט גאנץ אומזיסט, מיין ליעבע כלה! — האט ער געזאגט גאנץ פריינדליך, — וועלכע געפאהר שוועבט איבער דיר?

— דוא רעדטס פון פאהרען נאך פעלזעג! — האט סילווא געזאגט, דער וועג אהין איז ניט אונגעפעהרליך, ער געהט פערביי דעם טייפעלים בלאטע, דיא טייפעלים בלאטע האט שוין איינגעשלונגען איינינע אפפער! זיא איז טיעף, און דער וועג איז זעהר שמאל, דאס דיין פערד, וועלכער איז נאך גאנץ יונג קען זעהר לייכט ארייגשפרינגען מיט דיר אין אבגרונד, ליעבער ווערנער, ווילסט דוא מיר טהון דיא געפעליגקייט און פאהרען מיט דעם

ברייטען וועג, דוא דאַרפסט זאָנאר מאַבען א גרעסערע רייזע, אבער דוא וועסט מיר דערמיט אראַפּנעהמען אַ גרויסע זארג פון הארצען.

— זיי רוהיג געליעבטע, איך וועל נעהמען דעם ריכטיגען וועג! — האָט ווערנער געזאָגט און זיין געליבטער'ס זאָרג האָט איהם גערירט, אבער זיי ניט מעהר טרויעריג, מיין סילווא? מאָרגען, אָדער איבער מאָרגען קום איך צוריק צו דיר און ברענג דיר א צייכנונג פון פעלזאַג, מיר קענען זיך דאַן בעראַטהען וואס פאַר ענדערונגען מיר זאָלען מאַכען, שענק מיר איינע פון דיינע ראָזען, מיין הערץ!

מיט א ליעבליכען לאַכען האָט סילווא אויסגעקליעבען דיא שעהנסטע האַלב פערבליהטע ראָזע און האָט זיא אריינגעשטעקט אין ווערנערס ברוסט, ער האַט דערביי געהאַלטען פעסט איהר קליינע האַנד און האָט זיא בעדעקט מיט קושע ביז זיא האָט זיא ארויסגעצויגען.

— דאָרט נעהט אויף דער מאָנד! — האָט זיא געזאָגט, דוא וועסט האָבען א שעהנע ראַזע פאַר דעם שיין פון דער מאָנד.

— איך וועל ניט אַכטען דעם אויסזעהן פון דער לבנה, איך וועל נור דענקען פון דיר מיין הערץ, האָט ער געזאָגט.

— איך דענק נור אָן דיר, און אימער אָן דיר! — האָט סילווא געזאָגט און איז רויטה געוואָרען, — יעדען פריהמאָרגען איז מיין ערסטע געדאַנק וועגען דיר, ביי טאָג בענלייט מיך דיין געזיכט און אין מיין טרוים געפינסט דוא זיך נעבען מיר.

— מיין זיעסע געליבטע, קוס מיך! — האָט ער געזאָגט.

סילוואס ליפּען האָבען בערוהרט זיין שטער'ן און דאַן איז זיא אנטלאָפען אין הויז.

מיט ענטציקענדע בליקען האָט ער נאַכגעקוקט איהר שעהנע זיעסע געשטאַלט.

וואס פאַר א מייסטער שטיק האָט דיא מוטער נאַטור היער געשאַפט! האָט ער געדאַכט, — ווען מען זעהט סילוואַ'ן דענקט מען, דאס איין מאַרמאָר בילד האָט געקראָגען א נשמה, מערקווירדיג, איך האָב סילוואַ'ן ערסט ריעזען יאהר ערקענט און דאָך שיינט זיא מיר אזוי בעקאַנט, דאס קען זיין

דער פון, וואס איך געפין אין איהר מיין אידעאל.

וועהרענד דיזע געדאַנקען האָט גראף וועַנער עררייכט דעם וואלד וועכטער׳ס הויז און האָט זיך אבגעזענד מיט סילוואס עלטער׳ן, בכויז אויף צוויי טעג, וויא ער האָט גערעכענט.

אך, וויפיעל טעג, וואכען, און מאָנאטען זיינען א וועק איידער דער גראף האָט געהאט דאס גליק ווידער צו זעהן דיא שעהנע געזיכט פון זיין געליבטע.

אבוואהל ווערנער האָט איהר פערזיכערט דאס אלעס איז זיכער דאָך איז דיא פורכט ניט א וועק פון סילוואס הארץ, זיא איז געוואָרען וויים און רויטה, איהרע אויגען האָבען זיך אנגעפיהלט מיט טרעהרען, און מיט ציטערענדע ליפען האָט זיא צו איהם געזאָגט: בלייב אין קעניגסוואלדאו געליבטער! איך שטארב פאר אנגסט ווען איך עראינער מיך דאס דו דארפסט מיך פערלאסען.

— דיזעס איז אָבער נויטהיג, מיין געליעבטע! — האט דער יונגער גראף געזאָגט, — איך פערטראג עס געדולדיג, וויל איך וויים דאס עס נויטהיג פאר אונזער עווּיגער פעראייניגונג, ווען איך וועל מיך אומקעהרען פון פעלזענ וועסט דוא ווערען מיין זיסע פרוי.

סילווא האָט גאנץ שווער גע‍זיפצט.

נאך א קוס, נאך איין אומארמונג, דאן האט ווערנער בעשטיגען זיין פערד און איז אפגעפאהרען, ער האט זיך בעהערשט און האָט קיין בליק אויף צוריק געוואָרפען, סילוואן איז בעפאלען איין שרעקליכע פורכט, זיא האָט געוואָלט צוריק רופען איהר פערליבטען, אָבער קיין ווארט איז ניט ארויס פון איהרע ליפען, און זיא איז געפאלען וויא מאכטלאָז און איהר מוטערס ארעמס.

אזוי שנעל וויא דעם וואלד אויפזעהערס פרוי הערווערד האָט ארייגעחאפט איהר קינד אין איהרע הענד איז פון אונטער׳ן אויווען ארויס דיא אלטע דינסט קאטהערינא וועלכע איז פון אלטקייט און ארבייט געוואָרען איינגעבויגען און א הארב, דיא אלטע איז שוין געוואָרען האלב קינדיש און האָט צייטענווייס געשפּראָכען אונדערשטונדליכע זאכען, זיא האָט זיך צוגעבויגט איבער דער אונמעכטיגער סילווא און האט געמורמעלט: וויא זיא זעהט אוים עהנליך צו יענער פרוי, וועלכע מען האָט געפינען איינגעשאָטען אין שנעע.

— שטיל! — האָט מאנדאלענא אויסגערופען ווי א געביטערין! — האב איך דיר ניט געהייכען דוא זאָלסט שווייגען?

— איך שווייג דאָך! — האָט קאטהארינא געענטפערט. — אבער דיא עהנ־ליכקייט איז זעהר גרויס! דערווייל האב איך אַלעס פערגעסען, האט זיא וויי־טער געזאגט. — מאנכעס מאל דענק איך אבער דאס דער גראף דארף דאס אַלעס וויסען, ער דארף דאך וויסען ווער זיין כלה איז!

— יא, — האט דיא פרוי געענטפערט, — איך האב שוין דעריבער גע־שפראכען מיט מיין מאַן, מיר ווילען דעם יונגען גראף ערצעהלען וואס עס האט זיך אבגעשפיעלט אין יענער שטורמדיגער נאכט, אבער שווייג, סילוויא פאנגט זיך אן צו רוהרען, זיא וועט באלד עפענען דיא אויגען.

ווירקליך, סילוויא האט באלד געוואונען איהר בעוואוסט זיין, איהר ערסטע פראגע איז געווען:

— וואו איז ווערנער? — האט זיא געפרעגט.

— אויף דעם וועג נאך פעלזענ! — האָט דיא פרוי געענטפערט, אָבער וואס איז מיט דיר סילוויא, מיר שיינט אז דוא שפיעלסט שוין דיא ראָלע פון א גרעפין, חלשות און נערוועזיטעט פאסען ניט פאר א געוועהנליכע מיידעל.

— אך, ליעבע מוטער, זיי דאך ניט בייז! — האָט סילוויא געזאָגט און האָט ארומגענומען דעם האלז פון איהר מוטער, דוא ווייסט ניט וויא שלעכט מיר איז, איך האב אימער דעם געפיהל דאס ווערנער וועט אריין פאלען אין א טיעפען אבגרונד.

— דוא וועסט דאך ניט קראנק ווערען, מיין קינד? האָט פרויא הער־ווערט געפרעגט, עס איז מיר שוין אויפגעפאלען דאס דוא האָסט הייטע קיין זאך געגעסען, טהוט דיר עטוואס וועה?

— ניין ליעבע מוטער. איך בין וואָהל! — האט סילוויא געענטפערט, איך קען פון דיעזער פורכט ניט פריי ווערען.

— איך קען דיך ניט מעהר, סילוויא! — האָט דיא גוטע פרוי געזאָגט, דוא ביזט דאך אימער געוועזען א בראַווע מיידעל, און יעצט שרעקסט דוא זיך פאַר יעדע קליינינקייט, און דיינע אויגען זעהן אויס גאנץ אנדערש, ווען

ווערנער וואלט דיך יעצט געזעהן וואלט ער געמיינט אז ער זעהט פאר זיך א גייסט, דוא דארפסט זיך קענעז בעהערשען

סילוויא האט צוגעדריקט דיא הענד צום הערצען און האט זיך געצוואונגען צו שמייכלען, אבער שווערע טרעהרען זיינען ארויסגעפאלען פון איהרע אויגען און זיא האט געמורמעלט:

— הימלישער פאטער, שוטץ און שירמע מיין ווערנער! האלט דיין האנד איבער איהם און רעטע איהם פון יעדע געפאהר!

D. BACK,
20 SCOTT STREET,
GARDENS,
CAPE TOWN.

12טעס קאפיטעל.

לעבעדיג בעגראבען.

דער מאנד האט אויסגעגאסען א זילבערנע ליכט איבער דיא בערג. שטיל האבען געררוישט דיא אלטע בוימער, און נאכטפייגלעך האבען געזונגען און געשפיעלט.

עס וואר א ביכד שעהנע רייצענדע בילד, אבער אויף דעם גראף האט עס קיין ווירקונג ניט געמאכט, ווייל ער האט זיך ניט אומגעקוקט אויף דעם געגענד.

ער האט געהאלטען זיין ווארט און האט געריטען מיט דעם ברייטען וועג, אבוואהל ער איז דאדורך געצוואונגען געוועז אנצולייגען א שטיק וועג. זיינע געדאנקען זיינען אימער געוועזן ביי סילוויא, ער האט זיך פארגעשטעלט וויא גליקליך ער וועט זיין, ווען ער וועט דערזעהן שעהנעם ווערען האלטען וויא א פרישע בלומע.

א שטונדע נאך האלבע נאכט האט ער ערדייכט זיין שלאס פעלזענ, צו זיין העכסטען ערשטוינען האט ער דארט געפינען דעם אלטען גערהארד. וועלכער האט איהם גאנץ פריינדליך און ליעבליך איפגענומען.

— איהר זייט היער גערהארד! — האט ווערנער געפרעגט פערוואונדערט. וויא קומט דאס?

— דער העלר גראף, אייער גראס פאטער האט אזוי בעפאהלען! — האט דער אלטער געענטפערט.

ווערנער׳ס געזיכט האָט געהאט א פריינדליכען אויסזעהן ער האָט געגלויבט דאס זיין גראס פאטער האָט צו איהם געשיקט דעם אלטען דינער, ווייל ער וויל זיך מיט איהם איבער בעטען.

— געהט שלאָפען גערהארד! — האָט דער יונגער גראף געזאָגט. — עס איז פון אייך איין גרויסער אונרעכט, דאס איהר זייט צו דיעזער שטונדע נאך וואך.

— זייט דאך גנעדיג, ליעבער גראף! — האָט דער אלטער דינער גאנץ פריינדליך געזאָגט. — איך קען דאך ניט שלאָפען.

— זייט איהר קראנק? — האָט ווערנער געפרעגט.

— ניט קראנק, אָבער פערקימערט! — האָט גערהארד געענטפערט.

— וואס פעהלט אייך? — האָט דער גראף געפרעגט, — קען איך אייך העלפען?

— יא, דאס קענט איהר העהר גראף! — האָט גערהארד געענטפערט מיט פריינדע, אך ווען דער העהר גראף זאל נור וועלען דאן בין איך גערהאָלפען, דאן איז יעדע זארג פון מיר א וועק!

— וואס קען איך פאר אייך טהון? — האָט ווערנער געפרעגט. — רעדט דאך אפענהערציג, איך בין בערייט צו ערפיעלען יעדע ביטע פון אייך.

ווער קען בעשרייבען דיא איבערראַשונג פון דעם יונגען גראף, אלס דער אלטער דינער איז פלוצלונג געפאלען צו זיינע פיס און אין א וויינענדען טאָן האָט ער געזאָגט:

— אה העהר גראף, לאָזט זיך איבערבעטען און קעהרט אייך זאָפאָרט אום צו אייער גראָספאטער! פערשפרעכט איהם דאס איהר וועט איהם אין אלעס פאָלגען, עס איז ניט גוט ווען מען ארכטעט ניט דעם וואונש פון עלטערען וויא קען רוהען נאָטטעס ברכה אויף אייער הייראטה, ווען דאס ווערט גע־שלאָסען געגען דעם וואונש פון דיא עלטערען, לאָזט אייך ווארנען העהר גראף! איהר שטעהט ביי איין אבגרונד, איך וויל אייך דערפון שיטצען.

ווערנער׳ס שטערן האָט זיך פערוואָלקענט וועהרענד דער אלטער האָט צו איהם געשפראָכען, ער האָט צו איהם געוואנקען מיט׳ן האנד און האָט איהם געענטפערט קאלט און שטאָלץ.

— איך האָב אימער געטהון דעם וואונש פון מיין גראָספאטער, היער

האָנדעלט עס זיך אָבער וועגען מיין גאנצען לעבען. היער קען איך ניט און וועל ניט נאכגעבען,

— אה, העדר גראף! — האָט דער אלטער דינער אויסגעשריען מיט א געוויין, איהר ווייסט ניט וואס פאר איין אונגליק עס וועט קומען, ווען איהר וועט בלייבען ביי אייער בעשלוס.

— איך וויים אז מיין גראָספאטער וויל מיך ענטערבען! האָט ווערנער געענטפערט געלאסען. אבער דאס קען ער טהון. זיין גרויסען פערמעגען, וועל איך ניט קענען איבערלאָזען מיינע קינדער זאָגאר ווען איך זאָל הייראטהען נאך זיין וואונש. ענאן דארף מיך ירשינען דארום קימערט עס מיך גאר ניט. ער קען עס האבען שוין יעצט, מיין הערץ איז ניט איבערגעגעבען צו געלד און פערמעגען.

דער אלטער מאן האָט ארויסגעלאָזען א שווערען זיפץ.

— ווילט איהר זיך ניט לאָזען ווארנען? — האָט ער געמורמעלט.

— שטעהט אויף! — האָט ווערנער בעפאָהלען, ווען איהר וועטריידען נאך א וואָרט וועל איך בייז ווערען איז א צימער פאָר מיר פאָרברייט?

— יא, העדר גראף! האָט גערהארד געענטפערט, דער בלויער צימער איז פארגעברייט געוואָרען, האָט דער העדר גראף מעהר קיין בעפעהל?

— שיקט מיר א גלאָז וויין, איך בין דורסטיג! איך וועל מיך בעגעבען אין מיין צימער! — האָט ווערנער בעפאָלען.

דער אלטער דינער איז א וועק און אין איינינע מינוטען איז ער געסומען אי צימער און מיט א ציטערענדע האנד האָט ער דערלאנגט דעם וויין.

אבער איידער ער האָט דעם וויין געשטעלט אויפ'ן טיש האָט ער גע־פרעגט.

— האָט איהר זיך שוין איבער לעגט העדר גראף?

— ניין! האָט דער גראף געענטפערט.

גערהארד האָט דערלאנגט דעם וויין און דער גראף האָט זיך אנ־געטרונקען.

אלס דער גראף האָט אויסגעלעדיגט דיא גלאָז, האָט ער געזאָגט:

— דער וויין האָט עפּעס א ווידערער טעם, גיט מיר א גלאָז וואסער און געהט שלאָפען גערהארד.

ער האָט דיא לעצטע ווערטער נעשפּראָכען לאַנגזאַם און שטיל, דאַן האָט ער אראָפּגעלאָזען זיין קאָפּף איבער זיין ברוסט, זיינע אויגען האָבען זיך געשלאָסען, ער האָט זיך ער האָט זיך געמאַטערט דיא אויגען אופצורייסען אבער באַלד האָט ער אנגעפאַנגען צו אטהעמען שווער און ביטער און איז איינגעשלאָפען.

אלס גערהארד האָט זיך אומגעקעהרט מיט דעם וואַסער האָט ער געפינען דעם גראַף אין א פעסטען שלאָף. ער האָט איהם בעטראַכט און האָט געמורמעלט:

— דער שלאָפטראַנק האָט זיין ווירקונג געמאַכט, עס טוהט מיר לייד וואָס דיעזעס איז געשעהן.

ער האָט זיך צוגעבייגט צום איינגעשלאָפענעם, עס האָט געשיינט אז ער וויל איהם אויפוועקען, אבער באַלד האָט ער זיך צוריקגעהאלטען, זייט גערהארד געדענקט האָט ער געפאַלגט אלס וואָס דער אלטער גראַף ווילדענשטיין האָט בעפאָהלען, דער הערר און דער דינער זיינען געווען אין איינע יאהרען און זייט זיין קינדהייט האָט גערהארד געטהון אלעס וואָס זיין יונגער הערר האָט איהם בעפאָהלען.

— איך בין דאָך נור איין ארמער אונוויסענדער דינער! האָט ער געמורמעלט דער הערר גראַף פערשטעהט אליין וואָס פאַר זיין איניקעל איז בעסער.

ער האָט געעפענט א זייטיגע טיהר און האָט געגעבען א צייכען צו צוויי מענער, וועלכע זיינען געשטאַנען אין צווייטען צימער בערייט און פערטיג צו טהון זייער פפליכט.

דיא צוויי מענער האָבען זאָפאָרט געפאָלגט דעם וואונק.

איינער פון זיי איז שוין בעקאַנט צו דיא געעהרטע לעזער, ער איז געוועזן דער קוטשער מאיר, דער צווייטער וואָר אלאָזאַס, דער אויפזעהער פון שלאָס.

— הייבט אויף דעם גראַף און טראָגט איהם אַוועק! — האָט גערהארד געזאָגט.

— הע, גערהארד מאַכט דאָך ניט אזא שפּאַס! האָט מאיר געזאָגט.

— טהוט וואָס איך זאָג אייך! האָט גערהארד געזאָגט.

— איך וועל מיך בעדאַנקען! — האָט מאיר געענטפערט.

— דאס איז אבער דער וואונש פון דעם אלטען גראף ווילדענשטיין! האָט גערהארד געזאָגט אין א שטרענגען טאָן, דער גראף וועט אייך דערפאר בעלאָהנען!

— הערט גערהארד! האָט מאיר זיך אפגערופען, דער גראף האָט מיר פערשפראָכען טויזענד גולדען, און טויזענד גולדען איז א שעהנע סומע, אבער ווען דער יונגער גראף דארט פערבלייבען זיין גאנצען לעבען! עס האנדעלט זיך נור וועגען איינינע טעג.

— אבער דער הערר גראף מוז דאך וויסען ווארום ער טהוט עס! האָט מאיר געזאָגט.

— גאנץ געוויס! — האָט גערהארד געענטפערט, אונזער יונגער הערר וויל זיך אונגליקליך מאכען און דאס וויל דער אלטער גראף פערהיטען, עס האנדעלט זיך נור וועגען איינינע טעג.

— דאן בין איך פערטיג! — האָט דער קוטשער אויסגערופען. א פאאר טאָג איז ניט געפעהרליך.

מאיר און אלאזאס האָבען יעצט אנגענומען דעם יונגען גראף און האָבען איהם אויפגעהאָבען אין דער הויך, דער גראף האָט געמאכט א קליינע בעוועגונג, אָבער ער האָט דאָך ניט ערוואכט פון זיין שלאָף.

גערהארד האָט גענומען די ברענענדע לאמפע און איז געגאנגען פאראויס, די טרעגער זיינען איהם לאנגזאם נאכגעגאנגען פון הונטען.

זיי זיינען געגאנגען דורך איין ענדלאזען לאנגען גאנג און זיינען ענדליך געקומען אין א פליגעל פון שלאָס געלוינג וועלכער איז אין גאנצען פערדאָרבען געוואָרען פון דעם שלעכטען וועטער, אין א גרויסען צימער איז געשטאנען אָפען איין געקונצעלטע פלאכע טהיר, א ברייטער לייטער האָט זיך ארויסגעזעהן.

מיט גרויסע אנשטרענגונג זיינען די מענער אראפ געשטיגען פון לייטער.

וויא זיי זיינען געקומען אונטען, האָבען זיי א וועק געלעגט דעם גראף אויף טראָג בעט און זיינען ווייטער געגאנגען, אזוי שנעל וויא זיי האָבען איהם געבראכט צו זיין פלאטץ האָבען זיי זיך אומגעקעהרט און האָבען צוגענומען דעם

לייטעד און האָבען צוריק געמאַכט דיא טהיר דאס עס וואר קיין צייכען צו זעהן, דאס א טהיר איז דאָרט דא.

— איהר קענט יעצט צוריק געהן נאָך קענינס וואלדאו, מאיר, און מעלדען דעם גראף, דאס זיין בעפעהל איז פונקטליך ערפיעלט געוואָרען, האט גערהארד געזאָגט מיט א מיעדער שטימע.

— הערט ! — האט מאיר געזאגט. — גאַנץ גוט געפעהלט עס מיר דאָך ניט !

אַלאזאס האָט עטוואס געמורמעלט און האָט צו איהם צו געוואָרפען איין שאַהפען בליס.

— זייט איהר בעקאַנט מיט דעם מעכאַניזמוס ! — האָט גערהארד געפרעגט דעם שלאָס אויפזעהער.

— יא, — האָט ער געענטפערט.

— איך בלייב אין שלאָס ביז דער גראף וועט בעפרייט ווערען ! — האט גערהארד געמורמעלט, — איך וועל איהם אויף קיינעם ניט פערטרויען, איך מוז אַליין פאר איהם זאָרגען.

מאיר איז נאָך אַלץ געשטאַנען און האָט געוואַרט.

— אויף וואָס ווארט איהר נאָך ! — האָט גערהארד געפרעגט.

— דער גראָף איז צו מיר אימער געווען פריינדליך, — האָט דער קוטשער געזאָגט פריינדליך, מיט טהוט לייד דער גאַנצער האנדעל.

— אָבער צוריק קען מען עס דאָך ניט נעהמען ! — האָט דער שלאָס אויפזעהער געזאָגט, — דער גראָף אַליין איז דער פאר פעראַנטוואָרטליך, שפּאַנט נור איין דיא פערד, איהר זייט דאָך א יונגער מאַן, איהר האָט א יונגע פרוי, איהר קענט צו לאַנג ניט זיין אין דער פרעמד.

— מיינט איהר צו שטערען מיין סוזי ? — האָט דער קוטשער געפרעגט מיט צאָרן.

— ניין ! איך קען ניט אייער סוזי !

— דאס אייער גליק ! — האָט מאיר אויסגערופען, איהר וואָלט דער פאר טהייער בעצאהלען, אבוואהל איך וואָלט אייך קיין וואָרט געגלויבט.

דאָך האָט זיך מאיר געלאָזט פאהרען שנעל א היים, דער שטאָך וואָרט,

האָט ניט פערפעהלט דעם ציעל און מאירס אייפערזיכט איז געווען אזוי שטארק דאס יעדע קליינינקייט האָט עס געקענט אויפרייצען.

שנעל ווי א בליטץ האָט מאיר איינגעשפאנט דעם פער, ער איז ארויפ־געשפרונגען אויפ'ן וואגען און איז אפגעפאהרען.

— מיר שיינט אז איך האָב איהם פערפיהרט! — האָט אלאואס געזאָגט מיט פערגניגען און איז צוריק אריין אין הויז.

נאָך פיעלע, פיעלע שטונדען האָט גדאף ווערנער ערוואכט פון זיין שווע־רען שלאָף און ביטערען טרוים.

עס האָט איהם געטרוימט, אז מען האָט איהם לעבעדיג בעגראָבען, און זיין גראס פאטער און זיין געליבטע זיינען געשטאנען פערצווייפעלט איבער זיין זארג, ער האָט געזעהן דעם שרעקליכען יאמער פון זיין געליבטע, ער האָט געהערט ווי זיא קלאָגט מיט פערצווייפלונג און האָט צו איהר גע־וואָלט שרייען: איך לעב סילוואַ!

אבער טראָטץ דיא גרויסע אָנשטרענגונג האָט ער דאָך ניט געקענט אויסריידען איין וואָרט, זאָגאר קיין איינציגען געשריי.

ער האָט געוואָלט געבען סילוואַן א צייכען, ער האָט פּראָבירט נור איין פינגער אויפצוהייבען, אבער ער האָט פערלארען זיין הערשאפט איבער זיינע גליעדער, ער האָט ניט געקענט מאכען דיא קלענסטע בעוועגונג, ער וואר פאָלשטענדיג געלעהמט, ער וואר לעבעדיג טויט.

יעצט האָט מען ארויפגעלעגט דיא דעקעל אויפ'ן זארג, איז צוגעשרויפט און צו געשלאָגען געוואָרען, א שרעקליכע פורכט איז ווערנער'ן בעפאלען.

מען וויל לעבעדיג בעגראבען!

אך ווען ער זאָל נור קענען געפינען א וואָרט! ווען ער זאָל נור קענען אויסזעצען איין געשריי, אָבער ער וואָר שטום, וואר לעבעדיג טויט.

א ווילדע שרעק איז איהם בעפאלען, דיא מורא פאר'ן טויט האָט איהם צוזאמענגעשרויפט און זיא האָט געליימט זיינע געהירען, זיא האָט גערויבט זיין פערשטאנד, אך ווי דונקעל איז עס איהם געוואָרען!

ווי שווער און ווי געדריקט וואר דיא לופט אין זיין קבר! ווי לאנג קען ער נאָך אזוי לעבען? ווי שווער האָט זיך געריסען זיין אטהעם איבער זיינע ליפען? ער האָט געגלויבט אז ער ווערט ערשטיקט.

— לעבעדיג בעגראָבען! — האָט ער געוואָלט מורמלען, אָבער זיינע ליפּען האָבען זיך אויף קיין פאל ניט געוואָלט עפענען.

יעצט האָט ער דערהערט עגאָנ'ס שטארקע שטימע.

ער האט זיך צו איהם צו געבויגט און האָט צו איהם געזאָגט מיט א טייפעלשען געלעכטער:

— פיעל פערגניגען, מיין פריינד!

און א גאנצע מחנה קליינע שדים מיט פייער צונג אויגען האבען אנגעפאנגען צו טאָנצען ארום איהם און זונגען: פיעל פערגניגען! פיעל פערגניגען?

און דיעזען מאָמענט האָט זיך ווערנער אויפגעכאפּט. אויף זיין שטערען זיינען געשטאנען פּערל פון קאַלטען שוויים, ער האָט זיך ארומגעקוקט וויא א שפּארער.

פאָלשטענדיגע פינסטערניס האָט איהם ארומגערונגעלט.

א דיקע שווערע לופט האָט איהם א זעטץ געטהון אין געזיכט, דיא שווערע, ענגע לופט פון קבר.

אין ערסטען אויגענבליק האָט ווערנער געגלויבט אז ער איז ווירקליך טויט אין א קבר. אָבער באלד האָט ער אויסגעצויגען זיין האנד אום צו זוכען זיין טיש וואס איז געוועהנליך געשטאנען נעבען זיין בעט, און האט געזוכט דיא שוועבעלעך און דאס ליכט וואס איז געוועהנליך געשטאנען אין זיין שלאָפצימער, ער האָט אבער באלד צוגענומען דיא האנד צוריק, דען ער האָט ניט געפינען קיין טיש, קיין שוועבעלעך קיין ליכט און קיין גלאז וואסער.

ווערנער האט גענומען זוכען זיין גלעקעל, אבער א קאלטער שוויים האט איהם אין גאנצען בענאסען, דען ער האט אנגעטאפּט א קאַלטע און א פייכטע וואנד.

א מאָמענט לאנג איז ער געלעגען וויא דער שלאגען.

שנעל איז ער איבערצייגט געווארען, דאס ער געפינט זיך אין דעם קעלער אונטער דער ערד, וועלכען ער האט געקענט נאך פון זיינע קינדערשע יאהרען, און באלד האט זיך אויסגעריסען פון זיין מויל, דער געשריי: לעבעדיג בעגראבען! לעבעדיג בעגראבען!

ער איז אויפגעשפּרינגען און האט גענומען זוכען א וועג ארויסצוגעהן, אבער

ער האט קיין וועג, קיין שטראהל פון דער לעבעדיגער וועלט געקענט געפינען. ער איז ארומגעלאפען איבער דעם גראסען קעלער ביז זיינע קרעפטען זיינען ער־שעפט געווארען, ביז ער איז צוזאמען געפאלען און אלס ער איז געפאלען צו דער ערד האבען זיינע לופען געמורמעלט:

לעבעדיג בעגראבען, לעבעדיג בעגראבען.
דאן איז איהם בעפאלען איין טיעפער אונמאכט.

12טער קאפיטעל.

הערר און דינער.

מאיר האָט זיך פערגעסען צו זיין פאָרזיכטיג אין זיין רייזע, עס וואר ווירקליך א וואונדער ער איז געבליבען לעבען, אלס ער איז דאָרט אנגעקומען האט ער איבערגעגעבען דעם פערד פערד צו א דינער און אליין האָט ער זיך גאנץ פארזיכטיג אריינגערוקט אין הויז, עס וואר שוין העלער טאָג. סוזי האָט די לורען אויפגעעפענט און איז געשטאַנען פאר א קליינעם שפיעגעל און וואר דער מיט גאנץ בעשעפטיגט איהרע שווארצע האאר צו פלעכטען, דער רויטהער קאָפּף האָט בעטראכט זיין יונגע געליבטע מיט גרויסער צערטליכקייט און מיט א ווייכע שטימע האָט ער צו איהר געזאָגט:

— גוט מאָרגען געליבטע!

זיא האָט זיך שנעל צו איהם אומגעקעהרט און האָט איהם בעגריסט מיט פריידע.

— האסט דו מיר געבראכט די אויריגגלעך? האָט זיא איהם געפרעגט און האט איהם אנגעקוקט מיט ערווארטונג.

— ניין! — האָט ער געענטפערט.

— זאפאָרט האָט זיך איהר מינע געביטען און זיא האָט זיך פון איהם גאנץ ארויסגעריסען.

— דו טהוסט מיר ניט דעם קלענסטען געפאלען! האָט זיא געזאָגט, ווען דאָס איז די גאנצע ליבע, וואס דו האסט צו מיר, זאָ זעהט עס גאנץ טרויעריג אוים.

זיא האָט פערדרעהט איהר קאָפּף פון איהם און איז אוועק פון הויז.

דער קוטשער האָט געמורמעלט פאַר כּיַס, דאַן איז ער אוועק צו זיין הערריןס הויז.

— ערוואַרט! האָט ער געפרעגט דעם דינער, איז דער הערר שוין וואך?

— יא, — האָט דער אַלטער דינער געענטפערט.

— איך בין בעפאהלען געוואָרען, דאָס אזוי שנעל וויא איך וויל מיך אומקעהרען זאָל איך זיך מעלדען צים דינער.

דער דינער איז אוועק מעלדען דעם גראף דאָס מאיר איז שוין צוריק געקומען.

דער גראף האָט זאָפאָרט גערופֿט דעם קוטשער צו זיך.

— זייט געגערינג הערר גראף! האָט דער קוטשער מאיר געזאָגט און האָט זיך פערניינט, דאָס געשעפט איז פאָלשטענדיג גוט פערזאָרגט.

דער גראף האָט געעפענט זיין געלר טאַשע און האָט איהם אפגעצעהלט א גרויסע צאהל באַנקנאָטען.

— היער איז דיא פערשפּראָכענע בעלאָהנונג! האָט ער געזאָגט, דוא ווערסט זאָפאָרט אַפּרייזען!

— ענטשולדיגט הערר גראף, וואָס איך ערלויב מיך צו שטעלען נאך איין פראַגע! האָט מאיר געזאָגט און האָט צו זאַמענגענומען אלע קרעפטען, געהערט האָט מיר געשוואָרען, דאָס אונזער יונגער גראף וועט נור איינינגע טעג בלייבען אין קעלער, איז דאָס וואהר?

— יאָ! — האָט גראף ווילדענשטיין געענטפערט.

— ווארום דאַרף איך אבער אזוי שנעל אפּרייזען? — האָט מאיר ווייטער געפרעגט עס וואָלט מיר געווען פיעל בעסער אויפ׳ן הארצען, ווען איך וואָלט פאַר מיין רייזע געקענט זעהן דעם יונגען גראף.

— דוא קענסט וועגען דעם יונגען גראף בלייבען אונבעזאָרגט! האָט דער גראף געענטפערט, דוא דאַרפסט דוא ניט בלייבען, וויל דוא קענסט פלוידערן און יעמאַנד קען דעם גראף ווערנער בעפרייען פאַר דער צייט, דערמיט וועט ער פערדאַרבען מיין פּלאַן דוא קענסט יעצט געהן, דוא זאָג דיינע

לייטע דאָס דוא האָסט עטוואס נעערבט, אדער דאָס דוא האָסט דאָס געלד נעקראָגען דורך א לאטערי.

— איך האָב שוין געשפּראָכען פון א לאטערי געווינס! האָט מאיר געזאָגט.

— דאָס איז גוט. — דוא האָסט אלזאָ געוואונען טויזענד גולדען אין דער לאטערי, דוא קענסט יעצט געהן, איך פערלאָז מיך אויף דיין שווייגען.

— איך דאנק אייך הערר גראף פאר דאָס געלד, האָט ער געזאָגט אבער איך מוז דאך צו ערסט פערקויפען מיינע ציגען און דיא היהנער.

— איך וועל זיי קויפען, האָט דער גראף געזאָגט, היר האָסט דוא פאר דעם דרייסיג גולדען דאָס וועט אלעס דעקען יעצט שטעקט דיר קיין זאך מעהר אין וועג.

דער רויטהער קאָפּף האָט זיך פערנייגט און איז אוועקגעלאָפען צו זיין הויז.

— סוזי פּאַק צוזאמען אונזערע זאכען! — האָט ער אויסגערופען, מיר פאהרען נאך אמעריקא, יעצט זיינען מיר רייך!

— דוא מאַכסט אימער אלערליי פּלוידערייען! האָט סוזי געענטפער מיט צארן, טראגט מיר בעסער אריין א בינדעל טרוקענע האָלץ, דיא נאסע וויל ניט ברענען.

— אך לאָז דאך אָפּ דאָס האָלץ! — האָט מאיר אויסגערופען, אין אמעריקע וועסט דוא ניט דארפען א קלאָפּ טהון א פינגער צו א פינגער! איך וועל דיר דארט האלטען דינסטען און דוא וועסט שפּיעלען דיא ראָלע פון א מאדאם!

— דוא רעדסט זיך איין דאָס מיט דיא פינפאונדצוואנציג גולדען וואס דוא האָסט געפינען קענען מיר פאהרען נאך אמעריקא, האָט סוזי געזאָגט דערמיט קומען מיר ניט זאָגאר ביז האמבורג, דיא דומער יונג.

— ווען איך האָב אבער מעהר געוואונען, פיל מעהר! האָט מאיר געזאָגט און האָט געוואונקען מיט דיא אויגען.

— האָסט דוא ווירקליך מעהר געוואונען? האָט סוזי געפרעגט און איז רויט געווארען איבער'ן גאנצען געזיכט.

— יאָ, איך האב מעהר געוואונען! — האָט מאיר געזאָגט.

— ליעבער גוטער איינציגער מאיר? האָט סוזי געשמייכעלט, זאָג מיר וויפיל האָסט דוא געוואונען? איז דאָס הינדערט גולדען?

— מעהר! — האָט מאיר געשריען מיט טריאומפה.

— נעה, דוא מאכסט מיך צום נארען, עס איז ניט גוט פון דיר וואָס דא מאכסט זיך קוסטיג איבער מיר.

— איך מיין עס גאַנץ ערנסט, — האָט מאיר פערזיכערט.

— דאַן ווייז מיר דאָס געלד, האָט סוזי געבעטען און האָט געגלעט איהר מאָן איבער זיין געזיכט.

ער האָט איהר ביטע ערפיעלט און האָט ארויסגענומען די באַנקנאָטען וועלכע דער גראף האָט איהם פריהער געשאָנקען.

דיא יונגע פרוי האָט אנגעחאפט דאס געלד האָט זיי איבערגעצעהלט און צוזאמענגעלעגט.

— זאָנטאג וועל איך געהן אין דער קירכע, — האָט זיא געזאָגט, איך וועל אויך פאהרען אין שטאדט, וועל מיר קויפען א זיידענע קלייד, א הוט מיט בלומען און אוידענגלעך, עס וועט זיי אלעמען אויפרייסען די אויגען, ווען זיי וועלען מיך זעהן אזוי אויסגעפוצט, איך וועל דאַן זיין דיא שעהנסטע אין גאַנץ קעניגסוואלדאו.

— דוא ביזט דוא זאָוויזא! האָט ער איהר געזאָגט און האָט אנגעפאנגען צו פאקען זיינע זאכען, איך וועל הייסען מען זאָל אונז איינשפאַנען א גרויסען וואָגען.

— וואצו דען? — האָט סוזי געפרעגט, מיר האָבען דאָך געלד, ווארום זאָלען מיר פאהרען אין א גרויסען וואגען ווען מיר קענען זיך לאָזען שפאנען א רייכע קארעטע.

— אין א קארעטע קען מען ניט ארייגשטעלען אונזער מעבעל און אונזערע בעטען, — האָט מאיר געזאָגט מיר וועלען דאָך דא ניט איבערלאָזען אונזערע זאכען, מיר וועלען אלעס מיטנעהמען אין אמעריקא.

מיינסט דוא גאַנץ ערנסט וואס דוא זאָגסט? האָט סוזי געפרעגט.

— נאטירליך! — האָט דער רויטהער קאָפף פערזיכערט, זאָפאָרט וועל איך אויסוואנדערען מאָך נור דיא געפעק.

— וויא ? — האָט סוזי געקלאָגט. זאָלען דיא לייטע דא גאר ניט זעהן דיא שעהנע קליידער, וואס איך וועל פאָר דאס געלר קויפען ? וואס נוצען מיר דיא שעהנע זאכען, ווען קיינער וועט מיך אין זיי ניט בעוואונדערען, נאך א פאאר וואכען מוזען מיר דא בלייבען, טהו מיר דיעזען געפאלען.

— דאס געהט ווירקליך ניט סוזי ! — האָט מאיר געזאָגט.

— און ווארום ניט ? האָט סוזיא געפרעגט, מיר האָבען דאך געלר און ביי רייכע לייט געהט יעצט אלעס.

— וויל דער גראף האָט שוין איין אנדער קוטשער וועלכען מיר דארפען אפטרעטען דאס הויז, האָט מייער געליינט.

— דאס אי א שפאס, האָט סוזיא געלאכט, וואצו געבען אין דער וועלט האָטעלען ? מיר וועלען נעהמען איינינע צימערן אין א האָטעל און וועלען דערמיט נאך מעהר ערגערן דיא לייטע אין קעניגסוואלדאו. דאס זאָל זיין א שפאס, האה ! האה.

— דאס געהט סוזי, האָט מייער געבעטען.

— ווארום געהט עס ניט, האָט סוזי געפרעגט און האָט א קלאפ געטהון מיט דעם פוס צו דער ערד.

— וויל דער גראף וועט עס ניט ערלויבען.

— ער האָט דיר גאר נישט צו בעפעהלען ! — האָט סוזי געשריען. דוא דינסט ניט מעהר ביי איהם, דוא ביזט דיין אייגענער הערר, מיר בלייבען דאָ !

— ניין, מיר וועלען אוועק רייזען ! — האָט מאיר געשריען און האָט געקלאפט מיט דעם קולאק אויפ'ן טיש, איך וויל עס אזוי ! איך בעפעהל עס ! איך בין דער הערר אין הויז און דוא האסט צו טוהן וואס איך זאָג יעצט געה איך צו אנדרעעס און היים איהם איינשפאנען, אין א פיערטעל שטונדע בין איך דא צוריק און איך וויל דוא זאָלסט ביז דאן פערטיג זיין מיט דיא געפעק. האָסט דוא פערשטאנען !

— דוא היילסט זיך אזוי גלייך וויא דוא וואָלסט דאס געגנבית און דיא פאליציי יאָגט דיך נאך, האָט סיזי געשריען.

— מיינסט דוא איך וועל לאָזען דיא שיף אפגעהן אהן אונז, האט ער

געפרעגט. — איך וויל אזוי שנעל וויא מעגליך געניסען מיין גליק און מיין גליק איז אין אמעריקא, דאס ווייס איך.

מיט דיזע ווערטער האָט ער זיך ענטפערענט און ווער שטאָלץ דאס ער האָט געזיענט איבער זיין פרוי.

ס'זי האָט איהם אבער נאָכגעקוקט מיט בייזע בליקען און האָט גע זאָגט :

— דא מוז עטוואס שטעקען. נור געדולד איך וועל עס פון איהם ארויס־קריגען. דיא רויטהע קעפ זיינען חיטרע, און מאיר מאכט קיין אויסנאהמע, אבער איך וויל דעם געהיימניס שוין אויסגעפינען, האָט ער פיעלייכט געגנב'ט דאס געלד פון גראף? אויב דאס איז אזוי, דאן מוזען מיר אזוי שנעל וויא מעגליך א וועק געהן.

דיזער געדאנק האָט זיא אויפגעוועקט צו גרויסע טהעטיגקייט, אין אויגענבליק האָט זיא דיא בעטען פערבונדען, האָט בעלער און טעפ געפאקט אין א קארב, דאן האָט זיא אנגעטהון איהרע קליידער און האָט זיך אריינגעזעצט אין איהר שטוהל.

קוים האָט זיא זיך געזעצט אזוי איז צוגעפאהרען א גרויסער וואגען, מאיר האָט אלעס פערפאקט, סוזי האָט זיך געזעצט אויפ'ן בינדעל שטרוי און דיא רייזע האָ זיך, אנגעפאנגען.

— אדיע קעניגסוואלדאו! — האָט מאיר אויסגערופען, צו דיא פיעלע לייטע וואס האָבען זיך פערזאמעלט ארום איהם און האָבען זיך געוואונדערט וואס מאיר רייזט אפ אזוי שנעל. אדיע, מיר פאָהרען נאך אמעריקא, ווער פאָרט מיט?

13טער קאפיטעל.

דיא לעצטע פראבע.

באראן ענאן האָט זיך גאנץ גוט אונטערהאלטען אין שלאָס קעניגס וואלדאו. ער האָט מיט זיך גענומען א צעטעל פון אלע זיינע שולדען, וויל

ער האָט ערוואַרטעט, דאס זיין גוטער גרוב וועט בעצאהלען אלע זיינע שולדען ער האָט זיך ניט נענארט גלייך אויף מאָרגען נאך זיין קומען, האָט גראף וואַלדענשטיין צו איהם געזאָגט:

— ערלויב מיר איין פראגע צו פרעגען, האָסט דוא וועלכע שולדען? דוא לעבסט אין וויען, און אין א גרויסע שטאָט האָט מען אפט זעהר פיעל שולדען.

באראָן ענאן האָט זאָפאָרט אלעס מודה געווען.

— איך מוז מודה זיין! האָט ער געזאָגט אם ענדע, דאס מיינע שולדען דריקען מיר שוין זעהר שטארק.

— זיי זאָלען שוין זיין צו ענדע! האָט גראף וואלדענשטיין געזאָגט, מיט וועלען הייטע בעצאהלען אלע זיינע שולדין.

— דאס זאָלט איהר טהון! האָט דער יונגער באראָן געזאָגט, ווילסט מיך בעפרייען פון דיזער שרעקליכער פערלעגענהייט. אך וויא זאָל איך איך דערפאר דאנקען.

דער יונגער באראן וואר א קונסטלער און צו פערשטעהלען זיך פאר א דאנקבארען מאן.

— אבער קען איך דען אננעהמען דיזען קרבן? — האָט ער ענדליך געפרעגט, וועל איך דאדורך ניט בעטריבען מיין פריינד ווערנער.

— ווערנער וועט דיר פערגינען! — האָט גראף ווילדענשטיין געזאָגט, מאך דעם רעכענונג מיט מיין בוכהאלטער, איך וועל איהם הייסען ער זאָל מיר געבען דיא נויטיגע סומע געלד, איך בעט דיך דוא זאָלסט מיר הייטע ניט ערוואַרטען איך פיהל מיך ניט גאנץ גוט, און וויל דארום בלייבען אין מיין צימער.

ענאָן האָט אויסגעדריק דעם וואונש דאָס זיין פריינד זאָל באַלד געזונד ווערען.

— מיין קרעדיט איז ערשעפט געוואָרען, אבער דאדורך וואס איך וועל זיי אלעמען בעצאהלען אזוי פראמפט האָט זיך פאר מיר געעפענט א נייער קרעדיט, איך מוז זוכען דעם אלטען נאכר פאר זיך, ווערנער איז געווים ביי איהם מעהר ניט בעליבט. איך מוז עס אויסנוצען פאר זיך, דער אנקעל זעהט אויס קראנק, און זיין אלטקייט איז א קראנקהייט געפעהרליך. וואס איך וועל

פון איהם ערוייכען מוז איך עס שנעל ערוייכען, זאנסט קען מיר זיין טויט אלע רעכענונגען פערדארבען.

גראף ווילדענשטיין איז א וועק אין זיין צימער און האט זיך מעהר דעם גאנצען טאג ניט בעוויזען, אויף מיר האט ער אויך געשיקט זאגען דאס ער קען פון צימער ניט ארויס.

דער אלטער עדוואַרד האט איהם דיעזע מעלדונג געבראכט, עגאן האט איהם שארף אנגעקוקט און האט איהם געפרעגט וואו איז געבליבען דער דינער גערהארט.

— זייט גנעדיג ליעבער באראן! — האט עדוואַרד געענטפערט, איך קען אייך דעריבער קיין אנטוואָרט געבען.

— זא! — האט דער באראן געזאגט מיט א געלעכטער, — דאס איז אייז גהאָסע געהיימנים, ווארום שטעהט עפּעס דיא קוטשערים הייזעל אזוי לעער? איך האב דארט געזעהן א שעהנע פרוי, וואו איז זיא א הינגע־קומען?

— אויף דעם וועג נאך אמעריקא! — האט עדוואַרט געענטפערט, מאיר האט געוואונען געלד און איז מיט זיין ווייב א וועק נאך אמעריקא.

— ער קען א הין געהן אין גאטטעס נאמען! — האט עגאן געענטפערט, אבער זיין פרוי האט ער דא בעדארפט לאזען, עס שיינט איבער הויפּט אז איהר האט דא שעהנע פרויען און מעדכען, אלס איך בין געסטערען גע־גאנגען פאר דעם וואלד וועכטערס הויז, האב איך געזעהן איין אמת'ן ענגעל, איין בלאָנדע מעדעל, שעהן וויא א געטין, ווער וואר יעהנע שעהנע דאמע.

— דאס וואר פריילין סילווא, דיא טאכטער פון וואלד וועכטער הער־וואַרד. — האט דער אלטער בעריכטער און האט זיך אין הארצען געטראכט: אנשטאט צו פרעגען וועגען דיא שעהנע פרוי און מעדכען, האט ער ליעבערסט בעדארפט נאך פרעגען וועגען דעם געזונד פון זיין אנקעל.

עגאן האט דעם אלטען דינער ענטלאסען און האט באלד אהן געפאנגען צו שפּאצירען צום וואלר וועכטערס הויז, אזוי וויא ער האט סילוואַ'ן ניט געקענט געפינען איז ער אראפּ פון פערד, איז אריין אין הויז און האט געבעטען א גלאז מילך, וועלכע קאטהערינא האט איהם דערלאנגט.

— וואו איז דאס פריילין? — האט ער געפרעגט דער דינסט.

— זיא איז געפאהרען מיט דער דינסט׳ אין שטאָדט, האָט קאטהארינא בעריכטעט.

— קומט זיא באלד צוריק ? — האָט ענאן געפרעגט.

— דאס ווייס איך ניט ! — האָט קאטהערינא געענטפערט.

ענאן האָט זיך געמוזט צופריעדען שטעלען מיט דיעזען אנטוואָרט און איז מיט אונצופריעדענהייט צוריק געפאהרען, ער האָט געהאָפט צו קענען עראבערען דאס הערץ פון דער שעהנער סילוואַ און צו פערטרייבען זיין צייט אין ליעבע שפיעל, אזוי וויא דיעזער פלאן איז פערדאָרבען געוואָרען האָט ער זיך געזוכט צו צערשטרייען אויף איין אנדער ארט.

— וואהר האפטיג ! האָט ער געמורמעלט, — ווען מיינע קאמעראָדען וואָלטען געוואוסט דאס איך בין אזוי וויא אלע אנדערע דאָרפס לייטע, וואָס קריכט פונקט אום צעהן אוהר אין פעדערען, זא וואָלטען זיי געשפרונגען פון פערוואונדערונג.

עס וואר שטיל אין שלאָס, פלוצלונג האָט ענאן געהערט וויא א טהיר עפענט זיך גאנץ שטיל, דאן האבען זיך געהערט שטילע טריט אין קאָרי־דאר, דאן האָט זיך א טהיר וויעדער געעפענט און צוגעמאכט.

— ניין ! — האט ענאן געמורמעלט, — ווער קען דאס צוזאמענקומען מיט זיין געליבטע.

ער האָט זיך אויפגעהאבען און האט ארויס געקוקט פון פענסטער און צו זיין גרויסער איבערראשונג האט ער דערזעהן דעם אלטען אנקעל.

— זעהט נור ! — האט ער צו זיך געמורמעלט, — אונזער קראנקער אונ־טערנעהמט א שפאציר גאנג ביי נאכט, און איך מוז זעהן וואו הין ער קען דאס געהן.

שנעל וויא א בליטץ האט גראף ענאן אויף זיך ארויפגעווארפען זיינע קליידער און איז ארויסגעלאָפען פון שלאָס, דיא געדיכטע בוימער האבען איהם בעהאלטען פון גראף׳ס אויגען, אהנע דער גראף זאל וויסען, איז ענאן איהם נאכגעגאנגען וויא א שפיאָן.

גראף ווילדענשטיין איז א וועק צום שטאל פון דיא פערד, ענאן האט געזעהן דאס איין לייכטער וואגען איז דארט פארבערייט, דער גראף איז אריין

אין וואנען, האט גענומען דעם צוים און איז א וועק געפאהרען אהן א בע־גלייטער.

דא איז א געהיימניס! — האט ענאן געמורמעלט, איך וואלט דעם אנ־קעל נאכגעפאהרען, אבער איך וואג עס ניט, ווען ער וועט מיך דער בייא דערטאפּען וועט ער עס מיר קיין מאל ניט פערצייען.

וויא גרויס וואלט געוועז בעראן ענאנ'ס ערשטוינען ווען ער וואלט געקענט בעגלייטען זיין אנקעל.

— גראף ווילדענשטיין איז געפאהרען נאך פעלזאג, ער האט דעם פערד געטריבען מיט אלע קרעפטען און האט געהאלטען פערביסען דעם מויל, וואס עס האט געוויזען דאס ער איז בעשלאָסען צו וויכטיגע און ערנסטע זאך.

וועהרענד דיא גאנצע רייזע האט דער אלטער מאן ניט אויפגעהערט צו זארגען וועגען זיין אייניקעל ווערנער, וויא וועט זיין ווען ווערנער וועט זיך ניט לאזען איבעררייידען? נאכגעבען דארף ער דער גראף ווילדענשטיין אויף קיין פאַל, ווערנער מוז זיך אונטער געבען, דען ער איז יונג און ער מוז פאָלגען וואָס זיין רייכער גראס פאטער פערלאַנגט פון איהם.

דיעזע געדאַנקען האָבען איהם געפּלאָגט דיא גאנצע וועג, זיי האָבען צור־ריסען זיין האַרץ און האָבען איהם געמאַכט דיא רייזע זאָל אויסזעהן לאנג אָה איין ענדע.

ענדליך האָט ער דערזעהן דיא טויער פון שלאָס פעלזאג, ער איז באַלד אראָפּ געשפּרינגען פון וואגען און האָט אנגעקלאַפּט אין טויער, באַלד האָט זיך דערהערט דיא שטימע פון אַלטען גערהאַרד ווערלבער האָט געשריען: פערצייעט מיר ליעבער גראף. איך וועל זאָפאָרט אויפמאַכען.

איינינע מינוטען שפּעטער איז דיא טהיר געעפענט געוואָרען און דער הער מיט זיין דינער זיינען געשטאַנען געזיכט צו געזיכט.

— אה, הערר גראף! — האָט גערהאַרד געזאָגט, — איך דאנק גאָטט הערפאַר וואס אייערע גנאַדען זיינען א הער געקומען, איך האָב זעהר שרעקליך געליטען אין דיעזע צוויי טעג.

— און ער? — האָט דער גראף געפרעגט.

— ער קען אויך מאַכען א שטיין! — האָט דער אַלטער דינער געקלאָגט, גאָטט זיי דאנק וואָס היימע איז עס צו ענדע, איך קען עס לענגער ניט אנזעהן,

דער יונגער גראַף ריהרט קיין שפּייז ניט אָן, ער איז אַזוי פערצווייפעלט דאס איך פירכטע פאר זיין לעבען.

גראַף ווילדענשטיין האָט ארויסגענומען דיא ליכט פון זיין דינערס האַנד און איז אַ וועק פאראויס. אַלס ער איז געקומען אין צימער פון וואַנען מען איז אַריין אין קעלער האָט ער אַ דריק געטהון אַ פעדער אין דיא טהיר פון קעלער האָט זיך געעפענט. דער שיין פון ליכט איז אַריינגעפאלען אין קעלער און האָט אויפגעוועקט דעם געפאנגענעם, מיט איין שפּרינג איז ווערנער אראָפּ פון זיין געלעגער.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער אויסגעשריען.

— איך בין געקומען אום דיך צו פרעגען אויב דוא האסט געביטען דיין מיינונג און האָסט איינגעזעהן דיין דומהייט אין פערברעכען? — האָט דער אַלטער גראַף אויסגערופען.

איך האָב קיין פערברעכען בעגאַנגען און דארום האָב איך ניט וואָס צוֹ פערבעסערען! האָט גראַף ווערנער געענטפערט.

— ווילסט דוא מיר פערשפּרעכען צו הייראַטהען אַ פרוי פון דיין שטאַנד? — האָט דער אַלטער גראַף געפרעגט.

— ניין! — האָט ווערנער געענטפערט, דאָס קען איך דיר ניט פערשפּרעכען, דען איך וויל הייראַטהען מיין כלה אַזו שנעל וויא איך וועל בעפרייט ווערען פון דיעזער געפענגניס, מיט וועלכען רעכט האַלסט דוא מיך דאַ פערשפּאַרט? וויא קענסט דוא זיך ערלויבען צו פערשאַפען מיר דיא ליידען וועלכע איך מוז דאַ איבערטראָגען? איך לייד דוא דיא קוואַלען פון טויט כאָז מיך פריי, איך קען עס לענגער ניט איבערטראָגען, ווען איך זאָל דאַ דאַרפען בלייבען נאָך אַ שטונדע, מוז איך אראָפּ פון זינען אָדער בעגעהן זעלבסט מאָרד.

— שוועהר מיר דאָס דוא וועסט אויפגעבען אַלע געדאַנקען וועגען דיין געליבטע און דוא וועסט זיין פריי! האָט דער אַלטער גראַף געענטפערט.

— בעסער וויל איך שטאַרבען איידער ווערען אנגעטריי! האָט ווערנער געענטפערט מיט ליידענשאַפט, אַלע ליידען פון דער וועלט וועלען מיך ניט בעוועגען צו ווערען פאלש און אונגעטריי צו מיין געליעבטע.

— איבער לעג דיינע ווערטער בעסער, דוא נאַרישער יונג! האָט דער

גראָף צוריק געענטפערט, בעדענק דיך גוט, וועלכען וויכטיגען בעשלוס דוא דארפסט מאכען דוא שטעהסט יעצט צווישען פרייהייט און געפאנגענשאפט, צווישען גליק און אונגליק, צווישען א לעבען פון ליידען און ביטערנים און א לעבען פון נחת, פון כבוד און רייכטהום. ווען דוא בלייבסט ביי דיין ערסטען בעשלוס, אזוי מאכט זיך דיעזע טהיר ווידער צו איבער דיין קאָפּף און דוא בלייבסט דא אויף אייביג לעבעדיג בעגראָבען ביז איין דיין שטאָלץ, פערשפּרעך מיר אז דוא וועסט אויפגעבען דיין מיידעל און איך נעהם דיך ארויס פון דיין געפאנגענשאפט און ברענג דיך צוריק צו דעם זיסען לעבען.

— אזוי וואהר וויא איך בין איין עדעל מאַן וואס האָט קיין מאָל ניט געבראָכען זיין ווארט שווער איך דיר, דאס איך וועל מיין געליעבטע קיין מאָל ניט פערלאָסען! האָט ווערנער אויסגעשריען מיט א שטאַרקער שטימע.

— בעדענקט דיך! — האָט דער אלטער גראָף געשריען, בעדענק דיך גוט דוא שטעהסט אויף דעם אורטהייל פון לעבען און טויט. עס איז מיין לעצטע פּראָבע מיט דיר, ווען דוא בלייבסט ביי דיין דומהייט, זאָ וועלען דיך טרעפען אלעס וואס איך האָב דיר פאראויס געזאָגט, דוא וועסט דאָן גילטען פאר דער וועלט אלס טויט, און וועסט היער לעבען וויא א לעבעדיג בע־גראָבענער.

— דאַן שטאַרב איך אלס עהרען מאַן! — האָט ווערנער געענטפערט אין א פעסטען טאָן.

— איז דאס דיין לעצטער ענטשלוס? — האָט דער אלטער גראָף געפרעגט און איז בלאס געוואָרען, איז דאס דיין לעצטער וואָרט?

— מיין לעצטער וואָרט! האָט ווערנער צוריק געענטפערט.

— דאַן זאָל גאָטט דיר זיין גנעדיגט! האָט דער אלטער אויסגערופען מיט צאָרען, און דיא טהיר האָט זיך צוגעשלאָסען מיט א קראַך און אין קעלער איז ווידער געוואָרען שטיל און פינסטער וויא אין א קבר.

14טעס קאפּיטעל.

צו ליעב געלד.

דער אלטער גערהארד האָט ניט געוואגט איינצוהערען דעם געשפּרעך צווישען דעם גראף און זיין איניקעל, ער איז געשטאנען פון וויטען און האָט געוואַרט. אלס דיא טהיר פון קעלער האָט זיך געשלאָסען אין ער צו געגאנגען צום גראף און האָט איהם געפרעגט וועגען ווערנער.

— דער איינגעשפּארטער! האָט דער גראף אויסגעשריען, מיט כעס.

— זא האָט דער העדר גראף זיך ניט אונטערגעגעבען? — האָט דער דינער געפרעגט, וואס דענקט אייער גנאדען צו טהון!

איך מוז עס אבווארטען! — האָט דער גראף געענטפערט.

— אבווארטען? — האָט דער אלטער דינער איבערגעפרעגט, — אך העדר גראף מיר האָבען קיין צייט צו פערלירען, אונזער יונגער העדר וועט געהן צו גרונדע, מיר וועלען איהם ערמאָרדען, אך וואצו האב איך בעדארפט דער־לעבען דיעזען אונגליק, איך וואלט בעסער געוואָלט שטארבען איידער איך האב דיעזען אונגליק דערלעבט.

— שווייג! — האָט דער גראף בעפאהלען מיט צאָרן, — איך קען ניט מעהר געהן צוריק, ווען איך וועל איהם פריילאזען זא וועט ער זאפארט היי־ראטהען זיין געליבטע און מיין גאנצע ארבייט וואר אומזיסט, גיין אונזער פאמיליע זאָל בלייבען ריין, דער לעצטער פון דיא ווילדענשטיינס זאָל אונזער נאמען ניט בעפלעקען, דאס מוז איך פערהינדערען.

— אָבער מיט וועלכען פרייז! — האָט גערהארד אויסגערופען, אום דעם פרייז דאס דער לעצטער פון אייער פאמיליע זאל שטארבען מיט איין פריה־צייטיגען טויט!

— ער וועט ניט שטארבען! — האָט דער אלטער גראף אויסגעשריען, ער וועט נאך איינינע טעג ווערען בעסער. ער —

דעם גראף'ס געזיכט האָט זיך פערענדערט אין א פירכטערליכען אויפן. ער וואָלט געפאלען צו דער ערד ווען דער דינער וואָלט איהם ניט אונטער־

געהאַלטען, נאָך איינינע מינוטען איז דער אנפאל פאר איבער געגאַנגען, דער גראף איז צוגעפיהרט געוואָרען צו א שטוהל, האָט גענומען א ביסעל פרישע וואַסער און האָט זיך ערהאָלט, ער האָט זיך באלד אויפגעהאבען און האָט געוואָלט אַ וועק.

— ניט אהן מיר! — האָט גערהארד איהם געבעטען, — דער הערר גראף דארף זיך ניט ענטזאגען פון מיין בעגלייטונג, אזוי שנעל וויא איך וועל דעם גראף ברענגען זיכער נאָך קעניגם וואלדאו וועל איך זאָפאָרט צוריק קעהרען.

דער גראף ווילדענשטיין האָט קיין איינווענדונג געמאַכט, דער הערר און דינער האָבען זיך באלד אריינגעזעצט אין וואַגען און זיינען אפגעפאהרען, אויפ'ן וועג איז דעם גראפ'ס געזונד געוואָרען נאָך שוואַכער, און ווען זיי זיינען געקומען אין קעניגסוואלדאו איז דער גראף געוואָרען אזוי קראנק, דאס גערהארד האָט געשיקט א רייטער נאָך א דאָקטאָר אָבער איידער דער דאָקטאָר איז געקומען וואר דער גראף טויט.

דער אַלטער גערהאַר וואר אויך גאַנץ געבראָכען איבער זיין הערר'ס שיקזאל, ער האָט געיאָמערט און געקלאָגט וויא א קינד, און האָט אויס געזעהן אזוי שלעכט דאס דער דאָסטאָר האָט איהם אויך אנגענומען פאר א חולה.

— אָך, ווען אַ זעלכע לייטע וויא דער גראף דארפען שטאַרבען, דאן וועל איך דאך אויך ניט בלייבען לעבען! האָט גערהארד געקלאָגט.

— דעם גראַפ'ס טויט איז צו בעדויערען! — האָט דער דאָקטאָר געענט־פערט, -- אָבער איך זעה ניט איין, ווארום איהר זאָלט ניט נעהמען א מע־דיצין צו איערע ווייטאָגען, וועלכע זיינען אויך געפעהרליך.

— איך האָב קיינע ווייטאגען! — האָט גערהארד געענטפערט, — איך לייד נור פון ניט קענען שלאָפען און דאס איז ביי עלטערע מענשען א גאַנץ געוועהנליכע זאַך.

— נון, זא וועל איך אייך איינגעבען אַ שלאָף טרונק! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, גיט מיר דעם שליסעל צום גראַפ'ס אַפּאָטהעקע, וואו איז דען גראף ווערנער? ער מוז דאך זאָפאָרט וויסען וואס עס איז גע־שעהן.

— יא, מיר ווילען דעם גראף ווערנער זאָפאָרט בענאַכריכטען דעם אונגליק. — האָט גערהארד געשטאמעלט — און האָט דעם דאָקטאָר געגעבען דעם שליסעל.

דער דאָקטאָר איז אַ וועק נעהמען דעם מעדיצין, באלד איז ער צוריק געקומען און האָט איהם דערלאנגט דעם אלטען דינער, און האָט איהם גאנץ שטרענג אנגעזאָגט וויא דיזען מעדיצין צו נעהמען.

— איהר דארפט אויף קיין פאל ניט נעהמען מעהר פון פונפצען טראָפען און פיער אונד צוואנציג שטונדען! האָט דער דאָקטאָר צו איהם געזאָגט, — דען זאָנסט איז דאס געפעהרליך.

— גוט, איך דאנק אייך הערר דאָקטאָר! — האָט גערהארד געענטפערט.

— איך וועל מאָרגען קומען אום אייך צו זעהן! — האָט דער דאָקטאָר געזאגט, איז אַ וועק.

אזוי שנעל וויא דער דאָקטאָר איז ארויס האט גערהארד געשיקט אַ דינערער זאָל בעטען דעם באראָן עגאָן, ער זאָל זיין גנעדיג און זאָל זיך בעמיהען צו איהם.

— הערר באראָן! — האט גערהארד געזאגט מאטט, — איך בעט אייער פערצייאונג וואס איך האָב אייך בעמיהט צו מיר, איך האב אייך מיט צו טהיילען א וויכטיגע געהיימניס.

עגאָן, וועלכער וואר אויפגעריהרט פון זיין אנקעל'ס טויט האָט זיך איינגעהערט, און דער דינער האָט איהם ווייטער געזאגט:

— דער הערר גראף האָט געהאט א קליינעם שטרייט מיט זיין אייניקעל ווערנער, דאס האט געבראכט דעם גראף'ס טויט, איך קען עס ווערנער'ן ניט בעריכטען, דען איך פיהל דעם טויט אין מיין הערצען, און איך וויל אייך דארום בעטען, איהר זאלט זיין גנעדיג און בעריכטען דעם יונגען גראף פון דעם אונגליק.

— וואו געפינט זיך גראף ווערנער? איך וועל עס איהם שרייבען! — האט עגאן געזאגט.

— בריף קענען צו איהם ניט קומען! — האט גערהארד געענטפערט. גראף ווערנער איז אין דעם קעלער פון שלאס פעלזאג.

דאס איז אונמעגליך! — האט ענאן אויסגעשריען.

— דאס איז געשעהן אויף'ן גראף'ס בעפעהל! — האט נערהארד געזאגט, דער יונגער גראף האָט געוואָלט הייראטהען מיט א מיידעל ניט פון שטאנד און זיין גראס פאָטער האָט עס איהם געוואָלט הינדערען דארום האָט ער דעם גראף איינגעשפארט אין קעלער, אָבער קיינער דארף דערפון עטוואס וויסען, עס וועט פיעל שאדען דער עהרע פון דער פאמיליע, ווען וועט ער־פאהרען דאס דער גראף האָט בעדארפט בענוצען דיעזען גוואלד מיטעל.

— זאָ וייט קיינער פון דעם געהיימניס! — האט נערהארד געפרעגט שנעל אין א טייפעלשער געדאנק איז אריינגעפאלען אין זיין קאָפּף.

— קיינער אויסער איך און אלאזיוס! — האָט דער אלטער געענטפערט אָך מיר ווערט אזוי שלעכט, דער דאָקטאר האָט מיר פערשריבען אייניגע טראָפּענס.

— וואו זיינען דיעזע טראָפּענס? — האָט ענאן געפרעגט.

גערהארד האָט מיט שוואכע פינגער אנגעוויזען אויף א טישעל וואו עס איז געשטאנען א פלעשעלע, דער באראן האט גענומען דיא פלעשעל און האָט געוואָלט אריינגיסען אייניגע טראָפּען אין א גלאָז.

— ווען דער באראָן וויל זיין גנעדיג, זא ביט איך איהר זאלט מיר אריינ־געבען פונפצעהן טראָפּען! — האָט גערהארד געמורמעלט.

— דאס איז דאָך מארפין! — האָט ענאן געמורמעלט אלס ער האָט דיא מעדיצין בעטראכט.

א קליינע פויזע איז ענטשטאנען, מען האט גאנץ דייטליך געהערט דעם קלאפּען אין זייגער. ענאן האָט אראָפּגעלאָזען דיא אויגען צו דער ערד, ענדליך האָט ער מיט א הייזעריגער שטימע געזאָגט:

— גוט, איך וועל אייך איינגעבען דיא טראָפּען אין וואסער.

אהנע צו ווארטען אויף דער אנטוואָרט פון אלטען דינער, איז ער צוגע־גאנגען צום טיש און האָט זיך דאָרט א ביסעל בעשעפטיגט, דאן האָט ער דעם קראנקען דערלאנגט א גלאָז און גערהארד האָט דעם גאנצען אינהאלט אראָפּ געשלונגען, ענאן האט א שליידער געטהון דיא פלעשעלע מיט דעם מארפיום, עס איז צובראָכען געוואָרען אין טויזענר שטיקעלעך, דער קלאפּ

פון דעם גלאָז האָט אויפגעוועקט דעם דינער וועלכער האָט שוין אנגעפאנגען צו ישלימערען.

— העדר בּאראָן! האָט ער געמורמעלט מיט א שלומערענדע שטימע. אום גאָטטעס ווילען לויפט שנעל צו אונזער גראף, גראף ווערנער וועט שטאַרבען ווען ער וועט ניט שנעל בעפרייט ווערען.

— זאָרגט זאָרגט זיך ניט וועגען דעם גראף! — האָט עגאָן איהם בערוהיגט איך וועל זאפאָרט צו איהם לויפען.

אבער דאך איז דעם שטערבענדען בעפאלען איין אונאנגענעהמע פורכט. ער האָט אריינגעקוקט אין עגאָנ'ס אויגען און דער טייפלישער אויכדרוק וואס האָט אין זיי געשטעקט האָט ערשראָקען דעם דינער.

— אום גאָטטעס ווילען וואס האב איך געטהון! האָט ער אויסגערופען איך האב אויך ענטדעקט יענע געהיימניס אה, איך מוז עס מודה זיין פאר דעם גייסטליכען איך וויל ניט שטאַרבען אהן תשועה, דער גייסטליכער זאָל אויך וויסען וואו אונזער געראף האלט זיך אויף. ווארום האָט איהר צובראָכען דיא פלאשע? איהר האָט מיר אריינגעגעבען דעם גאנצען אינהאלט, איהר האָט מיך פערגיפטעט, הילפע! היכפע! האָט ער געשריען מיט זיין גאנצע קראפט.

אבער עגאָן האָט איהם לאנג ניט געלאָזט שרייען ער איז צו איהם צוגעשפרונגען און האָט פערשטאָפט זיין מויל מיט זיין שטארקע האנד, אומזיסט האָט זיך דער שטערבענהער געראַנגעלט דיא האנד אפצורייסען זיא איז געלעגען פעסט וויא איין אייזען אויף זיינע ליפען, דער קאמפף וואר קורץ, דען דער מארפיום, וועלכען דער גראף האָט איהם איינגעגעבען האָט זיין ווירקונג געמאכט נערהארד האָט ניט לאנג געקענט ביישטעהן דיא בלויענע שלעפעריגקייט וועלכע איז אויף איהם געלעגען ער האָט צו געשלאָכען זיינע אויגען און איז איינגעשלאָפען.

פארזיכטיג האָט עגאָן יעצט צו גענומען זיין האנד פון דעם שלעפערינגען ער האָט איהם גוט בעטראכט און האָט געמורמעלט, טויט! ער איז טויט און קען מעהר ניט אויפפלוידערען.

אין עגאָנ'ס הערץ האָט דער געוויסען געשלאָפען ער האָט צו זיך ניט

,געזאָגט ! דוא ביזט זיין מערדער ! דיין האנד האָט איהם געמאַכט דעם טויט.

פאַרזיכטיג און קאַלט וויא איין גאַנץ אלטער פערברעכער, האָט ענאָן יעצט אנגעפאנגען צו פערניכטען דיא שפּורען פון זיין פערברעכערין, צוערסט האָט ער אויסגעווייכט דיא גלאָז מיט וועלכער ער האָט איהם דיא גיפט איינגעגעבען דאס וואסער האָט ער אויסגעגאָסען ביי דעם שטוהל אויף וועלכען דער טויטער מאַן האָט זיך געפינען, אלס דיעזעס איז געשעהן האָט ער צוזאמענגעלעגט דיא שערבלעך פון פלעשעל אויף דעם אָרט וואו ער האָט אויסגעגאָסען דאס וואסער.

— זאָ ! — האָט ער געמורמעלט, יעצט וועט מען גלויבען אז דיא פלעשעל איז ארויסגעפאלען פון זיין האנד און האָט זיך צו בראָכען אזוי וויא ער איז געוועזן אלט און שוואַך, וואלט עס קיינעם ניט וואונדערען וואס ער איז אזוי שנעל געשטאָרבען עס וועט קיינעם ניט איינפאַלען מען זאָל איהם אויפשניידען אום מען זאָל וויסען דיא אורזאַכע פון זיין טויט.

שטיל און פאַרזיכטיג וויא א גנב האָט זיך ענאָן ארויסגערוקט פון צימער, און האָט ארומגעוואשען זיינע הענד מיט קאלאָן וואסער, דאן האָט ער זיך א וועק געזעצט אוים צו ארבייטען זיינע פּלענער.

— גראף ווילדענשטיין איז טויט, און גערהארד איז אויך ניטא ! — האט ער געמורמעלט, — ווערנער איז פערשוואונדען, ווען ער שטארבט אויך, בין איך דער יורש פון גראף'ס פערמעגען, קען ער ניט שטארבען ? דער וועג פון פּעלזאָג נאָך קעניגסוואלדאו איז זעהר געפעהרליך, ווערנער קען אראָפּפאלען אין דעם טייפעלס גרוב.

זיין געזיכט האט אנגענומען איין טייפעלישען אויסזעהן.

— איך וועל איהם א הער ברענגען ! — האָט ער געמורמעלט, — דאס ווייטערע וועט זיך שוין מאַכען.

א גערויש פון שטימען, פון שנעלע טריט און פון געעפענטע טהירען האָט איהם איבערגעשראָקען.

— מיר שיינט אז מען האט שוין ערפאהרען אז דער אלטער דינער איז טויט ! — האט ער געמורמעלט.

איניגע מינוטען שפעטער האָט זיך דיא טהיר צו זיין צימער אויפגעריסען

און דער אלטער דינער עדווארד איז אריינגעלאפען מיט א געשריי:

— הערר באראן, דער אלטער דינער גערהארד איז פּלוצלונג געשטארבען!

— ניט מעגליך! — האט ענאן אויסגערופען מיט א געמאכטער איבערראַשונג, — צוריק מיט איין פיערטעל שטונדע האָב איך מיט איהם געשפּראָכען, האָט איהם דען געטראָפען דער שלאַג?

— זאָ מוז עס זיין, הערר באראן! — האָט עדווארד געענטפערט, זיין הערץ איז צובראָכען געוואָרען, וואס זיין הערר איז געשטארבען.

— פיעלייכט איז ער נור אהנמעכטיג! האָט ענאן געזאגט און האט זיך אויפגעהאָבען, איך וועל איהם אליין בעזוכען, וואו געפינט ער זיך יעצט?

— אין גרינעם צימער, וואו דער הערר באראן האָט מיט איהם געשפּראָכען! — האט עדווארד געענטפערט גאנץ אונשולדיג און האָט ניט געוואוסט וואס פאר א ווירקונג דאס האט געמאכט אויף דעם באראן.

ענאן האט צו ערסט געוואלט אפלייקענען דאס אזא אונטערערדונג האט ווען שטאטגעפינען, דאך באלד האט ער בעשלאָסען אז דאס בעסטע איז ער זאל ניט לייקענען אזאך וואס מען קען לייכט איבערציינגען.

אבוואהל ענאן איז געוועזן פערדארבען פון קאפף ביז צו פיס, דאך האט זיין הערץ אין איהם געקלאפּט, אלס ער איז אריין אין צימער וואו זיין קרבן איז געלעגען.

— קיין צווייפעל! — האט ער געזאגט, נאכדעם וויא ער האט דעם טויטען גאנץ פארזיכטיג און גוט בעטראכט, קיין צווייפעל, דער ארמער מאן איז טויט, וואס זיינען דאס פאר שערבלעך וואס ליעגען אויף דער ערד? — האָט ער געפרעגט.

— דער דאקטאר האט איהם פערשריבען א מעדיצין! — האט ערווארד געענטפערט, גערהארד האט וואהרשיינליך פרובירט עפענען דיא פלעשעל און איז וועהרענד דעם געשטארבען, זא דאס דיא פלעשעל איז ארויסגעפאלען און האט זיך צובראכען

— עס איז אבער זעהר מערקווירדיג וואס דיא פלעשעל איז צובראכען!

— האט דיא הויז דינסט געזאגט. — דער קארפּעט איז אויך און דארף זיך ניט צוברעכען.

— פיעלייכט האָט דאס פלעשעל געהאט א שפּאלט! — האָט דיא צווייטע דינסט ערקלעהרט.

— דאַן וואָלט זיא דער דאָקטער ניט בענוצט! האט נאָך א דינסט געענטפערט.

באראן עגאן האָט זיך צוגעבויגען צו דער ערד און האָט זיך צוגעקוקט צו דיא שערבלעך.

— היער איז אויסגעגאסען געוואָרען א גרויסע נאסס מארפיום! — האָט ער געזאָגט.

— זייט נור גנעדיג, באראן! — האָט דיא הויז האַלטערען געזאָגט, איך קען עס ניט שמעקען, מארפיום בעזיצט א שטאַרקען מאנדעל גערוך און דערפון איז דא ניט צו פיעלען.

— איהר מוזט האָבען א קאטהר! — האָט עגאן אויסגערופען, דער גערוך איז מיר אזוי אויפפעליג דאס ער פערשטעקט מיין אטהעם, עס וואר זעהר אונפאָרזיכטיג געוועזען פון דאָקטאָר, וואס ער האָט פערשריבען אזוי פיל מאר־פיום, דער אלטער מאן האָט וואהרשיינליך ניט געוואוסט זיין געפאהר, ער האָט עס ניט געהאלטען פאָר נייטיג נור פאָר איין ערפרישונג, וועלכע מען קען נעהמען וויפיעל מען וויל.

— דאס איז ניט צו גלויבען, הערר באראָן! האָט דיא הויזהאלטערען גאנץ רוהיג ערקלעהרט, דער דאָקטאָר וואר געוויס און אלעס פארזיכטיג.

— זארגט דאס דיא שערבעלעך זאָלען צוזאמענגעקליבען ווערען! האָט עגאן געזאָגט וויא א הערשער, און האלט דיא ארדנונג איז הויז בעססער וויא ביז יעצט, אלע דינער און דינסטען זיינען דא פערזאמעלט, דאס בעוויזט מיר דאס יעדער קען דא טהאן וואס זיין הערץ געלוסט.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיך אומגעדרעהט און האָט פערלאסען דעם צימער.

— וואס האָט דיעזער דא צובעפעהלען? האָט דיא הויזהאלטערין געפרעגט דיא איבעריגע דינסטען אין איין אונפריינדליכען טאָן, ער רעדט אזוי גלייך וויא ער וואָלט דא געוועזען בעל הבית, פארלייפיג איז ווערנער אונזער הערר, וויס קיינער פון אייך אויב גראף ווערנער האלט זיך נאָך אויף אין פעלזאָג? מען דארף נאָך איהם שיקען א רייטער.

— דער באראָן קלונגט! — האָט א דינסט געמעלדעט. געהט עדווארד און פרעגט איהם וואס ער וויל.

דער אלטער דינער איז א וועק, איין ווילע שפעטער איז ער געקומען מיט דעם בעריכט, דאס דער באראָן האָט געהייסען איינשפאנען, ער פארט נאך פעלזאָג.

— דאן האלט זיך דער גראף נאך דארט אויף? האָט דיא הויז האלטערין געזאָגט, דער באראָן וויל זיך ניטצליך מאכען, דער מיט וואס ער וויל איהם ברענגען דיא נאכריכט. אך, איך ווינש שוין דער גראף זאָל אהער קומען איך בענקווירקליך נאך דיעזען בראווען מאן.

יעצט קען זיך פרעהען דיא פריילין סילוואו — האָט א צווייטע דינסט געזאָגט, יעצט וועט זיא ווערען אונזער גרעפין.

— אה, דאס איז אויך א פראגע! — האָט דיא צווייטע דינסט געזאָגט.

דיא הויז האלטערין האָט בעפאָהלען איבערצוטראָגען דעם טויטען אין זיין צימער.

באלד האָט געהערט געדרוהט פריעדליך, וויא איין איינגעשלאָפענער אויף זיין לאגער.

15טעס קאפיטעל.

דער פעראכטעטער.

זייט אלאזיוס איז געבאָרען געוואָרען האָט אויף איהם גערוהט א פלוך וואס האָט איהם געמאכט צום פערשטאָסענעם און פעראכטעטען מאן,

זיין פאטער וואר א מערדער, זיין מערדערישע האנד האָט ערמאָרדעט איין אלטען פריסטער אום צו בערויבען איהם פון זיין קליינעם פערמעגען, וועהרענד דער מערדער וואר בעשעפטיגט אויסצוראמען דיא שיפלאדען האָט ערוואכט דיא אלטע פרוי, וועלכע ער האָט בעטויבט מיט א האמער, זיא איז אנטלאָפען, האָט געבראכט הילפע, דער מערדער איז געהאפט און געבונדען געוואָרען.

דיא בעפעלקערונג וואָלט דעם מערדער געלונטשט, ווען איין בעזאָנענער מאַן וואָלט ניט פערשטאַנען וויא דיא מאַסע צו בערוהיגען.

— ער וועט זיך ניט אויסדרעהען פון גאַלגאַן! — האָט דער מאַן אויסגערופען פעררארבט ניט דעם הענקער'ס אַרבייט. לייטע, ווילט איהר ווערען מערדער? ווילט איה־ בעפלעקען אייער האַנד מיט בלוט. דאַ, שטעלט איהר זיך אויף אייז שטופע מיט דעם עלענדען. ער איז יעצט געבונדען און קען זיך ניט וועהרען. מיר ווילען איהם בעסער אפּפיהרען אין געפענגניס.

דיעזער פאָרשלאַג איז אַנגענומען געוואָרען. מען האָט דעם מערדער טראַנספּאַרטירט אין שטאָדט געפענגניס, נאַך אַ קורצע צייט איז איהם געמאַכט געוואָרען דער פּראָצעס, ער איז פערארורטהיילט געוואָרען צום טויט און האָט באַלד געליטען זיין שטראָפע, שרעקליך אָבער וואר דער שיקזאַל פון זיין פרוי און קינד, דיא אונשולדיגע פרוי און איהר קינד זיינען פעראַכט יזט און פערשאָלטען געוואָרען, יעדער האט זי' געזוכט אויס צו מיידען, וואו דער קליינער פיער יעהריגער אלאזיוס האָט זיך בעוויזען האָט מען איהם געשימפּפט און געשאָלטען, מען האט איהם גערופען „מערדער קינד", קיינער האָט ניט ערלויבט זיין קינד מיט איהם צו שפּיעלען, קיינער האט פאר איהם געהאַט אַ פריינדליכען וואָרט, אַ וואַרימען בליק, ווען דיא קינדער האָבען איהם פון זיך פערשטאָסען און ער איז געלאָפען מיט אַ געוויין צו זיין מוטער, אום פאר איהר צו קלאָגען, פלעגט זיא צו איהם זאָגען מיט אַ געוויין.

— פאַר אונז ביידען וואָלט בעסער געווען דיין פאטער זאָל אונז טויטען, מיר ביידע האָבען ניט וואס צו טהון אין דער וועלט.

וואס גרעסער דאס קינד איז געוואַקסען, אלס שטאַרקער האָט אויף איהם גערוהט דיא קללה וואס זיין פאטער האָט אויף איהם געלאַזען, אין שוהל האָט קיין קינד געוואָלט נעבען איהם זיצען, דיא קינדער האָבען איהם געטהון אלערליי וויטאגען, יעדע האַנד וואר געגען איהם. ווען ער איז ווינטער געקומען נאַקעט אין שוהל און האָט זיך געטרייסעלט פאר קעלט דאַן האָבען איהם דיא איבעריגע קינדער פערוואָרפען מיט שנעע, איז איהם געלונגען איינעם פון דיא קינדער צו חאַפּען און אפּצורעבענען זיך פאר דיא ליידען, זא האָבען זיך אַלע געגען איהם פעראייניגט, פיעלע קינדער וואס

ווארען פיעל שטארקער פון איהם האָבען נעוואָרפען צו דער ערד און געשלאָגען, ברוין און בלאע.

ווען ער איז געקומען אין שוהל צו שלאָגען און צו בלוטיגען האָט זיך בעקלאגט געגען זיינע פייניגער, זאָ האָט איהם זיין עהרע פון זיך אפּגעטריבען.

אין זיין היים וואָר מאנגעל און נויטה אהן א שיעור, דיא געמיינדע האָט ניט געוואָלט שטיצען דעם מערדערס אלמנה, ארבייטען האָט זיא ניט געהאט וואו, קיינער האָט זיא ניט געוואָלט צונעהמען צו דער ארבייט.

זומער פלעגט דיא אלמנה געהן איבער דיא בערג זוכען גראז צו פערקויפען דעם אפּאטהעקער, דער פערדינסט וואר ניט גרויס, עס וואר אָבער גענוג צו שיטצען דיא מוטער און איהר קינד פון הינגער, — ווינטער וואר אָבער זייער נויטה געפעהרליך.

אלאזיוס האָט זיך אויסגעלערנט צו וואנדערען און ארום טרייבען און האָט געמאכט דיא בעקאנטשאפט מיט ציגיינער, צווישען דיא ציגיינער האָט מען איהם ניט געשאָלטען און ניט געשימפּפט, ער האָט זיך פאר זיי אויך גאנץ נוטצליך געמאכט, זיי האָבען איהם דאָרט געלערנט דיא קונסט אויפצוברעכען א שלאָס, וויא מען קען אויפברעכען א פענסטער אהן א גערויש, וואו מען קען אַרום געהן מיט א ביקס, און נאך פיעלע פון דיעזע קונצען, מיט וועלכע זיי האָבען בערויבט און בעגנב׳ט דיא גאנצע געגענד.

אלס אלאזיוס איז אויסגעוואקסען האָט ער שוין גאנץ גוט פערשטאַנען דיא קונסט צו גנב׳נען, דיא מענשען זיינען שלעכט און אונגערעכט געגען מיר, איך בעצאהל זיי וויא זיי זיינען ווערטה, ווען איך נעהם צו זייער פערמעגען, פלעגט ער אימער זאָגען.

— אָבער לאָז ניט מען זאָל דיך חאַפען! — האָט דיא אלמנה געבעטען און האָט דאן מיט א בייזען לאכען געזאָגט: איך פערגין זיי דאס אלעמען דיא לייטע וואָס האָבען אונז צו געשיקט אלע געברענטע ליידען מעגען דערפאר בעצאהלען.

יאהרען לאנג האָט אלאזיוס געטריבען זיינע גנב׳ת גאנץ אונבעשטראפט, ענדליך אָבער איז ער אריינגעפאלען, ער האָט געשאָסען א הירש אין דעם וואלד פון פעלזאג, און דער וואלד וועכטער האָט איהם דערביי געחאפּט.

— ענדליך האָב איך דיך! — האָט ער אויסגעשריען.

אנשטאט צו ענטפערען האָט אלאזיוס גענומען דיא ביקס, האָט זיך צוגעציעלט און האָט אויסגעשאָסען, דיא קויל האָט פערפעהלט דעם ציעל, אין נעכסטען אויגענבליק האָט זיך דערהערט א צווייטער שאָס. דער גנב איז געפאַלען צו דער ערד, ער האָט קיין געשריי ארויסגעלאָזען און האָט קיין קללה ארויסגעקראכט. ער האָט פערצייעט דעם וואלד וועכטער זיין טהאט, דען ווען ער וואָלט געווען אויף זיין שטעלע, וואָלט ער אויך דאס זעלבע געטהון.

— דיא גרעפין האָט ניע־אַלס געוואָלט גלויבען אז דוא ביזט א גנב! האָט דער וואַלד וועכטער געזאָגט. יעצט וועט זיא עס גלויבען, זיא וועט זעהן דאס איך האָב רעכט.

דיא גרעפין רות, וועלכע האָט זיך געפינען אין קעניגסוואלדאו איז בעריכטעט געוואָרען פון דעם פארפאל.

— איז דער מאַן שווער פערוואונדעט? — האָט זיא געפרעגט מיט שרעק.

— ער וועט עס האָבען צו געדענקען זיין גאנצען לעבען! — האָט דער וואלד וועכטער געענטפערט.

דיא גרעפין האָט געשווידערט.

איהר האָט געשיינט דאס דיא שטראָפע וואס איז ארויפגעלעגט געוואָרען אויף אלאזיוס וואר צו הארט נאך זיין פערברעכען, זיא האָט בעפאהלען מען זאָל איהם געריכטליך ניט פערפאָלגען, זיא האָט געהייסען מען זאָל איהם געבען דיא בעדינונג פון איין ארצט: און ווען ער איז געזונד געוואָרען האָט זיא איהם צו זיך פעררופען. זיא האָט געוואוסט זיין גאנצען טרויעריגען שיקזאל און זיא האָט מיט איהם געפיהלט מיטלייד.

— זאָג וואס דוא פערלאנגסט פון מיר! — האָט זיא צו איהם געזאָגט.

דאס האָט אלאזיוס ניט ערוואַרטעט. ער האָט געדענקט דאס דיא גרעפין וועט איהם מאכען פאָרווירפע, אבער זיא האָט נאר צו איהם גערעדט פריינדליך, נאך פיעל פריינדליכער וויא זיין מוטער, ער האָט זיא אנגעקוקט מיט ערשטוינען.

וואר עס דיא וואהרהייט, אָדער א טרוים? ער וואר דיא ויאהרהייט, דיעזע ערנסטע שעהנע פרוי קען ניט לייגען.

— ווילסט דוא ווערען א יעגער? — האָט זיא געפרעגט. — מיין וואלד וועכטער וועט דיר נעהמען אין דער לעהרע.

אלאזיוס האָט געשאָקעלט דעם קאָפף.

— ווען דוא האָסט א פיינדשאפט צו מיין יעגער, זאָ קענסט דוא אריינגעהן אין דער לעהרע צום וועבטער הערוואַרד.

אָבער אלאזיוס האָט ניט געוואָלט נעהמען אויף זיך דיא שווערע לײדען פון א לעהרלינג. ער האָט זיך פערנייגט און האָט ערקלעהרט דאס ער האָט איין אנדער וואונש.

— זאָ שפריך! — האָט דיא גוטע פרוי געזאָגט.

— דער שלאָס אויפזעהער אין פעלזאג איז אלט און קראנק. ער וויל זיך בעגעבען צו רוה, ווען איך זאָל קענען קריעגען זיין שטעלע, וואלט איך און מיין מוטער געקענט אפטרעטען דעם וועג פון דיא מענשען וואס מײדען אונז וויא דיא פעסט.

— דוא זאָלסט דיא שטעלע ערהאלטען! — האָט דיא גרעפין פערשפראָכען.

זיא האָט אויך געהאלטען איהר וואָרט.

אָבער איהר גוטסקייט האָט ניט ערוועקט דעם קלענסטען געפיהל פון דאנקבארקייט אין אלאזיוס הערץ. זאָגאר דער שנעלער טויט פון דיעזער גוטער פרוי האָט אויף איהם ניט געווירקט. נאָך זיין מוטער האָט יא שטאַרק געבענקט. אָבער דיעזער שמערץ האָט איהם ניט געמאכט מילדער, עס האָט נאָך הארטער געמאכט זיין הארץ. מעהר פון אלעס האָט ער געהאסט דיא פערזאָנען וואָס זיינען געבענשט מיט גליק, און זיינע אויגען איז דער יונגער ווערנער געווען דער גליקליכסטער מענש, דארום האט ער איהם געהאסט מעהר וויא יעדען אנדערען, זיין הארץ וואר פאל מיט פריידע און צופריעדענהייט ווען ער האט געזעהן דאס ווערנער׳ס גליק איז צו ענדע.

און דיעזער מאן, וואס האט אין זיין הערצען געהאט נור האסס און פעראכטונג איז געווען דער הערקער מייסטער פון יונגען גראף ווערנער, האָט

האט דען באראן ענאן געקענט געפינען איין בעסערען קאמעראד צו זיינע פּלענער.

אה, וואס פאר איין אונגליק איז יעצט געשטאנען איבער גראף ווערנערס קאפּף.

16טעס קאפּיטעל.

אהן אַ הארץ און אהן א געוויסען.

באראָן ענאן האָט צו גוט געקענט דעם חאראקטער פון דעם שלאָס אויפזעהער אלאזיוס. אום צו זיין זיכער דאס ער וועט זיך ניט ענטזאגען צו טהון וואס מען וועט פון איהם פערלאנגען, ער איז נור געוועזן ניט זיכער וויא אזוי ער זאָל איהם דיא זאך פארלעגען.

קורץ און שארף האָט ער בעפאָהלען דעם קוטשער אויסצושפּאנען דיא פערד אזוי שנעל וויא זיי זיינען געקומען אין שלאָס פעלזאג, ער אליין איז באלד אריין אין שלאָס.

— עס איז וויא א פערצויבעטער שלאָס, אין וועלכען א טייפעל האָט אויסגעלאָשען דעם גאנצען לעבען! — האָט ער צו זיך געזאָגט אלס ער איז אריין אין שלאָס און האָט קיין לעבעדיגען מענשען אנגעטראָפען.

ער איז אריין אין גארטען.

גאלדרעגען, יענע ראָלים און הויבע ראָזען האָבען אויסגעבילדעט א גאנצען וואלד.

זייט יאָהרען האָט מען קיין גערטנער בעשניטען, דיא בלומען האָבען גערוויא ווילד, זיי האָבען געגליהט און האָבען געוועלקט און קיין מענש האָט זיך וועגען זיי געקימערט.

דאס האָט אבער נור אזוי אויסגעזעהן ביין אריינגאנג. אלס ענאן איז ווייטער געגאנגען האָט ער זיך גאנץ אנדערש איבערצייגט, אלעס ארום איהם אין פּלוצלונג געוואָרען רייצענדען שעהן, אונטער דיא גרויסע צווייגען האָט געשלימערט איין ברוינע פרוי, איין שלאנקע, ליעבליבע ציגיינערין.

איינער פון איהרע ברוינע ארמען איז געלעגען אונטער איהר קאָפּף, דער

צווייטער ארם איז אראפגעהאנגען גאנץ לויז, נעבען איהר איז געלעגען א גאנצע בערגעל מיט ראָזען און בלומען, וועלכע האָבען פון זיך ארויסגעגעבען איין אנגענעהמען גערויך.

ענאָן האָט זיך געשטעלט נעבען דער שלעפּעדיגער און האָט זיא בעטראכט מיט פריינדליכע בליקען.

וויא שעהן דיעזע ברוינע פרוי איז.

דיא צארטע ברוינע הויט איז געוועזן וייך וויא סאמעט. דאס יונגע בלוט האָט זיך דורכגעשפּיגעלט דורך דיא הויט, דער נאז און דער מויל וואָרען פיין דיא פיס וואר קליין און שעהן און דער גאנצער קערפּער וואר אין ריכטיגער פארם.

ענאָן האָט געוואָלט אויפוועקען דיעזע שעהנע פרוי ער האָט אימער געטהון זיין ערסטע נייגונג, דארום האָט ער זיך איינגעביגט צו איהר און האָט זיא א קוס געטוהן אין מויל.

קוים האָט ער בעריהרט איהרע ליפּען אזוי האָט זיא זיך אויפגעחאפּט און האָט אנגעקוקט דעם מאן מיט אויגען פון צאָרן און פורכט.

ענאָן האָט דערזעהן אז איהר שעהנהייט איז נאך טויזענד מאָל שעהנער ווען זיא איז וואך, אלס זיא שלאָפט און ער האָט זיך פּרובירט ארום צו נעהמען זיא.

— לאָז מיך לויז! — האָט דיא ציגיינערין אויסגעשריען, ווארום האָסט דוא מיך בעליידיגט.

— ניין, ניין, מיין שאַטץ! האָט דער מאַן זיא בערוהיגט, א קוס איז דאך קיין בעליידיגונג, האָט דיך קיינער נאך ניט געקוסט, דוא וועסט עס דאך מיר ניט איינריידען.

— דאס זאָג איך ניט! האָט דיא ציגיינעריען אויסגערופען, אבער איך לאָז זיך ניט קיסען פון אבי וועמען, ווארום זאָל איך ניט קיסען דעם מאַן וועלכען איך ליעב? א פרעמדער מענש זאָל מיך אבער ניט בעריהרען.

— ווארסט דיא דוא אויף דיין געליבטען? האָט ענאָן געפרעגט.

— און ווען איך זאָל עס טהון? האָט דיא ציגיינערין צו ריק געפרעגט. איך וואַרט דאך ניט אויף דיין לאַנד?

— פיליייכט יאָ? האָט ענאָן געמורמעלט צווישען דיא ציין.

דיא ציגיינער'ן האָט עס דערהערט, זיא האָט אויסגעבראָכען אין א זיכ־יבערנעם געלעכטער.

— אך וואס איז דאס פאר איין איינבילדונג! האָט זיך דאס מעדכען צו לאכט, דיעזער שלאָס געהערט גאר צו גראף ווערנער, ער איז א פיינער מאַן.

און ווען ער וואָלט דיך געקיסט וואלסט דוא זיך הוהיג צו געהערט? האָט־'ענאָן איהר געפרעגט.

— אה, דער גראף ווערנער וועט גאר ניט דענקען אזא זאך צו טהון! האָט דאס מעדכען אויסגערופען מיט א געלעכטער.

— וואס טהוסט דוא דען היער? האָט ענאָן געפרעגט.

— דאס געהט דיך ניט אן! — האָט דיא שעהנע געענטפערט, און האָט געוואָכט אוועקגעהן.

— נור היער געבליבען! האָט באראָן ענאָן אויסגערופען.

דאן האָפּט מיך אויב דוא קענסט! האָט זיא אויסגערופען און איז אנטלאָפען.

דער יונגער עלעגאנטער הערר האָט זיך ניט פּרובירט נאך לויפען דיא שעהנע טאָכטער פון וואלד, ער האָט איין ווייכע אריינגענומען דיא באָרד אין מויל און האָט זיא געביסען.

דיעזען מאל איז ער בעגינסטיג געוואָרען מיט זיין גליק ער האָט געזעהן וויא אלאזיוס קומט אראָפּ פון בארג.

דער שלאָס אויפזעהער האָט יעצט דערזעהן זיין בעזיכער, ער האָט אראָפּ גענומען דיא הוט און האָט איהם געגריסט.

— דוא קענסט מיך דאך, אלאזיוס! — האָט ענאָן געפרעגט און האָט איהם ערדייכט דיא האנד.

— זייט איהר באראָן ענאָן פאָן שטורמפעדער? — האָט אלאזיוס געפרעג מיט קנאה.

דער באראָן האָט געלעזען אין זיין זעעלע.

— מיר שיינט אז דוא בענייךעסט מיך! — האָט ער געזאָגט מיט א פריינדליכען בליק, — דוא דארפסט עס ניט, איך וויל גאר דיך בענײדען.

— דער הערר באראָן וויל זיך לאבען! — האָט אלאזיוס געענטפערט מיט א ראהער שטימע, אזא הערר זאָל מיך בענײדען? מיט וואס? פיליכט מיין שאנדע און פעראכטונג אונטער די מענשען? זייט איך בין געבארען בין איך פערשאָלטען, איהר זייט אבער א רייכער הערר, וועמען אלע בעניידען.

— רייך? — האָט ענאן געפרענט, רייך און שולדען, ווילסט דוא זאָגען! יא דאס בין איך אין דער ווירקליכקייט. איך שווער דיר אז גאנץ אפט וויים איך ניט וואו צו נעהמען די פאאר גולדען צו בעצאהלען פאר מיין עסען. איך בין א רואונירטער מאַנ, ווען איך בעצאהל ניט מיינע שולדען זאָ ווער איך פעראכטעט.

ער האט זיך געהיט צו ערצעהלען או זיין אנקעל האט שוין בעצאהלט די שולדען און דאס ער איז שוין ענטפּאסען פון דער ארמעע.

— דוא זעהסט! — האט ער מיט א ביטערען געלעכטער געזאגט, — דוא זעהסט דאס איך האב ניט מעהר פון דיר. מיר זיינען קאמעראדען און ליידען דיך פערפאלגען די נארישע מענשען, מיך פעראכטעט אבער דער שיקזאל, רייך מיר דיין האנד קאמעראד.

גאנץ געטריי און פריינדליך האט ער איהם גערייכט זיין אריסטאקראטישע האנד.

אלאזיוס האט זיא ניט געוואלט אננעהמען.

— זיי דאך ניט אזוי שעהמעריג קאמעראד! — האט אלאזיוס געזאגט.— דאס גליק אנטלויפט אימער פון אונז ביידען, גוט, לאמיר זיך פעראייניגען צו זוכען גליק. לאמיר שליסען א בונד צו זאמען העלף דוא מיר אויסצופיהרען מיינע פלענער און איך וועל דיך גאנץ רייך בעלאהנען.

— איך וויים ניט מיט וואס איך קען העלפען אזא פארנעהמען מאן?
— האָט אלאזיוס געזאגט פערדעכטיג. דער הערר באראָן טרייבט מיט מיר שפאס.

— ניין, עס איז מיין ערנסט, האָט ענאן פערזיכערט, דוא ביזט דער איינציגער וואס קען מיך גליקליך מאכען.

ווען אזוי? — האָט דער שלאס אויפזעהער געפרענט און האָט ניט געוואָלט גלויבען.

— הער מיך אויס! — האָט דער באראן געזאגט און האט צו געדריקט זיין שטימע, איך וויל דיר פערטרויען מיינע פלענער, אבער פריהער וועלען מיר געהן אין איין ארט וואו קיינער וועט אונז ניט קענען הערען.

— קיינער הערט אונז ניט! — האָט אלאזיוס געענטפערט.

— דער קוטשער וואס האָט מיך אַ הער געבראכט קען זיין אין דער נאכבארשאפט. האָט דער באראָן געזאָגט, מיר דארפען איהם ניט געבען דיא געלעגענהייט. וואס איך האָב דיר צו זאָגען דארף קיין מענש ניט הערען.

דער שלאָס אויפזעהער האָט געעפענט א טהיר, זיי זיינען אריין אין א צימער וואו קיין לעבעדיגער מענש איז שוין זייט לאַנג ניט געווען, ענאַן האָט צו זיך צו געצויגען א שטוהל וואס וואר פערצאגען מיט א וואוענד און האָט זיך א וועק געזעצט,

— גראף ווילדענשטיין איז טויט! האָט דער באראן געזאָגט.

אַלאזיוס איז אויפגעשפרונגען מיט איין ערשטוינען.

— געהארד האָט איהם בעגלייט אין זיין עוויגער רוהע! האָט דער באראן ווייטער געזאָגט, צווישען מיר און גליק שטעהט יעצט איין איינציגע פערזאָן. איך בין איין ארימאן, מיינע בעלי חובות פערפאלגען מיך, איינער פון אונזביידען מוז פאלען, איך אָדער גראף ווערנער.

— איך בין קיין מערדער! האָט אלאזיוס אויסגערופען.

— ווער זאָגט דאס! האָט באראן עגאן געפרעגט.

— איהר ניט אנצוהערען, איהר מאכט מיך גלויבען, דאס איך זאָל אפשאפען דעם יונגען גראף.

— דוא האָסט מיך פאלש פערשטאנען! האָט באראָן ענאן געזאָגט. איך פערלאנג פון דיר קיין מארד. איך וויל נור דוא זאָלסט דעם גראף פערגעסען.

איהר מיינט? האָט אלאזיוס געפרעגט און זיין געזיכט איז געוואָרען בלאָס. איהר מיינט איך זאָל לאָזען דעם גראף שטארבען פון הונגער.

— זאלען מיר עס ניט אַזוי הארט אויסדריקען! האָט דער באראן גאנץ זאנפט געזאָגט, איך ליעב ניט א זעלכע גראָבע אויסדריקע, וואס איז לייכטער און נאטירליכער אלס דוא זאלסט דיך פערגעסען אויף דיין געפאנגע-

נעם ? דוא מאכסט א רייזע פון פעלזאג, דוא ווילסט זיך ראַסטען ניר א פאאר טאָג, אָבער א פאאר שעהנע אויגען בעגעגנען דיך אויף וועג, און איהרע ארמען האסט דוא אלעס פערגעסען, ווען דוא ביזט צוריק געקומען האסט דוא איהם געפינען איינגעשלאָפען אויף אויבען.

— איינגעשלאָפען ?! — האָט אַלאזיוס איבער געפרעגט, אייערע גנאדען מיינען דאס עס איז אנגענעהמען צו ליידען הונגער און דורסט ? מען זעהט דאס איהר ווייסט ניט וויא ביטער עס איז צו ליידען הונגער און דורסט.

ענאן האָט אויף דעם ניט געענטפערט ער האָט אנגעפאנגען ארום צו געהן אונרוהיג איבער'ן צימער, ענדליך האָט ער געזאָגט:

— וואס פאר א נארר דוא ביזט אלאזיוס ! דיין גאנצען לעבען ביזט דוא געלעגען אונטער דיא פיס פון יעדען שלעכטען מאָן, יעצט מאכט זיך דיר א געלעגענהייט צו ווערען מיט איין מאָל רייך און גליקליך, אנשטאט צו גע-בען מיר דיין האנד און דאנקען מיר פאר דעם, לאָזט דוא זיך נאך בעטען דוא גרויסער נארר.

— גראף ווערנער האָט מיר אָבער קיין שלעכטעס געטהון ! — האָט אלאזיוס געזאגט.

— ווען האָסט דוא שלעכטעס געטהון ! — האָט באראן ענאן אויסגע-רופען, דוא האסט קיין פליעג געריהרט, דאָך פאר דיין פאטער'ס זינד לאזט מען דיך אזוי פּלאגען, זייט דיא וועלט איז בעשאפען געווארען ליידען מענ-שען פאר פרעמדע זינד.

— פערגעס דאָך ניט דאס גראף ווערנער האָט מיט קיין זאך פערדינט זיין גליק, זייט ער איז געבאָרען געוואָרען געהט ער אויף ראָזען, ווען אנדערע האָבען געדאכט האָט ער געלאכט. ווען אַנדערע האָבען זיך געפּלאגט צו פערדינען זייער ברויט מיט דעם שוויים פון זייער געזיכט איז ער נאכגעלא-פען א שעהנע מיידעל, זאָל ער יעצט אויך פערזוכען וואס לייד און בי-טערקייט בעדייטעט.

דיעזע רעזע האָט עררייכט איהר ציעל.

ווארום זאָל גראף ווערנער ניט ליידען ? האב איך ניט געליטען ? האָט אלאזיוס ביי זיך געטראכט ער האָט שוין געוואָלט צושטימען צום פּלאַן אָבער דאָך האָט ער געפרעגט :

— מען וועט איהם דאָך זוכען! — האָט ער געזאָגט. — ער האָט א געליבטע, וועלכע וויים געוויס וואוהין ער איז אַ וועק. מען וועט אין פּעלזאג נאכפרעגען. וואס זאָל איך ענטפערען.

— דוא וועסט ענטפערען אז גראף ווערנער איז געסטערען פון דאנען אפגעפאהרען! — האָט באראָן ענאו געענטפערט, דוא זאָלסט ווערען אונרו-היג, זאָלסט רעדען פון דעם געפעהרליכען וועג. אָבער וועסט זיך וואונדערען וואו זיין פערד איז פערשוואונדען, האָט דער קוטשער וואס האָט מיך א הער געבראכט געזעהן דא דעם פערד.

— ניין, האָט אַלאָזיוס געזאָגט. — איך האָב דעם פערד און דעם גאנצען געשפאן גוט בעהאלטען.

— דאס איז גוט! — האָט ענאן געמורמעלט, געה נאָך יעצט צום טייפעל׳ס גרוב און וואַרף אריין זיין בייטש אזוי דאס מען זאָל זיא קענען זעהן פון ברעג, מען וועט דאן גלויבען אז גראף ווערנער איז אריינגעפאלען אין דיעזען אבגרונד. אום מען זאָל נאָך זיכערער זיין, זאָלסט דוא הייטע אנזאטלען דעם גראף׳ס פערד און זאָלסט איהם ארויסלאָזען פריי, דער פערד וועט געוויס קומע׳ צו זיין שטאָל אין קעניגסוואלדאו. ווען ער וועט אַ היין ערשיינען אהן זיין רייטער וועט מען זאָפאָרט וויסען דאס דעם גראף האָט געטראָפען איין אונגליק, דיא דינער וועלען באַלד ארויס זוכען דעם יונגען גראף. מען וועט איהם זאָגאר ניט געפינען, דען דער גראף איז גוט בע-האלטען און דארום וועט מען רעבענען אַז ער איז אַריינגעפאלען אין טייפעל׳ס גרוב.

— זיי וועלען גלויבען אַז דער פערד האָט איהם אַ היין אריינגעוואָרפען, — האָט אַלאָזיוס צו געשטימט.

— דוא נעהם אַ היהן, האָט באראָן ענאן ווייטער געזאָגט. שלאכט זיא און נעהם אריין איהר בלוט אין אַ שיסעל, בעשפריץ מיט דאס בלוט, דיא שטיינער וואס ליעגען אויבען פון טייפעלס גרוב, ווען דיא דינער וועלען זעהן דאס בלוט וועלען זיי גלויבען אַז דאס איז דעם גראף׳ס בלוט, דיא גרוב איז איבער זיעבעציג מעטער טיעף, דאָך קיין מענש איז ביז דעם גראד ניט גע-קומען און קיינער וועט זיך ניט וואגען אראָפּצוגעהן ביז אונטען אום צו זוכע דעם גראף.

— דאס איז וואהר ! האָט דער שלאָס אויפזעהער בעמערקט און האָט צוגעשטימט צום פּלאַן.

דער שטרעבען צו רייכטהום האָט זיך אין איהם ערוועקט.

— וויא אָפט האָב איך געליטען הונגער און דורסט ! האָט ער צו זיך געזאָגט. מעג גראף ווערנער אויך וויסען וואס הונגער בעדייטעט.

עגאָן האָט זיינע געדאנקען געלעזען פון וויטען.

— איך זעה אז עס לאָזט זיך מיט דיר צוריידען א וואָרט ! האָט ער אנגעפאנגען, — נון. דוא זאלסט צו דעם ניט צו לייגען.

וועלכע בעלאָהנונג וועט איהר מיר דער פאר געבען ? — האָט אלאזיוס געפרעגט.

— צוואנציג טויזענד גולדען !

אין דעם אויפזעהערס אויגען האָט אנגעפאנגען צו פינקלען.

— ניט מיר דאס געלד, האָט ער געזאָגט און איך וועל זיין אייערער.

דער באראָן האָט ניט געקענט איינהאלטען זיין געלעכטער.

— יא, מיין ליעבער ! — האָט ער געזאגט מיט א געלעכטער. ווען איך זאָל יעצט בעזיצען צוואנציג טויזענד דאלאר זא וואָלט איך מיך יעצט ניט אויפגעהאלטען אין דיעזען צימער, זאָנדער'ן איך וואָלט מיך אמוזירט אין וויען. איבער הויפט קען מען יעצט נאר ניט רעדען פון בעלאָהנונג, דאס וואָלט געווען צו פריה. טהו וואס איך האָב דיר געזאָגט און דאן וועל איך דיר איבער געבען דאס געלד אין האנד, דוא זאָלסט זיך נאכדעם בעגעבען אין איין געגענד אין וועלכען קיינער קען דיך ניט, און וואו יעדער וועט דיך אכטען און ליעבען.

— ווארום זאָל איך דען פערלאסען דיעזען שלאָס ? — האָט אלאזיוס געפרעגט.

דיא אנטוואָרט אויף דיעזער פראגע איז א גאנץ דייטליכע, מיין ליעבער פריינד. — האָט דער באראָן געענטפערט מיט שפּאָט, האָט מען דיר דען דא אנגעגעבען אזוי פיעל כבוד דאס דוא קענסט זיך דא ניט שיידען פון דיינע געבען בירגער ? איך דענק אז דיר דארף ליעבען לייכטער אויף'ן הארצען ווען דוא קענסט אויסמיידען דיא לייטע וואס האָבען דיר פערשאפט אזוי פיעל ליידען און שאנדע.

— דאס איז שוין וואהר! — האָט אלאזיוס גאנץ טרויעריג געזאָגט.

— דעריבער דארפט איהר גאר ניט זאָרגען! האָט דער באראָן פערזיכערט, אזוי שנעל וויא דאס פערמעגען ווערט פאר מיר בעשטימט קריעגסט דוא דאס געלד בעצאהלט.

— איך האָב געדאכט דאס אזוי שנעל וויא גראף ווערנער איז טויט מוז אייך אלעס געהערען! — האָט אלאזיוס געזאָגט, איהר זייט דאך דער נעכסטער יורש, ווער קען דען פון אייך א וועק נעהמען דעם גרויסען פערמעגען.

— דאס געריכט! האָט ענאן געענטפערט.

— אה, דאס געריכט! האָט אלאזיוס געמורמעלט, און אויף איהר געזיכט האָט זיך אויסגעדריקט דיא צייבענס פון-אונצופריעדען הייט, ווען דאס געריכט וויל זיך אין דעם אריינמישען זא קענען א וועק געהן צעהן יאהר איידער איך וועל קומען צו מיין געלד.

— אזוי שלעכט וועט עס ניט זיין! האָט דער באראָן איהם בערוהיגט אין א יאהר, שפעטעסטענ'ס צווי, וועט גראף ווערנער ערקלעהרט ווערען טויט און דאן זאָל אלעס געהערען צו מיר, ביי מיין עהרע שווער איך דיר אז איך וועל דיר דאן בעצאהלען דיא צוואנציג טויזענד גולדען, ביזט דוא דערמיט צופריעדען?

— יא! האָט אלאזיוס נאך א קורצען איבערלעגען געזאָגט.

— זאָ זיינען מיר אלזא אין דיעזען פונקט פעראייניגט! האָט דער באראָן אויסגערופען מיט פריידע, פערגעס ניט וואס איך האָב דיר פארגעלעגט, בעשפריצט דיא שטיינער מיט בלוט. טרייב ארויס דעם געזאָטעלטעמען פערד, ווארף אריין דיא בייטש אין מייפעל'ס גרוב און האלט אין איין שרייען אז גראף ווערנער איז נאך [illegible]

— וועט עס ניט ערשיינען וואונדערבאר וואס גראף ווערנער'ס פערד וועט ערסט היינטע ערשיינען אין קעניגס וואלדאו? — האָט אלאזיוס געפרעגט.

— דוא מוזט דעם פערד פערוואנדען מיט א שטיין! האָט דער באראָן איהם געלערענט, דיא לייטע און קעניגסוואלדאו וועלען זיך יעצט ניט וואונדערען ווארום דער פערד האָט זיך געזאמט.

— איך האָב נור מיטלייד אויפ'ן פערד, זאָנסט וואָלט איך איהם

אויך אראפּגעשליידערט אין דעם טיפעלים גריב! — האָט אלאזיוס געזאָגט.

דער ראהער שלעכטער מאַן, וועלכער האָט זיך ניט געשראָקען צו פערגיסען דאָס בלוט פון זיין נעבען מענשען האָט געהאט מיטליד מיט איין פערד!

— עס איז פאַר אונז בעסער, ווען דער פערד קומט ווידער אין שלאָס! האָט דער באראָן נאך א קורצען איבערלעגען בעמערקט, מען וועט זאָפאָרט גלויבען אז ער האָט פון זיך אראפּגעוואָרפען דעם רייטער, בעשטעל דעם קוטשער ער זאָל איינשפּאַנען און ערצעהל גלייך אלע מענשען אז גראף ווערנער איז געסטערען אפּגעפאהרען.

זאָל איך ניט בעסער זאָגען דאָס ער איז ערסט פון דאַנען א וועק, האָט דער שלאָס אויפזעהער נעפרעגט, איידער עס ווערט נאכט קען איך דעם פערד פון דאַנען ניט ארויסשיקען דען איינער קען עס דורך א צופאל זעהן און זיין איין עדות דאָס גראף ווערנער האָט אויפ׳ן פערד ניט געריטען, מען וועט אנפאַנגען נאכצופאַרשען, פיליכט וועט איין דינער עראינערען זיך אויף דעם געהיימען קעלער.

— מיינערטוועגען איז איהם אַוועק אריינגעפאלען אין דיא רייד, פון מיינעטוועגען קענסט דוא זאָגען אז גראף עוועק איז ערסט הייטע א וועקגעפאהרען פון פעלזאַג, בעגעגענד קענען מיר איהם דאך ניט, ווייל מיר האָבען גענומען איין אנדער וועג.

אלאזיוס האט געלאַכט און איז א וועק אין שטאל.

— דוא זאלסט איינשפּאנען! האט ער בעפאָהלען דעם קוטשער.

— נון, אונזער יונגער גראף איז געוויס גאַנץ דערשלאָגען איבער דעם טויט פון זיין גראָספאטער! האָט דער קוטשער געפרעגט.

— איך וויים ניט? — האָט דער שלאָס אויפזעהער געענטפערט.

— נון דוא ביזט דאך געווען דערביי ווען דער באראָן האָט איהם איבערגעגעבען דיא נאכריכט! — האָט דער קוטשער אויסגערופען, דוא מוזט דאך וויסען וויא דער גראף האָט דיא נאכריכט אויפגענומען.

— דער גראף איז גראדע אפּגעפאהרען איידער איהר זייט אנגעקומען. איהר האָט איהם פערגעזעהן, האָט דער שלאָס אויפזעהער אויסגערופען.

— דאַן וואָלטען מיר איהם דאָך דאַרפֿען אַנטרעפען! האָט דער קוטשער געזאָגט.

— דורכאויס ניט! איהר זייט געפאהרען מיט דעם ברייטען וועג, וועהרענד דער גראף איז געפאָהרען מיט דעם שמאָלען וועג, ער איז שוין לאַנג אין קעניגסוואַלדאַו.

דער קוטשער האָט זיך גענומען האַסטיג שפּאַנען דיא פערד.

אַלס דער וואַגען איז איינגעשפּאַנט געוואָרען איז ענאן ערשינען אין הויף.

— פאהר שנעל! — האָט ער צום קוטשער בעפאהלען, דער הערר גראף איז שוין אָפּגעפאהרען נאָך קעניגסוואַלדאַו איך וויל מיט איהם רעדען אַזוי שנעל וויא מעגליך.

ער האָט צוגעוואָרפען נאָך איין בליק צו זיין קאַמעראַד, דאַן האָט ער גענומען זיין פּלאַטץ אין וואַגען און איז אַוועקגעפאהרען, אַלאַזיוס האָט איהם נאָכגעקוקט.

— מיין הערר קאַמעראַד! האָט ער געזאָגט, דוא ווילסט מיך אָבנאַרען אָבער אַלאַזיוס לאָזט זיך ניט נאַרען. הא הא, דוא מיינסט איך וועל זיין אַזוי דום און וועל בעגעהן דעם מאָרד! מיט וואָס בין איך דאַן זיכער אַז דוא וועסט מיר בעצאהלען וואָס מיר קומט! גאַר קיינע! מיין הערר קאַמעראַד וויל מיך מיט אַ פּאָאַר גולדען אָפּפערטיגען! ער וועט מיר הייסען געהן פאָדערען מיין לאָהן אין געריכט ער וועט מיר ווייזען דעם וועג צום הענקער, ניין גראף ווערנער מוז לעבען! זיין לעבען איז מיין גאַראַנטיע.

נאַטירליך וועל איך זיך מאַכען אַז איך טהו אַלעס וואָס דער באַראָן פערלאַנגט, איך וועל איהם אויך מעלדען אַז דער גראף איז טויט, אָבער איך וועל דעם שלאָס ניט פערלאַסען און וועל מיין געפאַנגענעם יעדען טאָג געבען צו עסען און צו טרונקען, ווען דער באַראָן וועט מיר ניט געבען דיא סומע וואָס איך וועל פערלאַנגען, וועל איך איהם זאָגען דאָס איך לאָז ארויס מיין געפאַנגענעם פריי און ער וועט זיך לאָזען ערקענען.

— אך וויא וועט ער עס שטוינען ווען ער וועט ערפאהרען דאָס דער גראף וועלכען ער האָט געהאַלטען פאַר טויט, דער לעבט! מיט דיעזע ביטש וועל איך מיין קאַמעראַד אַזוי איינשרעקען, דאָס ער וועט מיר גאַנץ גערן

בעצאהלען וואס מיר קומט, ווען איך וועל דאס געלד ערהאלטען זאָ וועט עס מיר נאר ניט איינפאלען דיא שטאדט, איך וועל מיך היער אוים ברייטען וויא א שררה, איך וועל זיי אלעמען אויף להכעים הייראטהען מיין שעהנע אילאנא, מיין זיעסע, ברוינע ציגיינער מערכען און וועל פיהרען איין וואהרען גליקליכען לעבען. אה, וועט דאס ערגערען דיא בויערען, צו זעהן וויא דער פעראכטעטער און פערהאסטער בעזיצט דעם שעהנסטען האף, עס וועט זיי ערפיעלען ניפט און גאלל, דאס זיי וועלען פלאטצען, מיינע קינדער וועט קיינער ניט וואגען צו בעליידיגען.

אלס דער אבענד איז אנגעקומען האט ער זיך גענומען צו דער ארבייט.

ער האט אנגעשלייפט א גרויסען מעסער, שארף וויא איין האאר און האט זיך בעגעבען צו דיא ציגען, ער האט געחאפט א יונגע צוג און האט זיא געשלאכטען, דאס בלוט האט ער צוזאמען גענומען אין א שיסעל און האט זיך געהיט קיין טראפען צו פערלירען.

דיא צוג האט ער דאן א וועק געשלעפט אין הויז און האט פארבערייט א בראטען, און דאן האט ער זיך גענומען צו זיין פלאן.

ער האט ארויסגענומען דעם פערד, האט איהם אנגעזאטעלט, האט גענומען דיא בייטש פון גראף ווערנער, האט צוגעבונדען צום זאטעל א קארב און האט זיך יעצט בעגעבען אויף זיין וועג.

ביז צום טייפעל'ס גרוב האט ער געפיהרט דעם פערד, אזוי וויא ער איז נעקומען צום טייפעל'ס גרוב האט ער אריינגעווארפען דיא בייטש אזוי דאס מען זאל זיא קענען זעהן. דאן האט ער גענומען א שטיין און האט אזא קלאפ געטהון דעם פערד אין פיס דאס ער איז א וועק הינקענדיג נאך קעניגסוואלדאו. דאן האט ער ארויסגעגאסען דאס בלוט אין גרוב אזוי דאס עס אויסזעהן אז א שווער פערוואונדערטער איז דארט אראפגעפאלען.

— איך קען מיך יעצט גאנץ רוהיג לעגען שלאפען! — האט ער געמורמעלט. מיין הערר קאמעראד וועט מיט מיר צופריעדען זיין.

17טעס קאפיטעל.

א שרעקליכע נאכט.

אלס דער וואגען אין וועלכען באראָן שטורמפעדער, האָט זיך געפינען אין געקומען צו קעניגסוואלראו האָט זיך דיא גאנצע דינערשאפט פערזאמעלט מיט דער אבזיכט צו עמפפאנגען זייער יונגען הערר. אָבער דיא געזיכטער פון דיא דינער האָט געציינט איין מאדנע איבעררראשונג אלס פון וואגען איז נור ארויס באראָן ענאן, אָבער ניט דער גראף.

— אין וועלכען צימער געפינט זיך דער גראף? האָט דער באראָן געפרעגט דיא פערזאמעלטע לייטע.

— וואָס מיינט איהר? — האָט עדוואָרד געפרעגט.

איך פרעג אין וועלכען צימער האלט זיך אויף דער גראף ווערנער? — האָט ענאן נאך א מאל געפרעגט, דער גראף איז שוין א וואָך פון פעלדזוג, כ זך איידער איך בין א הין געקומען, ער מוז דאך שוין דארום דא זיין.

דיא דינער האָבען איינע דיא אנדערע אנגעקוקט.

— דער גראף איז אהער ניט געקומען! האָט עדוואַרד געענטפערט.

ענאן האָט געשמייכעלט.

— נון דער גראף מוז זיין דאָרט וואו זיין הערץ ציהט, דאן איז ער אריין אין זיין צימער און האָט איבער געלאָזען דיא איעררראשטע דינער.

— איך קען ניט גלויבען, אז דער גראף וועט ניט זאָפאָרט לויפען צו זעהן דיא לייבע פון זיין גראס פאטער! — האָט דיא ערסטע שטוב מעדעל געזאָגט.

— דער הערר גראף האָט דאך גאר ניט געהערט פון דעם גראף׳ס טויט! — האָט דיא הויז האלטערען בעמערקט, — עס איז דארום מעגליך דאס ער איז צו ערסט א וועק זעהן זיין געליבטע.

— איך לויף זאָ פאָרט צום וואלד אויפזועהער אום נאכצו זעהן אויב דער גראף געפינט זיך דאָרט! — האָט דיא ערסטע הויז מעדכען געזאָגט.

יא, אין דער ביי וועסט דוא זעהן דיין שאטץ, דעם יעגער! — האָט

דיא הויז האַלטערין געלאכט. — נון גוט, פון מיין הערצען וועט אראָפּפאַלען א גאַנצע לאַסט ווען איך וועל הערען אז דער גראף געפינט זיך ביי זיין געליבטע.

יוליא איז אוועק געגאַנגען און דיא איבעריגע דינער האָבען זיך בעגעבען צו זייער ארבייט.

דיא יונגע יוליא איז שנעל געקומען צום וואַלד וועכטערס הויז.

— איז דער גראף דא? — האָט זיא געפרעגט דער אלטער פרויא קאטהערינא.

— נון, האָט דיא אלטע דינסט געענטפערט. — ער געפינט זיך אין פעלזאג.

— דאָרט איז נור געוועזען! — האָט יוליא אויסגערופען, דער הערר גראף איז הייטע פון פעלזאג אפּגעפאהרען און אזוי וויא ער איז צו אונז ניט אנגעקומען גלויבען מיר אז ער איז דא. מיין גאָט וואו קען ער דען זיין ווען ער איז דא ניט דא.

פּלוצלונג האָט דאס מעדכען אויסגעשטאָסען איין ווילדען געשריי, אין דער טהיר איז געשטאַנען סילווא, בלייך וויא דער טויט, מיט אויפגעריסענע שטאַרע אויגען, זיא האָט אויסגעזעהן ווילד גלייך וויא זיא וואָלט געוועזען געליימט.

— הייליגער גאָטט! — האָט יוליא אויסגערופען, דאס מעדכען ווערט דאָך אונמעכטיג.

סילווא האָט איהר געגעבען א וואונק און האָט איהר געזאָגט, — ווען וועט דער גראף אפּפאהרען פון פעלזאג!

— דיא צייט קען איך ניט בעשטימען! — האָט יוליא געענטפערט, — דער באראָן איז געפאָהרען נאָך פעלזאג און האָט זיך ערסט פון דאָרט אומגעקעהרט, ער ערצעהלט אז ער האָט דאָרט דעם גראף ניט אנגעטראָפען, דען דער גראף איז פון דאָרט אפּגעפאהרען איידער ער איז אהין אנגעקומען, דער גראף האָט דארום געמוזט זיין ענטוועדער דא אָדער אין שלאָס. ער איז אָבער איןביידע ערטער ניטא.

— ער האָט וואהרשיינליך געפינען איין אָרט אויפ'ן וועג, וואו ער איז

פערהאַלטען געוואָרען! — האָט סילוואַ געזאָגט און האָט זיך געזוכט צו טרייס־טען איז ער גאַנץ אַליין געפאַהרען נאָך פּעלזאַג.

— געוויס! — האָט יוליאַ געענטפערט.

דער גראַף האָט זיין דינער געלאָזען אין קעניגסוואַלדאַו, און אין פּעלזאַג האַלט זיך קיינער ניט אויף אויסער דעם שלעכטען אַלאַזיוס.

סילוואַ האָט זיך אַ ווייַלע פערטראַכט דאַן האָט זיא געזאָגט.

— ניין, דאַ מוז זיין איין אירטהום, דער גראַף איז נאָך ניט געפאַה־רען אַ היים, דען זאָנסט וואָלט ער דעם באַראָן ניט געקענט אויסמיידען.

— זייט מיר גנעדיג! — האָט יוליאַ געזאָגט, דער באַראָן איז געפאַהרען מיטען ברייטען וועג.

— און דער גראַף ווערנער איז אויך געפאָהרען מיט דעם זעלבען וועג. האָט סילוואַ אויסגערופען און האָט זיך אַליין גראַטולירט וואָס זיא האָט איהר געליבטען פערשוואָרען ער זאָל ניט פאַהרען מיט דעם שמאַלען וועג, דער גראַף האָט געמוזט נעהמען איין אַנדער וועג, דען זאָנסט וואָלט ער דיא שיין געוועזען.

— יוליאַ האָט דיעזע מיינונג ניט געהאַט, זיא האָט אַנדערש גע־גלויבט.

— איך וועל אייך ברענגען אַ נאַכריכט, אַזוי שנעל וויא דער גראַף וועט קומען אין שלאָס! האָט דיא דינסט געזאָגט.

— טהוט מיר דיעזע פריינדשאַפט! האָט סילוואַ געבעטען.

— ווער קען עס דען אייך ענטזאַגען! האָט יוליאַ געזאָגט, און איז גאַנץ טרויעריג אַ וועק צוריק.

— ווערנער, ליעבער ווערנער! האָט זיא געמורמעלט. וואו געפינסט דוא זיך יעצט? אַך מיר איז אַזוי אונמוטהיג אהן דיר, אַזוי הערצליך אונ־מוטהיג.

דער וואַלד וועכטער איז יעצט אַרויס פון הויז, מיט גרויסער זאָרג האָט ער בעטראַכט דיא בלייבע געזיכט פון זיין שעהנע טאָכטער.

— איך האָב געדאַכט אַז מיין קינד וועט צערשטרייט ווערען, ווען זיא וועט זיך אויפהאַלטען אין שטאָדט, אָבער דאָס איז ניט געוועזען דער פאַל.

ער האָט יעצט גאנץ צערטליך געשפּראָכען צו זיין טאָכטער און האט זיא געבעטען זיא זאל זיך ניט איבערגעבען צו טרויעריגע געדאנקען.

סילווא האָט איהם בעטראכט מיט דאנקבארקייט.

— זעה נור ליעבער פאטער! האָט זיא געזאָגט, — זייט ווערנער איז א וועק קען איך ניט רוהען, אלס דיא מוטער איז מיט מיר געוועזען אין שטאדט האָט מיר געשיינט אז דיא הייזער פאלען אויף מיר איין און איך וועד ערמאָרדעט. איך האָב געוואָלט פאהרען א היים ווייל איך האב געגלויבט אז דא, ניט ווייט פון ווערנער וועל איך זיין פיעל רוהיגער, אָבער איך האָב מיך גענאַרט, זייט איך בין היער שיינט מיר אז איך וועל פערגעהן פון שרעק. עס געהט מיר ניט ארויס פון קאָפּף דאס ווערנער'ן האָט פּאסירט איין אונגליק, ביי נאכט שרעקען מיך אלערליי חלומות, איך זעה וויא מיין פערלאָטער ליעגט פאר מיר בלייך און פערבלוטיג, אין איך בעוויין איהם מיט בלוטיגע טרעהרען.

— דוא ביזט נערוועז קינד! האָט דער וואלד אויפזעהער געענטפערט. דוא מוזט מיך פון יעצט טעגליך בעגלייטען אין וואלד, איין לאנגער שפּאציר גאנץ וועט דיך געזונד מאכען, דוא ארבייטסט צו פיעל, גלויב מיר אז אלע דיינע געדאנקען זיינען אומזיסט, גראף ווערנער וועט גאנץ געזונד קומען צוריק, ער וועט גאנץ געווים פיעלעס געפינען גאנץ אנדערש —

דאס געזיכט מעדכען האָט זיך ערשראָקען, און האָט צו געוואָרפען דעם רעדנער איין ערנסטען בליק.

— דער אלטער גראף וואר קראנק, ער איז הייטע געשטאָרבען! — האָט דער וואלד וועכטער געענדיגט זיין געשפּרעך.

— טויט! — האָט סילווא אויסגערופען, — גראף ווילדענשטיין איז טויט און ווערנער האָט זיך פון איהם אבגעשיעדען מיט צאָרן, אך וויא אונגליקליך מאכט מיך דיעזער געדאנק, ניעמאלס וועל איך מיר קענען פערציי'ן וואס איך בין געוועזען דיא אורזאכע פון דיעזען שטרייט.

— מיין קינד, דוא בעשולדיגסט דיך אין אזאך, וואס דוא האָסט קיין שולד! — האָט דער וואלד וועכטער איינגעווענדעט, קום אין הויז מיין קינד, פערטרייב פון זיך דיעזע מעלאנכאלישע געדאנקען, זיי וויעדער פרעהלאך און סטיג, וויא א גליקליבע דארף זיין.

מיט איין אונמענשליכע אנשטרענגונג האָט זיך סילווא געצוואונגען צו האַל־טען זיך רוהיג צו ליעב איהר טהייערען פאטער. זיא האָט זיך אנגעהאנגען אן זיין ארם, איז ארום געגאנגען ארום הויז און האָט זיך דיא איבעריגע צייט פער־בראכט גאנץ לוסטיג

צו דער נאכט זיינען אַלע געגאנגען שלאָפען, סילווא איז אויך געגאנגען אין איהר בעט, אבער זיא האָט ניט געשלאָפען, זיא האָט פערבראָכען איהרע הענד און איז געזעכען אויפ'ן בעט און האט געוויינט דיא טרעהרען האָבען זיא א ביסעל בערוהיגט דיא האָפנונג האָט איהר גענומען טרייסטען זיא זאָל ניט פערצווייפעלט ווערען.

איין נייער געדאנק איז אריין אין איהר קאָפּף, דיא נאכט איז געוועזן מילד און שעהן. פאר שלעכטע מענשען וואס ווילען זיא פררפאָלגען האָט זיא ניט געפירכטעט, זיא האָט אויסגעטהון דיא שוך און האָט זיך ארויסגערוקט פון הויז. פאָרזיכטיג האָט זיא אויפגעעפענט דיא טהיר, דער גרויסער הינד פון האָף האָט געוואָלט צו לויפען צו איהר מיט א בילעריי, אבער זיא האָט איהם געהייסען שווייגען. און דאס קלוגע טהיר האָט זיא זאָפאָרט פער־שטאנען.

סילווא האָט דאן פערלאסען איהר האָף און האט זיך געוואונדערט צו דער פערלאסענער, שטילער דארפשטראסע.

האָרך! וואס איז דאס? הערט זיך דארט ניט דיא טריט פון איין פערד? דיא וואנהלערין האָט גאנץ אנגעשטרענגט געהערט.

— דיעזער וועג פיהרט צום שלאָס פעלזאג, פאהרט דארט פיליבט איהר ווערנער?

קוים איז דיעזער געדאנקען אריין אין איהר קאָפּף אזוי האָט זיא זיך גלייך געלאָזט לויפען געגען דעם רייטער. אלס איהרע שארפע יונגע בליקען האָבען דעם פערד דערזעהן האָט זיא ארויסגעלאָזען איין פירכטערליכען, ביטערין געשריי און האָט פערבראָכען דיא הענד, דער פערד וואר אהן איין רייטער איין מאמענט איז סילווא געשטאנען שטאַר און צו מישט, דאן איז צו גע־לאָפען צום פערד. דער פערד האָט געפונקען און געבלוטעט.

— ווערנער איז אונגליקליך, ווערנער איז טויט! האָט סילווא גלייך אויס־געשריען.

וויא פייער איז דאס בלוט געפלויגען דורך איהרע אדערען, איהרע שלעפען האָבען געהאַמערט, איהר הערץ האָט געקלאפט צום צערשפּרונגען, פייערדיגע פונקען האָבען געטאַנצט פאַר איהרע אויגען, און ניט וויסענדיג וואָס מיט איהר טהוט זיך איז זיא געלאָפען צום שלאָס קעניגס וואַלדראַו, איהרע שעהנע לאָקען האָבען זיך אין דיעזען אויגענבליק אויפגעלעזט, זיי זיינען געהאנגען נעריכט און שווער ביז דיא פיס,

— וועט דיעזער וועג זיך קיין מאל ניט ענדיגען! האָט זיא געשריען און איז באלד וואהנזיניג געוואָרען פון שרעק, גרויסער גאָטט גיב מיר קרעפטען און פליגלען, איך זאָל ניט קומען צו שפּעט.

— גאָטט זיי דאנק, דארט זעהט זיך שוין דער שלאָס! — האָט זיא געזאָגט און איז באַלד געוועז ביי'ן שלאָס.

גלייך וויא זיא איז אהין אנגעקומען איז זיא ארוף אויף דיא טרעפּ פון טהורם און האָט גענומען ציהען דעם גלאָק מיט אלע קרעפטע, דאס עס האָט גענומען קלינגען איבער דער גאַנצער נאַכבאַרשאַפט.

באַלד איז זיא מיעד געוואָרען אין איהר ארבייט, זיא האָט אנגעשפּאַנט איהר קאָפּף צום קאַלטען וואַנד און האָט דערפיהלט אַ קעלט אין אלע אידרע אדערען אלעס, האָט זיך אנגעפאַנגען צו דרעהען, דיא אַלטע בוימער וואָס האָבען דעם שלאָס ארומגערינגעלט האָבען גענומען טאַנצען פאַר איהרע אויגען און דער שלאָס אליין האָט אנגעפאַנגען צו ציטערין, שוואַרצע שלייער זיינען געפאַלען פאַר איהרע אויגען, זיא האָט געפיהלט דאס זיא איז נאהנט צו איין אהנמאכט, דאנענגען אבער האָט זיא זיך אנגעשטרענגט מיט איהר גאַנצען ווילען זיא וויל ניט ווערען אהנמעכטיג, זיא וויים אַז פיעלייכט איז ווערנער'ס לעבען דער פון אבהענגען, איין מינוט פריהער קען הייסען אלעס.

מיט אַ געוואַלטיגע קראַפט האָט זיא זיך אויפגעהאַלטען און האָט וויטער געקלונגען, דער גאַנצער שלאָס איז אויפגעשטאַנען אין אלע זייטען האָט זיך בעוויזען פינגער, מהירען וואָרען האַסטיג געעפענט שריט האָבען געשאָלט איבערין קאָרידאָר, דיא הויז טהיר איז האַסטיג אויפגעשלאָסען געוואָרען, און סילוואַ האָט ארום זיך דערזעהן אלע דינער.

— גראַף ווערנער איז פעראונגליקט! האָט זיא אויסגעשריען, זיין פערד איז געקומען אליין מיט דעם וועג פון פעלזאָג, ווען איהר זייט מענשען,

D. BACK,
20 SCOTT STREET,
GARDENS,
CAPE TOWN.

ווען איהר האָט הערצער, דאַן קומט שנעל מיט מיר, צונד אָן פאַקעל ליכט נעהמט מיט אַ בעט. ליילעבער, באַנדאַזשען, ווײַן און קאָניאַק. ערבאַרימט אײַך איבער מיר, האָבט מיטלייד מיט מײַן אונגליק, פיעלייכט קענען מיר איהם נאָך רעטען שנעלל שנעל, אום גאָטעס ווילען שנעל.

די דינער האָבען אויסגעשריען פון שרעק, אָבער סילוואַ האָט אויס־געשריען.

— יעצט איז ניט די צייט צו ווײַנען. ווילט איהר זײַן זײַנע מערדער? אויף! אויף! קומט מיט מיר! פיעלייכט איז אונז נאָכט גנעדיגט, פיעלייכט טרעפען מיר איהם נאָך אַ לעבעדיגען

וועהרענד זי האָט דיעזע ווערטער אויסגעשריען האָט זיך באַראָז ענאַן גע־וויזען צווישען די לייטע.

— וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער צופאַל! — האָט ער צו זיך געדאַכט, דיעזע שעהנער מערבען האָט ענדעקט די ערסטע דאָס מערבען׳ס טויט. זי איז געוויס זײַן געליבטע! ווי שעהן זי איז! וואָס פאַר אַ פורכט בליצט פון איהרע אויגען, ,ועט זיך געפינען אַ מענש וואָס וועט ווען עס איז אַזוי זאָרגען וועגען מיר?

וועהרענד ענאַן האָט זיך בעשעפטיגט מיט דיעזע געדאַנקען זײַנען די דינער דורך סילוואַ׳ס אויפפאָדערונג גאַנץ אויפגעוואָרימט געוואָרען, ניט ווילענדיג האָט יעדער געפאָלגט די אַנאָרדנונג פון דער שעהנער מיידעל, גאַנץ רויטה האָבען געברענט די פייערען און דער טרויעריגער צוג האָט זיך געלאָזט געהן, אַלעמען פאָראויס איז געגאַנגען סילוואַ, די אַנגסט פאַר איהר מאַן האָט איהר געגעבען פיעל קראַפט, איהרע אויגען האָבען געלויכטען ווי צוויי זאַנגען, פון איהר גאַנצען וועזען האָט זיך אַרויסגעזעהן אַזאַ ענערגי, און אַזאַ מוטה, דאָס זי האָט גאָר ניט אויסגעזעהן ווי אַ שטערבענדע מעד־כען, זאָנדערן ווי איינע פון די שעהנע געטענס.

ווען דער צוג איז נעקמען צום פעלזען ווענ, זײַנען זייערע שריט גע־וואָרען קלענער, מיט שרעק האָט סילוואַ אַרייגעקוקט אין די שטיינער און איהרע שאַרפע אויגען האָבען דערזעהן איינינע בלוט טראָפּענס, וואָר עס דאָס בלוט פון איהר געליבטען?

ניין, זיא האָט פערשטאַנען אַז דאס איז דאס בלוט פון דעם פערוואונ־דעטען פערד.

הארטער און ענגער איז געגאַנגען דער וועג, דיא בערג זיינען געוואָרען אימער העכער און דיא שטיינער שפּיצינער, אָבער סילוואַ איז אויף זיי גע־שפּרינגען אזוי שנעל וויא א הירש, דעם פאַקעל האָט זיא געהאַלטען אין האַנד, און מיט אַלע קרעפטען האָט זיא גערופען ווערנערס נאָמען.

אָבער וויא דיא נאַטור וואָלט מיט איהר וועלען שפּאַסען, אזוי האָט דער ווידער קול איהר צוריק געענטפערט: ווערנער! ווערנער!

— זיי מיר גנעדיג, באַרימהערציגער גאָטט! – האָט זיא געשריען, לאָז מיך איהם ווידער געפינען, נעהם פון מיר אַלעס אַ וועק, נור גיב מיר צוריק מיין ווערנער.

גאַנץ אָפּט איז זיא געווען אין געפאהר צו פאַלען אין אַבגרונד. מעהר וויא איין מאָל האָט זיא זיך אויסגעגליטשט, אָבער זיא האָט ניט געדענקט פון דער געפאהר וואס שוועבט ארום איהר לעבען, זיא האָט זיך גאר ניט געקימערט וועגען זיך. אַלע איהרע געדאַנקען וואַרען נור וועגען ווערנער, יעדע מינוט האָט זיך איהר געדאַכט אַז זיא האָט דערזעהן איהר געליבטענ׳ס קערפּער, און איהר הארץ האָט דערביי שיער געפּלאַצט.

מיט דיעזע שרעקליכע געדאַנקען האָבען זיי עררייכט דעם טייפעלס גרוב, סילוואַ וואר דיא ערסטע וואס האָט דערזעהן דיא בלוטיגע שטיינער, זיא האָט אויך בעמערקט, ווערנער בייטש, מיט איין ווילדען אויסדריק האָבען איהרע אויגען דאס דערזעהן און פון איהרע ליפּען האָט זיך אויסגעריסען א געשריי וואס וואר אזוי ווילד, אזא שמערצליך, אזוי טרויעריג.

— מיין ווערנער! דוא ביזט טויט! טויט! -- האָט זיא געשריען און איז געפאַלען בעוואוסטלאָז.

דיא דינער האָבען יעצט אויך בעמערקט דיא פערגאָסענע בלוט.

— אונזער אָרמער, גוטער הערר גראַף! האָבען זיי געשלוכצט, האָט ער אזוי פריה בעדאַרפט פערלירען זיין לעבען!

— זיין קערפּער קענען מיר זאָגאר ניט צוטהיילען דיא לעצטע עהרע! זיין יונגער שטאַרקער קערפּער, ליעגט דארט אונטען אין טייפעלס גרוב, וויא קיין

מענש איז נאָך ניט געווען, דיא חיות וועלען זיך זעטיגען מיט זיין פלייש, און זיינע ביינער וועלען ליעגען פריי פאר דער זון.

אלע האָבען געוויינט און געקלאָגט, זיי האָבען בעוויינט דעם עדעלען גראף וועלכען זיי האָבען ניט געזעהן און ניט געקענט ברענגען צו זיין רוה. אָבער זיי ווארען איבערצייגט אז ער איז אריינגעפאלען אין טייפעלס גרוב און ליעגט דאָרט טויט.

זיי האָבען אויך בעוויינט דעם שיקזאל פון זיין געליבטע וועלכע איז געוואָרען איין אלמנה נאָך איידער זיא האָט געהייראטה, זיי האָבען זיא גאַנץ צערטליך בעטראכט, און האָבען געזעהן וויא שווער זיא אהנמעכטיג.

מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט האָבען זיי אַוועק געלעגט דיא אונמעכטיגע סילווא אויף'ן טראגבעט, וועלכע וואר פאָרבערייט פאַר דעם גראף ווערנער און זיינען מיט איהר א וועק צוריק.

ערסט געגען פריה מאָרגען זיינען געקומען צום וואלד וועכטערס הויז וואו אלעס איז נאָך געווען שטיל, איינער פון דיא דינער האָט אנגעקלאפט אין דיא לאָדען און האָט אויפגעוועקט דיא פרוי, דיא פרויא האָט זיך האסטיג אנגעטהון, האָט געעפענט דיא לאדען און דיא פענסטער און האָט געוואָלט פרעגען וואס דער הערר ווינשט, אָבער זיא איז געבליבען דערשלאָגען אלס זיא האָט אויף'ן בעט דערזעהן דאס מעדכען, זיא האָט געגלויבט אז איהר טאָכטער שלאָפט רוהיג אין איהר צימער, און יעצט האָט מען איהר געבראכט דאס קינד טויט אויף א בעט, איינע אויגענבליק איז זיא געשטאַנען גאַנץ לעבלאז אויף'ן אָרט, שנעל וויא א ווינד איז געלאָפען צום הויז טהיר און איז צו געפאלען צום בעט.

— איז זיא טויט! — האָט זיא געשטאַמעלט מיט שרעק.

— נור אָהנמעכטיג! — האָט עדוואַרד געענטפערט.

— וויא קומט זיא אַהער? — האָט דער וואלד וועכטערס פרוי געפרעגט און האָט געקוקט אין אלע זייטען וויא א צומישטע.

— דאס פריילין איז אום עלף אוהר געקומען אין שלאָס! — האָט איינער פון דיא מענער געענטפערט. — זיא האָט אונז מיט געטהיילט דאס דעם גראף'ס פערד איז געקומען אליין, מיר האָבען דעם גראף געזוכט —

— איז גראף ווערנער פעראונגליקט! — האָט דיא פרוי אויסגערופען

מיט שרעק, וואו איז ער? ווארום האָט איהר איהם ניט נעבראכט?

— ווייל! — האָט דער אלטער געענטפערט און צווי טרעהרען זיינען ארויס־געפאלען פון זיינע אויגען. ווייל אונזער גראף ליענט צערשמעטערט אין דער טייפעלס גרוב.

— בארימהערציגער גאָט! — האָט פרוי הערוואָרד געשריען מיט שמערץ מיין ארמעס אונגליקליכעס קינד! — ווארום מוז איך לעבען אום אזוי פיעל צו ליידען.

זיא איז געפאלען וויא דערשלאָגען אויף'ן בעט.

דיא געשרייען האָבען אויפגעוועקט דעם וואלד וועכטער.

— פאול! — האָט דיא פרוי צו איהם געשריען, הייטע איז א טרויעריגער טאָג, הייטע איז אונזער טאָכטער געוואָרען א וויטווע איידער איך האָב זיא אויסגעפוצט מיט דעם שלייער. הייטע האָט זיך אויסגעלאָשען דער שטאָם פון גראף ווילדענשטיין, גראף ווערנער איז טויט!

18טעס קאַפּיטעל.

וואנדערער בעט פאר דיא רוהע פון זיין זעעלע.

מיט שרעק האָט דער וואלד וועכטער אויסגעהערט זיין ווייב'ס ער־צעהלונג.

— גראף ווערנער, דער בליהענדער, קרעפטיגער מאַן איז טויט. האָט ער געפרעגט מיט שרעק. ווען איז ער געשטאָרבען?

— עס האָט איהם געטראָפען איין אונגליק. — האָט איינער פון דיא די־נער געענטפערט, און האָט ערצעהלט אלעס וואָס ער וויים.

— גאָט זאָל איהם געבען דיא אייביגע רוהע. — האָט הערוואָרד געמורמעלט. ער איז געוועזען איין עדעלער, גוטער יונגער מאַן.

ער האָט גענומען דיא סילוויא צערטליך אין ארם און האָט זיא געטראָגען אין הויז, אין דעם שעהנעם צימער אין וועלכען זיא האָט אזוי אָפט געשלימערט. ער האָט דיא אהנמעכטיגע א וועקגעלעגט אויף'ן בעט און האָט זיך דאן ענט־פערנט, אום צו איבערלאָזען זיא אליין. פרוי הערוואָרד האָט געלאָזט רופען

איהר דינסט אין האָט אויסגעטהון איהר קינד און האָט איהר אריינגעגעבען איי־נינע קרעפטיגונגס מיטלען, סילווא האָט געעפענט איהרע אויגען, אָבער זיא האָט ארויסגעקוקט אזוי צומישט און פערשטערט, ווילדע ווערטער זיינען ארויס פון איהרע ליפען. איהר שטערן און איהרע הענד האָבען געברענט וויא פייער און איהרע קליינע פיס ווארען קאַלט וויא אייז.

הערוואָרד האָט דערוויל געשיקט אין שטאָדט נאָך דעם דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז באלד ערשינען, האָט ארויסגעגעבען געוויסע מעדיצינען און האָט ערקלעהרט דאס איין שטאַרקער נערווען פיבער קומט איבער סילוואַן און נור דיא גרעסטע פאָרזיכטיגקייט קען זיא ערהאַלטען ביי׳ן לעבען.

זיינע פירכטונגען האָבען זיך ערפיעלט, דער פיבער איז געשטיגען און אם אבענד האט עס עררייכט אזוי הויך, דאס הערוואַרד איז אליין געפאהרען נאָך דעם דאָקטאָר. דער דאקטאר איז זאָפאָרט געקומען. אָבער ער האָט קיין ערלייכטערונג געבראַכט.

סילווא האָט פורכטבאר געליטען זיא האָט שטאַרק פאַנטאַזירט, אט האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט אז א פלאם פייער טהיילט זיא אפּ פון איהר גע־ליבטען און דאָך רייסט זיא זיך צום געליעבטען, זא האָט זיא זיך געוואָרפען אין דיא פלאמען, דאס פייער האָט א רומגענומען איהרע קליידער, איהרע לאַנגע האאר און האָט דערפיהלט זייער פייער אויף איהר געזיכט.

—־ אך, וויא דאס האָט געברענט און געשמערצט.

וויא שווער און ערשטיקט דער רויך איז געווען אויף איהר ברוסט, ווער האָט דאן ניט געדארפט אנטלויפען פון דיעזען פירכטערליכען טויט.

אבער סילווא האָט עס ניט בעדארפט דארט, אויף יענעם זייט איז געשטאַנען ווערנער און האָט צו איהר געוואונקען מיט זיין האַנד. זיא מוז לויפען זאָנסט וועט זיא איהם קיין מאל ניט ערהייכען, אַלע איהרע קרעפּטען האט זיא צו זאמענגענומען און איז געלאָפען דורך דעם פייער, אבער דיא פלאמען האבען געטריבען אין דער הויך, זיא האָט אראפגעלאָזען איהר הויכען קאָפּף אין איהר גאנצער קערפער האט געברענט. אה, וואס פאר א ווייטאָג נור איין טראָפּען וואסער אום דעם פייער צו קיהלען, פּלוצלונג דאָט זיך געעפענט דער הימעל און א שטראם וואסער האט זיך אויסגעגאָסען פון הימעל, זיא האט געוואָלט אויסשרייען פון גליק, זיא האט געוואָלט אויסשרייען פון גליק זיא האָט

געוואָלט צוזאַמענלעגען איהרע הענד און דאַנקען, אבער! וועה עס וואַר קיין קאַלטעס וואַסער, עס איז אייז, וואָס מאַכט איהרע גליעדער אזוי שטאַר! דאָס בלוט וואָס האָט נאָך געזאָטען און געברענט איז פערפראָרען געוואָרען, זיא וויל נור איין געבעט מעהר אויסשטאַמלען נור איין געבעט מעהר אויס־שטאַמלען, זיא וויל נור ווערנער׳ס נאַמען ארויסריידען, אבער דיא קעלט האָט גערויבט איהר זינען, זיא האָט געפיהלט דונקעל, דאָס זיא האָט געמיינט אז איהר לעבען ווערט פערלאָשען, און דאָס דער טויט קומט אויף איהר אָן.

א געוויסע צייט האָט זיא פערבראַכט אין דיעזען צושטאַנד פּלוצלונג איז דיא פאַנטאַזיע אַרום איהר פערענדערט געוואָרען, זיא האָט זיך גע־זעהן אַרם אין אַרם מיט איהר ווערנער, זיא האָט געהערט דיא ווערטער פון איהר געליעבטען זיא פיהלט זיינע קיסע און זיא קוסט איהם צוריק. מיט ערשטוינען האָט זיא געמערגט דאָס ווערנער האָט צוויי גרויסע פליגלען אויפ׳ן רוקען.

— וואַצו דאַרפסט דוא דיעזע פליגלען? האָט זיא איהר געליבטען מאַן געפרעגט.

— איך טראָג זיי, אום מיט דיר צו לויפען אין הימעל, האָט ער גע־ענטפערט און האָט זיא ארונטער גענומען מיט ביידע הענד, און וויא שנעל זיינען זיי געלאָפען צום הימעל, אך וויא שעהן דאָס איז צו לויפען אין דיא לופט אבער וועה, ווערנער׳ס קרעפטען זיינען אונטערגעגאַנגען, זיא וויל זיך ארויסרייסען פון זיינע הענד, דען זיא דענקט, דאָס אליין ערדייכט ער דעם הימעל בעסער אבער ווערנער האָט געטראָפען וואָס זיא דענקט און האָט זיא געהאַלטען פעסטער.

— האָב קיין פורכט געליבטע! — האָט ער געזאָגט צערטליך, איך בין שטאַרק.

ווירקליך האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע קרעפטען און זיי זיינען וויעדער געלאָפען פאָרווערט׳ס אבער נאָך איינינע שטונדען האָט זיא איהם געזעהן בלייך און פון הימעל איז ער מיט איהר געזונקען טיעף אין אַפּגרונד, אין טייפעלס גרוב, אזוי שנעל פאַלט ניט דער בליץ וויא זיי זיינען יעצט געפאַלען, נאָך

איין מאָמענט און זיי ליעגען טויט אין גרוב, שוידערענד האָט זיא געשלאָסען דיא אויגען, זיא וויל ניט קוקען.

— אין טויט בין איך דיינע! האָט זיא געמורמעלט.

וועהרענד דיעזע געדאַנקען האָבען זיא געפּיינינט און זיא האָט געשוועבט ביי'ן ברעג פון קבר האָט ענגאַן שוין אנגעפאַנגען צו געניסען פון זיין פערברעכען ער איז געגאַנגען פאַרזיכטיג צו דער ארבייט, ער איז געווען א געשיקטער שוישפּי־לער און איהם איז געוואָרען שווער צו מאַכען זיך וויא ער וויינט פון דעם גראַף'ס טויט, ער האָט געוויינט אז דאָס הערץ האָט געבראָכען, דאָס דיא הויז מעדכען האָבען איהם מיט דער גרעסטער מיטלייד בעדויערט יא ער האָט זאָגאר ניט געוואָלט עסען, ער האָט זיך איינגעוויקעלט אין שוואַרצען און האָט געשיקט טרויער קליידער צו אלע פערוואַנדטע, דיא דינער זיינען פערקליידעט געוואָרען אין טרויער און אין דער קירכע האָט ער געהייסען לאַנג בעטען און טהיילען פאַר דעם טויטענס זעעלע.

אין גאַנצען געגענד האָט מען נור געשפּראָכען פון דעם רייכטהום וואָס דער טויטער האָט איבערגעלאָזען און פון דיא אונגליקען וואָס האָט געטראָפען אין קעניגסוואַלדאו.

איבער דעם טייפעל'ס גרוב האָט מען א וועקגעשטעלט א צלום מיט דעם אויפשריפט: היער איז אם 17טען יולי 1884 אומגעקומען גראַף ווערנער פאָן וואַלדענשטיין אין קעניגסוואַלדאו אום עלטער פון 24 יאהר. וואַנדערער בעט פאַר זיין זעעלע.

דיא דאָרפ'ס מיידלעך האָבען געפלאָכטען בלומענקרענצע און האָבען דערמיט געפוצט דעם צלם און קיינער איז דעם אָרט ניט פאַראיבערגעגאַנגען אהנע צו בעטען פאַר דעם טויטענ'ס זעעלע נור איינער איז דעם פּלאַץ פאַראיבער און האָט געלאַכט, דיעזער איינער וואַר גראַף ערגאָן, ווערנער'ס יורש.

אַס געריכט האָט זאָגאר אריינגעשטעלט איין אודמיניסטראַטאָר, וועלכער האָט געפיהרט אלע רעכנונגען פון פּלאַץ. אבער ענגאָן איז פון אלע זייטען בעטראַכט געוואָרען אלס דער געזעצליכער ערבע פון פּלאַץ, און פון אלע זייטען איז פאַר איהם ערעפענט געוואָרען א קרעדיט.

מען האָט איהם געגלויבט וואָס ער האָט דיא טרויער צייט פערבראַכט אין קעניגס וואַלדאו אבער קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס איהם האָט דאָרט

געהאלטען, ער האָט געמוזט געוואלט זיין איבערציינגט אין גראף ווערנער'ס טויט איידער ער האָט דעם גענעגד פערלאסען.

19טער קאפיטעל.

אונטער דער ערד.

וועהרענד ענאן האט פאנטאזירט פון צוקונפטיגען גליק האט ווערנער פערבראכט פינסטערע און אונגליקליכע טעג.

דער אונטער אירדישער קעלער אין וועלכען ער האָט פערבראכט, וואר איין גראָסער הויבער צימער, וועלכער האָט ניט געהאט קיין פענסטער און קיין טהיר. דער צוגאנג צו איהם איז געווען דורך דער פאלל טיהר, וועלכע וואר צוגעריכט אין צימער, דיעזע פאַל טהיר וואר אזוי אויסגעבויט דאס זיא האָט זיך נור פון דרויסען אויפגעעפענט, דערצו האָט דער געפאנגענער ניט געקענט ערגרייכען דיא טהיר מיט דער האנד. ער האָט אויך ניט געקענט וויסען וואו דיא טהיר האט זיך געפינען, אזן האָט אויף קיין פאל ניט געקענט פרובירען עפינען דיא טהיר.

אנפאנגס האָט ווערנער ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך, וויל א געריכטע פינסטערניס האָט איהם ארומגערינגעלט, אבער ביסלאכוויים האָט ער זיך צוגעוויינט צו דיא פינסטערניס און ער האָט געקענט ערקענען דעם גענענד וואו ער געפינט זיך.

וואס ער האָט געזעהן וואר טרויעריג גענוג, דיא ווענד און דיא ערד וואר פון הארטע שטיינער, א שטארקער גלאטער שטיין האָט געדינט פאר א טיש, און דער טיש וואר אזוי גרויס און שווער דאס מען האָט איהם ניט גע־קענט ריהרען פון ארט.

דיא בעט איז געווען ריעזען גרויס און וואר צו געפעסטיגט צום וואנד מיט לאנגע אייזערנע שטאנגען אין עס וואר אונמעגליך אהן געצייג צו ריהרען זיא פון אָרט.

זיין וואשגעשיר איז בעשטאנען פון האלץ, ווערנער האָט געציטערט פון צארן אלס ער האָט זיך בעדאכט וויא מען האָט זיך געגען איהם בענומען.

מען האָט איהם געגעבען האַלץ געשיר וויל פּאַרצעליי וואָלט ער צו בראָכען אין טויזענד שטיקער און נאכדעם וואָלט ער געעפענט זיינע אדערן מיט דיא שערבלאַך.

— און איך וועל דאך ניט טהון וואס דוא וויכסט! — האָט ער געדאכט און אייז אונענדליכער צאָרן האָט איהם ערפּיעלט געגען זיין גראס פאטער.

וויא קען דער אַלטער הערר זיין אזוי גרויזאַם געגען איהם, וויא קען ער דעם לעצטען פון זיין שטאַם לאָזען פערשמאַכטען אין קערקער.

— וועלכען פערברעכען בין איך בעגאַנגען ? — האָט ווערנער געדאכט און האט געקריצט דיא ציין, איין צעהנפאַכען מערדער איין שענדליכען פעררעטהער פון זיין פאטערלאנד ניט מען לופּט און ליכט, מיר אָבער ווערט דיעזעס אויך בערויבט! אָבער קיין מאכט אין דער וועלט, זאל מיך דער צו בעוועגען. איך זאל בלייבען אונגעטריי מיין סילווא. אך וויא זיא וועט זיך אום מיר זאָרגען, מיין זיעסע, געליבטע, זיין שעהנע טהייערע כלה.

מיט דער עראינערונג אן סילווא, איז זיין מוטה אוז גאנצען צערבראכען געווארען, א טרעהר האט זיך בעוויזען אין זיינע אויגען, און אבוואהל ער וואר א מאן דאך האט ער זיך ניט געשעהמט צו וויינען.

טעגליך האט ער ערוואַרטעט דעם בעזוך פון זיין גראס פאטער, טעגליך האָט איהם זיין האפנונג גענארט, ער האָט זיין קעוקער מייסטער ניט געזעהן, און יעדע נאכט האט ער בעמערקט וויא איין שטאָלע גראטע ווערט אראָפּגעלאָזען פון אויבען און צאמט ארום דיא בעט. ער האָט דאן געהערט שריט אין פאָדערגרונד, א שיין פון א לאַנטערנע פלעגט זיך בעווייזען, ער האט געהערט וויא א פערזאָן קריכט ארום, אָבער אויף אַלע זיינע געשריען און פראגען האָט ער קיין אנטוואָרט ערהאַלטען, ער פלעגט דיא גראטע תאפּען רייסען מיט אַלע קרעפטען, אָבער דיא גראטע האָט ניט נאכגעלאָזען, און אַלע זיינע קולות און געשרייען, זיינע בעשווערונגען און ביטען זיינען געבליבען אונבעאַנטוואָרטעט.

מיט שרעק האָט ער דאן געהערט וויא א שווערער לייטער ווערט געצאגען אין דער הויך, און וויא דיא גראטע שלעפּט זיך ארויף אין דער הויך, דאס ליכט און דער קערקער מייסטער ווערען פערשוואונדען אוז דיא פאל

טהיר ווערט געשלאָסען. אויף׳ן שטיינערנעם טיש האָט ער דאן געפינען קאַל־טעס וואסער, געבראטענע פלייש און הייסע קאפּע, דער געפאנגענער איז ווידער פערזאָרגט געוואָרען מיט שפּייז אויף א טאג. ער האָט געהאט צו עסען און צוטרינקען, אָבער דאָך ווארען זיינע קוואלען גרעסער, וויא דיא קוואלען פון הונגער און דורסט.

דיא שרעקליכע איינזאמקייט אין דיא טרויעריגע פינסטערניס וואס האָט איהם ארומגערונגעלט האָבען איהם באלד אראָפּגעבראכט פון זינען, ווען ער וואלט געהאט א בעשעפטיגונג, ווען ער וואָלט קענען פערברענגען דעם טאָג אין ארבייט, זאָ וואָלט ער געוועזען ניט אזוי אונגליקליך. אָבער ער איז פער־דאמט געוואָרען צו זיטצען לעער, ער וואָלט געוויס א וועק געגעבען פיעלע יאהרען פון זיין לעבען, ווען מען וואָלט איהם געלאָזט א קוק טהון אויף׳ן בלאָען הימעל, ווען ער וואלט קענען זעהן דעם וואלד און וואָלט געקענט אטהעמען עטוואס פרישעס לופט, אָבער אלעס ארום איהם וואר נור קאלטער, הארטער שטיין.

— ווער איז הארטער און געפיהל לאָזער, דיעזער שטיין אדער מיין גראס פאטער? — האט ער אפט צו זיך געדאכט.

מען האט פון איהם צוגענומען זיין טאשענמעסער, צום טיש האט מען איהם קיין מעסער און קיין גאפּעל ניט געגעבען, ער האט ניט געהאט קיין נאגעל, קיין גלאָז און קיין שערבעל מיט וואסער זאל זיך קענען עפענען דיא אדערען. דער צו האט ער ניט געוואלט שטארבען, ער האט געוואלט לעבען, לע־בען פאר זיין טילוואָ.

אזוי וויא ער האט דיא גאנצע צייט פערבראכט אין זיטצען און טראכ־טען און האט ניט פּרובירט ארום געהן אין זיין פלאטץ, זאָ איז פון איהם באלד א וועק דער שלאָף. פיעלע לאנגע נעכט האט ער פערבראכט און דענ־קען און טראכטען פון זיין גראס פאטער, וועלכער וועט זיך דאָך איבער איהם ערבארמען און וועט איהם בעפרייען.

אָך, ער האט דערפון גאר קיין אהנונג געהאט דאס זיין גראס פאטער ליעגט שוין טויט אין דער ערד!

אלס זיין האפנונג צו זעהן זיך ווידער מיט זיין גראס פאטער האט איהם בעטראָגען האט ער אנגעפאנגען צו טראכטען וועגען א פּלאן צו אנטלויפען.

ער האָט נור געקענט אַנטלויפֿען ווען זיין קערקער מייסטער וואר אין זיין צימער, דען דאן וואר דיא טהיר אָפען און דער לייטער איז געשטאַנען ביי'ן טהיר. אָבער דיעזע געלעגענהייט צו אַנטלויפֿען האָט מען פֿון איהם אַוועק גענומען דער מיט וואָס מען האָט זיין בעט אַרומגעצאַמט מיט אייזערנע דראָטען.

וויא אַזוי קען ער פֿערהינדערען דאס דיא טהיר זאָל ניט אַראָפּגעלאָזט ווערען? ווען ער וואָלט נור געהאט עטוואס אונטען צושטעלען אַזוי דאס דיא גראַטעס זאָלען ניט אַרונטערפאַלען ביז דער ערד? אָבער אויסער דעם שטיינערנעם טיש און דיא בעט האָט ער קיין מעבעל ניט געהאט.

אָבער ענדליך איז איהם אַריינגעפאַלען דער געדאַנק ער זאָל ביי נאַכט ניט געהן אין בעט. ער האָט אַראָפּגענומען דיא בעט צייג און האָט זיך געלעגט אין אַ ווייטען ווינקעל פֿון קעלער, ער איז אַזוי דאָרט געלעגען שטונדע איבער שטונדע, קיין צייבען, קיין זייגער, קיין גלאָק האָט איהם אָנגעזאָגט דיא צייט, איהם האָט אַרומגערונגעלט דיא נאַכט, דיא פֿינסטערע נאַכט פֿון קבר.

— אַך, האָט ער געמורמעלט, ווען איך שמאַכט דא אין געפֿענגניס, האַלט מיך מיין סילוואַ פֿאַר אונגעטריי.

דיעזער געדאַנק איז פֿאַר איהם געווען גאַנץ אונערטרעגליך, ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין געלעגער און האָט אָנגעפאַנגען אַרום צו געהן הין און צוריק.

ענדליך האָט זיך דערהערט איין שטילער גערויש. ווערנער האָט זיך אַזוי שטיל וויא מעגליך צוגעשפּאַרט צום וואַנד, באַלד איז דיא טהיר גע-עפֿענט געוואָרען אין דער שיין פֿון אַ לאַנטערנע האָט זיך בעוויזען, באַלד האָט ער געזעהן וויא אַלאָזיוס קריכט פֿון לייטער.

מיט איין קלאַפּענדע הערץ האָט איהם ווערנער בעטראַכט, ער וואר בע-רוישט, ווערנער האָט בעשלאָסען צו בלייבען אין זיין אָרט ביז דער קערקער מייסטער וועט אַראָפּ פֿון דעם לייטער, דאן האָט ער זיך געוואָלט אויף איהם שטירצען, קעמפּפֿען אויף לעבען און טויט, און איהם ענטוועדער בעזיעגען,

און ווען דאס איז אונמעגליך זאָל ער איהם אונטערקויפען ער זאָל איהם בעפרייען.

שוין איז אלאָזיוס אראָפּ א שטיק לייטער אלס זיין שארפע אויג האָט דערזעהן דעם גראף.

— פון מיר איז קיין חיה אנטלאָפען! — האָט ער געמורמעלט, — דיעזער הירש דענקט אז ער וועט זיך פון מיינע הענד אויסדרעהען.

הויך ער דאן געזאָגט:

— הערר גראף, ווען איהר וועט זיך ניט זאָפאָרט לעגען אין בעט זא מוז איך מיך אומקעהרען און לאָזען אייך פאסטען גאנצע פיער אונד צוואנציג שטונדען.

וואו איז געהארד! — האָט דער גראף צוריק געפרעגט, — שיקט מיר מיין געהארד.

— געהארד וועט ניט אזוי שנעל זיין צו זעהן! — האָט אלאָזיוס גע־ענטפערט.

— געה צו איהם! — האָט דער גראף אויסגערופען, — איך בעפעהל עס דיר.

— זייט מיר גנעדיג הערר גראף! — האָט אלאָזיוס געזאָגט, — געהארד איז טויט.

— טויט! — האָט ווערנער געפרעגט.

א טרויעריגע פויזע האָט געהערשט.

— פּלוצלונג האָט דער גראף געפרעגט מיט שרעק:

— און מיין גראספאפא, ער איז דאָך ניט קראנק!

— זייט מיר גנעדיג, דער גראָספאפא איז אם 16טען יולי שוין א וועק פון דער וועלט, האָט אלאָזיוס געענטפערט.

וויא א דאָנער האָט דעם גראף געטראָפען דיא נאָכריכט.

— דארום איז זיין גראָספאפא ניט ערשינען, דער טויט האָט איהם א וועק געריסען, ער איז א וועק פון דער וועלט אהנע זיך מיט איהם צו פערזעהען, אך, וואָס וואָלט ער געגעבען, ער זאָל זיין גראספאטערס האַנד קענען אומארמען, ווען ער זאָל מיט איהם קענען ריידען א וואָרט.

אה און גראב האָט יעצט געשאלט דיא שטימע פון קערקער מייסטער.

— הערר גראף! — האָט אלאזיוס געשריען, נעהט צוריק אין בעט דאס איך זאָל קענען אראָפּ לאָזען דיא גראטע.

— אלאזיוס! — האָט דער גראף געבעטען, — לאָז מיך פריי, וואס האָסט דוא פון מיין געפאנגענשאפט, זיי אָפען, זאָג עס מיר ארויס און איך שווער דיר דאס איך וועל דיר בעצאהלען דריי מאל וויפיעל דיא ערוואַרטעסט.

אלאזיוס האָט געשאָקעלט זיין קאפּף.

— איהר וועט מיך לאָזען איינשפּארען הערר גראף! — האָט ער געזאָגט.

— איך גיב דיר מיין עהרענוואָרט אוף דעם, דאס דיעזעס וועט ניט געשעהן! האט דער יונגער גראף געענטפערט, ביי מיין עהרע אלס עדעלמאַן שווער איך דיר, דאס דוא וועסט פאלשטענדיג ארויסגעהן.

— זייט מיר געגעדינט! האָט אלאזיוס געזאָגט, דאס זאגט איהר יעצט ווען איך זאָל אייך פריי לאָזען, זאָ וועט איהר מיר גלייך איינשפּארען, שפּארט אייך דיא מיהע איהר וועט אייער פערשפּרעכונג ניט האלטען.

— ווארום געטרויסט דוא מיר ניט? האָט דער געפאנגענער געפרעגט.

— איך האב צו אייך א צוטרויען! האָט ער געענטפערט, אבער קיינער האלט אזוי פערשפּרעכען, איהר מוזט מיך האסען וויא גיפט, קענט איהר פון מיר פערלאנגען איך זאָל מיין אייגענעם אונטערגאנג מאכען?

איך שווער דיר, דאס איך וועל דיר קיינע ליידען פערשאפען, — האָט ווערנע אויסגערופען, איך וועל דיך בעטראכטען פאר מיין וואהלטהער, גיב מיר מיין פרייהייט, איך וועל דיר.

ער איז געבליבען שטיל, דען דיא פאל טהיר האָט זיך פּלוצלונג צו געמאכט, אין קעלער איז געווארען פינסטער און אלאזיוס איז פערשוואונדען.

— לעבעדיג בעגראָבען! האָט ער אויסגעשריען, אה מיין גאָטט, מיין גאָטט לאָז מיך שטארבען!

20טער קאפּיטעל.

אין דעם טייפעלס גרוב.

א לאנגע צייט איז סילוואַ'ס לעבען געהאָנגען אויף א פאדים, ענדליך האָט געזאָגט איהר יוגענד קראפט איבער איהר קראנקהייט און פרוי הערוואַרט, וועלבע האָט איהר געליעבטע גאנץ געטריי אויפגעפּאסט האָט יעצט געדאנקט גאָטט וואָס איהר ליעבעס קינד וועט לעבען.

הייטע האָט סילוואַ צום ערסטען מאָל גערוהט אין דעם בעקוועמען לעהנשטוהל, וועלבען דער אַלטער וואלד וועכטער האָט גאנץ אליין געמאַכט.

איין טרויעריגע פערענדערונג איז פאָרגעגאנגען אין דער שעהנער מעדרען, איהר רונדע פאלע פארמע איז פערשוואונדען, איהרע באקען זיינען געוואָרען בלייך, איהרע פרישע אויגען זיינען געוואָרען דונקעל און שוואך, איהרע שעהנע האאר איז אפגעשניטען געוואָרען איהר שטימע וועלבע איז געווען שעהן און קלינגענד האָט יעצט געקלונגען מאַטט און שוואך, די קליינע ווייסע האַנד וועלבע איז געווען זעהר טהעטיג איז יעצט געווען זעהר שוואך און שווער.

אין איהר געזיכט האָט מען גאנץ ליכט געקענט לעזען דאָס סילוואַ האָט אפּגעענדיגט מיט'ן לעבען, דאָס זיא האָט אַלע האָפנונגען אויף דער צוקונפט בעגראָבען.

דיא לופט האָט איינגעשלעפערט דיא אונגליקליכע סילוואַ, איהרע אויגען האָבען זיך געשלאָסען און זיא איז גאנץ זיעס איינגעשלאָפען, אין זיעסער חלום האָט זיא געפיהרט צו ווערנער זיא האָט געזעהן דעם געליבטען, זיא האָט געפיהלט דעם דרוק פון זיין האַנד, זיינע ליפּען האָבען געזוכט איהרע ליפען ער האָט צו איהר געזאָגט א טויזענד זיעסע ווערטער, אבער פּלוצלונג איז דער גאַנצער טרוים פערשוואונדען, מיט טרעהרען האָט זיא אויסגעשטעקט דיא הענד נאָך דעם געליבטען.

— פערלאָס מיך ניט ווערנער! — האָט זיא געבעטען.

— איך מוז געליבטע! — האָט ער גאנץ שוואך צוריק געענטפערט.

ווייסט דוא ניט דאס מיין קבר וואַרט אויף מיר ? ווייסט דוא ניט דאס איך בין לעבעדיג בעגראָבען.

מיט שרעק האָט סילווא ערוואַכט, איהרע געדאַנקען האָבען זיך בע־שעפטיגט נור מיט ווערנערען, ער וואר דער געטרייסטער מענש, ער האָט דעם שווערסטען פערשפּרעכען געהאַלטען און ער זאָל ניט האַלטען דעם ערסטען היילינען פערשפּרעכען צו זיין געליבטע ? אונמעגליך ! ווערנער האָט איהר געגעבען זיין עהרענוואָרט דאס ער וועט ניט רייטען פאַר דעם טייפעל גרוב, דאַרום איז אונמעגליך דאָס ער איז דיעזע שטעלע פערביי גע־פאַהרען.

דיעזער געדאַנק איז געוואָרען אַלץ פעסטער און פעסטער אין סילווא. דיא הויפּט אורזאַכע און ליעבע איז דער צוטרויען און סילווא האט געטרויט איהר געליבט און גאנצען, זיא וואָלט בעסער ניט געטרויט איהרע אייגענע אויגען אַלץ דיא ווערטער פון איהר געליבטען.

איין גאַנץ אַנדער געדאַנק איז יעצט אריין אין איהר קאָפּף, זיא האָט זיך אנגעשטרענגט צו געניסען דיא שפּייזען וואס דיא מוטער האָט פאַר איהר פאַרבערייט. זיא האָט זיך אנגעשטרענקט דורכצוגעהן קליינע שטיקער וועגען, זיא האָט זיך דעם גאַנצען טאג אויפגעהאַלטען אויף דיא פרייע לופט זיא האָט געהיט אַלעס וואס דער דאָקטאָר האָט איהר פאָרגעשריבען און אין דריי וואָכען איז זיא צוריק געקומען צו זיך.

אין א געוויסען פריהמאָרגען האָט זיא געבעטען איהר פאָטער ער זאָל איהר ערלויבען צו נעהמען דעם וואגען, מיט דער העכסטער פריידע, דאס סילווא האָט איבער הויפּט איין וואונש האָט דער פאָטער געהייסען איינ־שפּאַנען דעם פערד.

— דאָס איז גוט, מיין ליעבעס קינד ! — האָט ער געזאָגט. — דיא רייזע אין דער שטאָדט וועט דיך עטוואס פרייער מאַכען, ווילסט דוא דאָרט עט־וואס איינקויפען ?

יא ליעבער פאָטער ! האָט סילווא געענטפערט.

— דאַן מוז איך דיר עטוואס מיטגעבען ! — האָט הערוואַרד געזאָגט, און האָט איהר דערלאַנגט א גאָלד שטיק, ווילסט דוא דיר קויפען נאָטען אָדער ביכער ?

— קיינע פון דאסביידע! — האָט סילוואַ געענטפערט.

— אַ אום וואָס האַנדעלט עס זיך דען? האָט דער וואַלד וועכטער נייגעריג געפרעגט.

— דאס איז מיין געהיימניס! — האָט סילוואַ געענטפערט.

— אַלזאָ איין איבערראַשונג! — האָט פרוי הערוואַרד אויסגערופען, — נון איך וויל פון דיר ניט פערלאַנגען דוא זאָלסט מיר אַרויס געבען דיין געהיימניס.

סילוואַ האט זיך אפגעזיפצט, אָבער זיא האט מיר געענטפערט א פיערטעל שטונדע שפעטער איז זיא אפגעפאהרען אין שטאדט, פרוי הערוואַרד האט זיא ניט געקענט בעגלייטען אבער זיא האט סילוואַ'ן אנגעגעבען געוויסע בעפעהלע וויא זיך צו היטען, און האט דעם קוטשער אויך אנגעזאגט ער זאָל אכטונג געבען דאס סילוואַ זאָל צוריק קומען אין פריעדען, דער קנעכט האָט פערשפראָכען צו טהון דאס בעסטע און איז אפגעפאהרען.

— פיהר מיך צום סיילער! — האָט זיא געזאָגט, אַלס זיא איז געקומען נאהענט צום שטאָדט.

אַלס סילוואַ איז אנגעקומען צום סיילער האָט זיא איהם געפרעגט אויב ער האָט איין סייל פון זיעבעציג מעטער לאַנג, ער האָט איהר געענטפערט דאס ער האָט קיין פערטיגען, אָבער ער קען עס מאַכען צו בעשטעלונג.

— גוט! — האָט סילוואַ געזאָגט. — מאכט איין סייל פון פינף אונד זיעבעציג מעטער לאַנג, ער מוז אָבער זיין זעהר פעסט פון אַלע זייטען, מוז זיך קענען גוט האַלטען און זאָל זיין אין אַלגעמיין פעסט און שטאַרק. וויא הויך קען מען שטעלען דעם פרייז?

דער סיילער האָט נאכגעטראכט און האָט געשטעלט דיא פאָדערונג, סילוואַ האָט בעצאהלט דעם פערלאַנגטען פרייז אונד האָט בעפאהלען מען זאָל צו שיקען דעם סייל אַזוי שנעל וויא עס וועט זיין פערטיג.

סילוואַ איז אַריין אין וואַגען און האָט בעפאהלען צו פאהרען נאך הויזע.

צוויי טעג נאכדעם איז איין מאַטראַז געקומען מיט אַ זאַק אויף'ן פּלייצע און האָט געבראכט דעם סייל.

וואצו האָט דאס פריילין בעשטעלט דיעזען סייל ? האָט פרוי הערוואַרד געפרעגט.

— צום קריכען ! — האָט דער מאַטראָז געענטפערט, — ער איז איין זעהר לאַנגער סייל, ער האַלט פינף אונד זיבעציג מעטער, האָט דער מאַטראָז ערקלעהרט. — נא דאס איז שווער, איך קען קוים אויסגלייבען מיין רוקען.

— געה אין קיך און לאָז זיך בעשטעלען איין פריהשטיק ! — האָט פרוי הערוואַרד געזאָגט און האָט נאָך אַלץ ניט געוואוסט צו וועלכען צוועק איהר טאָכטער דאַרף דיעזען לאַנגען שטריקענעם לייטער.

זיא האָט ארויסגענומען דעם סייל פון זאק און האָט איהם בעטראַכט פון אַלע זייטען.

— באַרימהערציגער גאָטט ! — האָט זיא אויסגעשריען, אויף אַזעלכע לייטער קריכען מוטהיגע מענער אין טיעפען אבגרונד, קיין צווייפעל, סילוואַ וויל זיך אַראָפּלאָזען אין טייפעלס גרוב אום צו זוכען דיא לייכע פון איהר געליבטען, אַך מיין קינד, מיין קינד ! האָב איך דיך צוליעב דעם ערצאָגען מיט אַזוי פיעל אום דוא זאָלסט שטאַרבען מיט אַזא שרעקליכען טויט.

פאַר איהרע אויגען האָט זיך יעצט פאָרגעשטעלט א שרעקליכע בילד זיא האָט אין איהר פאַנטאַזיע געזעהן וויא איהר ליעבלונג ליעגט בלייך און צו בלוטיגט אין טיעפען אבגרונד און איין שווערער זיפץ רייסט פון איהר האַרצען פרוי הערוואַרט האָט געליבט סילוואַ'ן ניט וויא איין פרעמדעס קינד, זיא האָט זיא געהאַלטען פאַר איהר אייגענעס קינד און האָט זיא געליבט מיט איהר גאַנצער זעעלע.

סילוואַ איז אריין אין הויז און האָט געפונען איהר מוטער וויינענדיג, איין בליק אויף דעם טייל האָט איהר באַלד געגעבען צו פערשטעהן דיא אורזאַכע פון איהר מוטער'ס געוויין.

— קענסט דוא דאס אונז אנטהון מיין קינד ! — האָט פרוי הערוואַרט געקלאָגט. —

סילוואַ האָט זיך צו געביינט צו דער וויינענדער פרוי, האָט זיא ארומגענומען מיטביידע הענד האָט זיא גאַנץ הערצליך געקוסט און האָט געבעטען.

— פערצייע מיר מיין טהייערע מוטער! איך קען ניט אנדערש, זעה נור דיעזעס אונגעוויסהייט טויטעט מיך, ווען איך וועל מיך זעלבסט איבערצייגען דאס —

זיא איז געבליבען שטיל, איין מאָמענט און האָט געקעמפפט נאך אטהעם דאַן איז זיא אויפגעשפרונגען מיט איין אוננאטירליכע.

— ווען איך האָב מיך אליין דער פון איבערצייגט דאס ווערנער איז טויט דאַן וועל איך אננעהמען נאָטט'ס אורטהייל. איך וועל ארויסנעהמען זיין לייכע אום איך זאָל זיא עהרליך בעגראָבען. און וועל לעבען נור פאר זיין נערעבנים ניעמאלס וועל איך קלאגען איך וועל ערפיהלען יעדען וואונש וואס איהר וועט אויסשפרעכען, איך וויל אייך ארייגקוקען אין דיא אויגען, איך וועל מיינע ליידען פערשליסען אין מיין ברוסט, אבער איהר דארפט מיך ניט הינדערען, אויס צו פיהרען מיין בעשלוס.

— סילוואַ! האָט פרוי הערוואַרט גאנץ פערצווייפעלט אויסגעשריען, בעדענקט וואס פאר איין שריט דוא אונטערנעהמסט! נאך ניעמאלס האָט א לעבעדיגער מענש בעטראָטען דעם טייפעלס גרוב, קיין מאן וועט זיך וואגען אהין אראפצולאָזען. און דא איין שוואכעס מעדכען ווילסט דא דיין לעבען איינשטעלען? ווילסט דוא איבערטרעפען אין מוטה דיעזע אלע שטארקע מענער?

— מוטער! — האָט סילוואַ געענטפערט, איך ליעב מיין ווערנער, פיר איהם וועל איך טויזענד מאל געהן אין טויט, ווער וועט זיין לעבען פאר איהם וואגען ווען ניט איך! און ווען איך וואלט געהאט א טויזענד לעבענס וואלט איך זיי פאר איהם אפגעגעבען אום צו איבערצייגען זיך אויף געוויס איבער ווערנער'ס טויט.

איהרע אויגען האָבען געליכטען פון בעגייסטערונג, איהרע בלייכע באָקען זיינען רויטה געוואָרען, זיא האָט אויסגעזעהן זעהר שעהן.

ווען דוא ווילסט עס דורכאויס וויסען אויב גראף ווערנער געפינט זיך. האָט פרוי הערוואַרד געזאָגט, זאָ וועלען מיר בעשטימען א פאאר הונדערט גולדען בעלאהנונג, עס וועט זיך שוין געפינען איינער וואס וועט איינשטעלען זיין לעבען אום דיא בעלאָהנונג צו פערדינען.

— ניין מוטער! — האָט סילוואַ פעסט ערקלעהרט, דיעזע אויפגאַבע וועל

איך קיינם ניט פערטייען, אליין וויל זעהן מיט דיא אייגענע אויגען אויב ווערנערס קערפּער ליעגט אין טייפעלס גרוב.

— ווילסט דוא דען דורכאויס געהן צום טויט! — האָט דיא פרוי געפרעגט אויסער זיך פון שמערץ.

— מיין לעבען שטעהט אין גאָטעס האנד! — האָט סילווא געזאָגט, — ער האָט עס געגעבען און ער האט עס גענומען דאס איז זיין הייליגער ווילען, קום מיך מוטער גיב מיר דיין זעגען, איך געה צום טייפעלס גרוב.

— איך קען עס ניט ליידען! האָט פרוי הערוואַרד גאַנץ ענערגיש אויסגעשריען, דאס איז זעלבסט מאָרד.

— אך מוטער! — האט דאס שעהנע מעדכען געזאגט שווער מוטהיג, איך בין צו אונגליקליך אום צו שטארבען אזוי פריה, איך וועל זיכער דערלעבען איין הויכען אלטער, אבער וויא טרויעריג וועט זיין מיין צוקונפט, איך בין פרום און טהו גערן וואס גאָט הייסט, ווען ווערנער איז טויט זא וועט מיין הערץ צו איהם עוויג געהערען אבער מיין הערץ זאָגט מיר אז ווערנער לעבט, ווען איך וועל ניט געפינען זיין קערפּער אין טייפעלס גרוב, זא קען איך ווידער האפען.

און ווען דער לייטער צורייסט זיך ווען דוא געהסט ארונטער? האָט פרוי הערוואַרד געפרעגט. — אדער ווען דיין קערפּער ווערט צו שמירט אין א שארפען שטיין? וואס האָסט דוא דאן ערדייכט?

— דאן בין איך פעראייניגט מיט דעם מאן דורך דעם טויט צו וועמען איך האב ניט געקענט געהערען אין לעבען! האט סילווא געזאגט מיט אפענע אויגען, דאן איז דיא טיעפע טייפעלס גרוב געווארען אונזער שותפות'ער קבר.

אוים סילוואס אויגען האט געשפּראָכען אזא פעסטער ווילען, דאס דיא וואלד וועכטערין האט איינגעזעהן אז איהר קינד וועט קיין אנדער ראטה ניט אננעהמען.

— זא איז דיר דיעזער מאן טהייערער פאר דיין פאטער און מוטער! — האט זיא אויסגערופען מיט פארווירפע, אונזער אנגסט, און אונזער יאמער קימערט דיך זעהר ווניג, דיין איינציגער טראכטען איז נור וועגען איהם, וואס קען ער דיר זיין? מיר האָבען דיך געהיט וויא אונזער אויג אין קאפף. מיר

האָבען נור פאר דיר נעזאָרגט און נעשפּאָרט, מיר האָבען פון קיין גרעסערען גליק געוואוסט, אלס צו מאַכען דיין קינדהייט זאָל שיינען וויא דיא ליבּ-טינע זאָנע, אָבער אנשטאט דוא זאָלסט אונז דאנקען, נעהערסט דוא גאר אין גאַנצען איין גאַנץ אנדערען!

— סילוואַ האָט נעקוסט דיא האנד פון דער אויפגערעגטער מוטער און האָט געבעטען:

— ליעבע מוטער, זיי אויף מיר ניט בייז! זעה דוא האסט אויך פערלאסען דיין פאטער און מוטער אום צו נעהערען צו דיין מאַן, עס איז איין אלטער געזעץ, דאס איין פרוי גיט אַלעס אויף אום איהר מאַן צו נעהערען, דוא האסט געליבּט מיין פאטער, קענסט דוא אויף מיר בייז זיין וואס איך ליעב מיין געליבּטען? ווען דאס וואָלט נעוועזען מיין פאטער, וואלסט דוא רען אנדערש נעהאַנדעלט?

פרוי הערוואַרד האָט אראָפּגעלאָזען דיא אויגען, דען זיא האָט זיך געמוזט נעשטעהן אז איהר קינד האָט רעכט.

— דער פאטער! האָט זיא דאן אויסנערופען מיט איין לייכטערען זיפץ, דער פאטער וועט ניט צו געבען צו זיין פּלאַן.

— דער גוטער פאטער האָט אייביג נור נעזאָרגט פאר מיין גליק! — האָט סילוואַ נעענטפערט, ער וועט מיר אויך יעצט פערצייען. איך האָב שוין אַלעס פּארבּעריים. פיער שטארקע מענער האָבען מיר נעשוואָרען אראָפּצולאָזען מיך אין טייפעלס גרוב.

— אונגליקליכע! האָט פרוי הערוואַרד געשריען, — זא האָסט דוא אַליין נעגראָבען דיין קבר.

— מוטער! — האָט סילוואַ אויסגערופען, נור דער געדאַנק צו זעהן אויב ווערנער איז אין קבר האָט מיך אויפגעהאַלטען ביי'ן לעבען! האָט סילוואַ געזאָגט.

— און ווען דוא וועסט דאָרט ניט געפינען דעם גראף ווערנער, האָט פרוי הערוואַרד נעפּרעגט ציטערענדי' וואס וועסט דוא דען אנפאַנגען!

— דאן וועל איך איהם זוכען ביז איך וועל איהם געפינען! האָט דאס שעהנע מעדכען געענטפערט און איהרע וועכטער האָבען נעקלונגען וויא א היילינע שבועה. לאָז מיך געהן צום פאטער און נעהמען פון איהם אבשיעד!

האָט זיא נאָך אַ קורצע פּויזע געזאָגט.

— איך בעגלייטע דיך! — האָט פרוי הערוואַרד אויסגערופען און ביידע האָבען אויפגעזוכט דעם וואַלד וועכטער.

— הערוואַרד האָט זיי אנגעקוקט, אויף זיין פרוי'ס געזיכט האָט ער געזעהן וויא זיא איז צו טראָגען.

— וואס איז געשעהן מאגדאלענא! האָט ער געפרעגט מיט זאָרג.

— איך האָב צו דיר איין גראָסע ביטע ליעבער פאטער, האָט סילווא אנגעפאנגען, אַ ביטע וועלכע איז אַזוי גרויס דאס איך דארף מיר נור פערלאָזען אויף דיין אונענדליכע ליעבע.

— שפּריך! — האָט הערוואַרד געזאָגט.

— ליעבער פאטער, האָט דאס שעהנע מעדכען געזאָגט. איין שטימע זאָגט מיר, דאס ווערנער איז ניט טויט, דאס ער ליעגט ניט צו שמעטערט אין דער טייפעלס גרוב. אום איך זאָל דעריבער זיין זיכער וויל איך מיך הייטע אראָפּלאָזען אין דער גרוב.

— דאס ווילסט דוא טהון? — האָט הערוואַרט געפרעגט מיט שרעקען. דער צו וועל איך קיין מאל ניט איינוויליגען.

-- דאַן וועל איך שטאַרבען! — האָט סילווא געענטפערט מיט אַ זיפץ דען דיעזע אונגעוויסהייט וועט מיך טויטען!

— דוא זאָלסט ניט שטאַרבען! — האָט דער וואַלד אויפזעהר געזאָגט, איך אליין וועל ארונטער געהן אין טייפעלס גרוב.

— ניין! — האָט סילווא געזאָגט, דאס דארפסט דוא ניט טהאָן!

— וואס איז מיט מיר! — האָט דער וואַלד וועכטער געזאָגט, איך בין אַלט, עס איז אַלץ איינס אויב איך שטאַרב הייטע אדער איין אנדער מאָל. דוא אבער ביזט יונג, דיין לעבען איז טהייער, איך וויל דוא זאָלסט לעבען!

— איך קען ניט איינשטימען דאס דוא זאָלסט זיך פאר מיר אפּפערען! האָט סילווא געזאָגט, ביי דיר איז דיא געפאהר פיעל גרעסער! דוא ביזט פיעל שווערער אלס איך, ווען דער לייטער איז אפּגענוצט וועט ער דיך ניט האַלטען, איך בין לייכט, פלינק און געשיקט פאר מיר איז דיא געפאהר פיעל

קלענער. ווען דוא ליעבסט מיך ליעבער פאטער, דאן זאָלסט דוא ניט ענדערען מיינע פלענער.

סילווא האָט אזוי לאנג געבעטען און געוויינט ביז הערוואָרט האָט נעגען זיין ווילען נאכגעגעבען.

דערווייל איז געוואָרען האלבער טאָג.

— עס איז צייט צוגעהן! — האָט סילווא געזאָגט, דען גראדע יעצט שטעהט דיא זאָנע אזוי, דאס דיא גרוב ווערט פון איהר בעלויכטען.

זיא האָט געשיקט זאָגען דיא מענער וועלכע זיא האָט געדונגען זיי זאָלען איהר העלפען דאס זיא איז שוין פערטיג.

מיט ערנסטע געזיכטער, שטיל און ערנסט זיינען ערשינען דיא לייטע מיט דיא נויטהיגע ארטיקלען און דער צוג האָט זיך געלאָזט געהן.

אין גאנצען דארף האָט זיך דערווייל פערברייטעט דיא נאכריכט פון סילוואס אונטערנעהמונג און פון אלע זייטען האָט מען זיך געלאָזט לויפען.

געוועהנליך ווען פילע מענשען פערזאמלען זיך זא ווערט געלאכט און געפלוידערט, דא האָט אבער געהערשט א טרויעריגער שווייגען עס האָט געשיינט אז מען האָט איין געליבטען טויטען געפיהרט צו זיין עוויגע רוה.

ענדליך איז מען געקומען צום טייפעלס גרוב, דער לייטער איז פערוואָרפען געוואָרען סילווא האָט זיך גענומען געהמען אפשייד פון דיא איבעריגע אלס דער פריסטער מיט אלע זיינע לייטע איז אנגעקומען, סילווא איז איהם עקומען ענטגעגען און האָט געבעטען זיין זעגען.

— איך בין גערופען געוואָרען צו איין שטערבענדען! האָט דער גייסטליכער געזאָגט, ליידער בין איך געקומען צו שפּעט, דער ארמער וואר שוין טויט און איך האָב ניט געקענט פארלעזען פאר איהם דיא היילינע שריפטען, איך ווער זיך דארום צו פריעדענשטעלען און איך וועל פאר אייך טהייערע סילווא קענען גאָטט בעטען.

סילווא האָט פאר איהם געקניעט עס וואר איין ערהאָבענער מאָמענט דער פריסטער האָט צוגעהערט איהר תפילה.

ענדליך האָט זיך סילווא אויפגעהאבען אויף איהרע פיס און דער גייסטליכער האָט זיא געבענשט.

יעצט האָט זיך סילוואַ געזעגענד מיט איהרע פריינדע, דער וואַלד וועכטער האָט זיא ארומגענומען און האָט זיא געקוסט, דאַן האָט ער ארומגעבונדען דיא שטריק ארום איהר לייב.

סילוואַ האָט איבערגעגעבען איהר זעעלע צו גאָטט, לאַנגזאַם האָבען דיא מענער אנגעפאַנגען אפּצו וויקלען דיא שטריק, יעצט האָט דאָס מעדכען געשוועבט צווישען הימעל און ערד, דיא צושויער זיינען געפאלען אויף דיא קניע, פרוי הערוואַרט האָט זיך אַזוי צו געביינט צום ברעג פון גרוב דאָס איינער פון דיא מענער האָט זיא געמוזט צו האַלטען, זיא האָט זיך געוואָרפען אויף דיא קניע און האָט נאַכגעקוקט איהר געליבטעס קינד, מיט שרעק האָט זיא געזעהן וויא דיא גליעדער פון איהר קינד זיינען אפּט אין געפאַהר.

— בעטעט, בעטעט, ליעבע לייטע! האָט דיא פרוי געשריען מיט א שמערצליכער שטימע, אלט איהר טאָכטער׳ס קערפּער האָט זיך יעצט געגליצט ביי א שאַרפען שטיין און אלע האָבען ערוואַרטעט אז באַלד וועט סילוואַ׳ס בלוט וועט א שפּריטץ טהאָן אין דער הויך.

שטיל האָבען אלע אנוועזענדע אנגעפאַנגען צו בעטען, אלע אויגען זיינען געלעגען אויף דער מוטהיגער מיידעל. און אלע האָבען מיט איין מאָל אויסגעשפּראָכען א דאַנק ווען דאָס מעדכען איז גליקליך פאַראיבער דיא געפאַהר.

— אום גאָטטעס ווילען זייט פאָרזיכטיג. האָט פרויא הערוואַרד געשריען צו דיא מענער וואָס האָבען אראָפּ געלאָזען דיא שטריק, זייט פאָרזיכטיג, איין איינציגער אונפאָרזיכטיגע בעוועגונג פון אייך קען קאָסטען מיין קינד לעבען.

— זייט נור אהן זאָרג. האָבען דיא מענער געענטפערט, מיר לאָזען דעם לייטער אַזוי לאַנגזאַם וויא עס איז נור מעגליך.

מען האָט דאָס מעדכען נאָך אלץ ניט געקענט זעהן.

מיט גרויסער שרעק האָט פרוי הערוואַרד אויסגעשריען:

— לעבסט דוא סילוואַ.״

— איך בין אין קיין געפאַהר. האָט זיך פון גרוב געהערט א קול.

— נעראנקט איז גאטט. האבען אלע אויסגעשריען.

איין לאנגע פויזע האָט געהערשט, מען האָט געהערט דעם קלענסטען גערויש אין דעם קלענסטען סלאפּ, פון לייטער.

פּלוצלונג האָבען דיא מענער דערפיעלט אז דער לייטער ווערט שוואך.

זיא איז אראָפּ צום גרונד און האָט דעם לייטער פון זיך אפּגעבונדען, האָבען דיא מענער געשריען.

— ווען זיא וועט איהם יעצט געפינען, דאן איז זיא אויך פערלאָרען, האָט דיא פרוי הערוואָרט געשריען, זיא וועט זיין אזוי פערצווייפעלט, דאס זיא וועט יעדע פאָרזיכטיגקייט פערזעהן.

— פערלאָזט זיך אויף גאָטט! האָט דער פּריסטער זיא בערוהיגט, ער וועט אייער טאָכטער בעשיצען.

איבער איין האלבע שטונדע איז א וועק אין אוננעדולד, ענדליך האָט סילווא געגעבען דעם אפּגערעטעז צייכען, דאס זיא וויל צוריק ארויף, מיט אוננעדולד האט מען ערווארטעט זיא זאָל שוין ארויס. ענדליך האָט זיך דער זעהן איהר שלאנקע געשטאלט.

— זיא לעבט! האָבען אלע אויסגעשריען מיט פריידע.

— זיא איז צובלוטיגט! האָט פרויא הערוואָרט אויסגעשריען, אך וויא איהרע הענד זיינען צוריסען, איהרע קליידער הענגען אין פּאָסען, אך וויא דען דיא שטריק און לייטער זיינען! אך וויא גראס איז דיא געפאהר.

אלע האָבען יעצט איינגעזעהן, דאס דער סייל איז אין איין ארט געווארען אזוי דין דאס עס וואר אונמעגליך צו האלטען א מענשליכען קערפּער.

סילוואס לעבען איז געהאָנגען אויף איין פאדים, דאס האָבען אלע צוגעזעהן מיט שרעק און ווייטאג, האלב אהנמעכטיג מיט האלב אפּענע אויגען נעקוקט אויף דיא האלב אפּגעניצטע שטריק, אויף איהר קינד און אויף דער שטרעקע וואס זיא האט נאך דורכצומאכען, ביז סילווא האָט עררייכט דעם פעסטען באדען.

— פרעהט אייך מיט מיר! האט סילווא אויסגעשריען. איך האב דורכגעזוכט דיא גרוב אין אלע זייטען, אבער פון גראף האב איך קיין שפּור ניט געפינען.

אלע פערזאמעלטע זיינען איבערראשט געווארען, אלערליי פראגען און

געשפּרעכען האבען זיך געלאזט הערען, יעדער איינער האט ניט געסענט גלויבען אז דער גראף ליעגט ניט אין דעם קבר, וויא מען האט געמיינט.

דער וואלד וועכטער און זיין פרוי האבען ארומגעהאַפּט זייער קינד און האבען זיא געקושט פון פריידע וואס זיא איז געקומען צוריק לעבעדיג.

21טער קאַפּיטעל.

דער קערקער מייסטער און דער געפאנגענער.

אַלאזיוס וואָלט ניט געבראכען זיין געוואהנהייט און צו שווייגען אַלעס פאר דעם גראף. ווען דער וויין וואָלט ניט געעפענט זיין מויל, ער האָט חרטה געהאט וואס ער האָט דעם גראף ערצעהלט וואס עס איז געשעהן אין קעניגסוואלדאו, און אום ער זאָל זיך נוקם זיין דעפאר האָט ער בעשלאָסען צו האלטען דעם גראף גאנצע פיער אונד צוואנציג שטונדען אהן ברויט און אהן וואסער ביז ווערנער וועט אין גאנצען נאכגעבען.

אָבער גראף ווערנער האָט בעשלאָסען ער זאָל זיך ניט אונטערגעבען, ער האָט געוואָלט בעסער שטאָרבען פון הונגער איידער ער זאָל פאָלגען וואָס זיין קערקער מייסטער הייסט איהם.

וועהרענד דעם ערסטען טאג האָט ער ניט געליטען קיין הונגער, דען איהם איז נאך געבליבען ברויט און פלייש און וואסער פון פריהער.

און דיא ביטערע, שווערע שטונדען האָט ער פערבראכט דיא צייט, ערסט יעצט האָט ער איינגעזעהן וויא שרעקליך זיין לאגע איז, זאָלאנג ער האָט געגלויבט אז זיין בעפרייאונג הענגט אָפּ אן זיין גראס פאטערס ווילען האָט ער נאך געהאפט אז זיין פערהאפטונג וועט דויערען איין קורצע צייט, אלס ער האָט אבער געהערט אז דער אלטער גראף איז טויט, איז ער געבליבען זיכער דאס ער וועט זיין גאנצען לעבען דארפען פערבלייבען גע־פענגניס, אויבער וועט זיך אליין ניט בעפרייען.

ער האָט געוואוסט אז ער געפינט זיך יעצט אין געפענגניס אויף עגאָן'ס בעפעהל, דען עגאן וואר נאך איהם דער נעכסטער יורש, ער האָט גאנץ גענוי

געוואוסט וואָס פאר אָ פערשוואונדער דער באראָן איז אין דאס ער וועט זיך ניט אפּהאַלטען פון קיין מיטעל אום צו שאפען פאר זיך געלד.

— גוט! — האָט ער אויסגעשריען, איהר ווילט מיט מיר אַ קאַמפּף, איך בין בערייט צו קעמפּפען מיט אייך ביז'ן טויט.

פיעל שטונדען זיינען אַוועק זייט ער האָט גערעדט מיט דעם קערקער מייסטער, ענדליך האָט זיך ווידער געעפענט דיא פאַל טהיר און אלאָזיוס האָט אריינגעקוקט אין קעלער. וויא ער האָט דערזען אז דער גראף איז ניט אין זיין בעט, זאַנדער'ן אין ווינקעל וואו ער האָט איהם פריהער געלאָזען האָט ער אויסגעשריען:

— הערר גראף איך גיב אייך דיא ברירה, אדער איהר זוכט זאָ פאָרט אויף אייער בעט אדער איך שליס ווידער צו דיא טהיר און איהר בלייבט ווידער אהן ברויט און אהן וואסער.

— אלאזאס! — האָט דער גראף געענטפער, האָסט דוא פערגעסען אלע וואהלטהאַטען וואָס מיין מוטער האָט מיט דיר געטהון? בעדאַנקסט דוא איהר מיט אַ זעלבע טהאטען? ווארום ביזט דוא מיין פיינד? מיט וואָס האָב איך דיר בעליידיגט? לאָז אראפּ דעם לייטער, איך זאָל דעיזען אָרט קענען פערלאַסען און איך וועל דיר דערפאָר עוויג דאַנקבאר זיין!

— איך זעה אז היער איז שוין גאר ניכט צו מאכען! האָט אלאָזיוס געמורמעלט און האָט אראפּגעלאָזען אַ קאָרב מיט שפּייז.

— דער קאָרד איז פאָל מיט לעבענסמיטעל! — האָט ער געזאָגט, פּאקט איהם אויס, הערר גראף.

ווערנער האָט ניט געפאָלגט ער האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו בעטען דעם קערקער מייסטער ער זאָל איהם בעפרייען, אבער אלאָזיוס האָט איהם ניט געוואָלט אויסהערען ער האָט דעם קארב צוריק ארויפגעשלעפּט אין דער הויך, דען ער האָט אויף קיין פאַל ניט געוואלט לאזען דיא שטריק ביי דעם גראף, ער האט צוגעשלאסען דיא טהיר צוריק און ווערנער איז ווידער געבליבען אין דער פינסטער.

אויף מאָרגען האט ווערנער שוין געפיהלט דעם וויטאג פון הונגער און דורסט, ער האט מעהר קיין לעבענסמיטעל געהאט.

— ווען אלאזיוס לאָזט מיך דא פערשמאכטען, האָט ער געמורמעלט, זא וועט קיין לעבעדיגע זעעלע וויסען וויא אזוי איך האָב מיין לעבען פערלאָרען, סילוויא וועט זיך גאר ניט קענען ערקלעהרען וויא אזוי איך בין פערשוואונדען, אַך מיין זיסע סילוויא, ווען איך זאָל זיך נאך איין איינציגען מאָל זעהן, ווען איך זאָל נור נאך איין מאל קוסען דיין שעהנעם מויל.

א טיעפער שמערץ איז איהם בעפאַהלען, ער האָט ארויפגעלעגט ביידע הענד אויף'ן געזיכט און האָט אויסגעבראָכען אין ביטערע טרעהרען, דיזע טרעהרען האָבען עטוואס לייכטער געמאכט זיין הערץ, ביסלאכווייס איז ער געוואָרען רוהיגער, ענדליך איז ער געפאלען פון מיעדיגקייט, ער האָט זיך געוואָרפען אויף זיין בעט און האָט איינגעשלאָפען.

אלס ער האָט זיך וויעדער אויפגעכאַפּט האָט דער הונגער און דורסט איהם נאכמעהר געפלאגט, אָבער ער האָט ניט געהאט וואס צו נעהמען אין מויל.

זיין קאָפּף האָט געברענט וויא פייער און ער האָט אנגעשפּארט זיין שטערן אן קאלטען שטיין אום זיך אפּצוקיהלען.

אך, וואס וואָלט ער יעצט געגעבען פאר איין טראָפּען וואסער ער האָט געטראכט פון דיא קוואלען וואסער און זיין גוט וואס ערקוויקען דעם ארימסטען בעטלער. ער האָט אנגעפאנגען צו פאַנטאזירען פון וואסער, ער האָט צוגעשלאָסען דיא אויגען און האָט זיך פארגעשטעלט דאס ער הערט וויא דאס וואסער רוישט און קלאַפּט, ער האָט זיך געלאָזט לויפען צום וואסער, אָבער דער קוואל איז פון איהם אנטלאָפען.

אזוי האָט איהם געטראָגען דיא פאנטאַזיע וועלכע איז געקומען פון דעם פיבער פון דורסט, ביז א קלאַפּ פון דער טהיר האָט איהם וויעדער אויפגעוועקט, ער איז אויפגעשפרונגען אין דער הויך און האָט אויסגעשריען:

— יא? מיר וואסער אלאזיוס! איך פערגעה פון דורסט.

— ווען דער גראף וויל זיך לעגען אויף'ן בעט, זא וועל איך ברענגען וואסער! האָט אלאזיוס געענטפערט.

ווערנער וואר נאהענט צום פערשמאכטען, ער האָט אנגעקוקט זיין קערקערמייסטער מיט שארפע בליקען און האָט פערשטאנען דאס ער וועט

פריהער קענע: ריהרען דעם קאַלטען שטיין איידער דאס הערץ פון דיזען באַנדיט.

ער האָט זיך דארום בעשלאָסען אונטער צו געבען.

מיט צובראָכענע פיס האָט ער זיך צו געשלעפּט צו זיין בעטעל און האָט זיך אויף איהר אַ וועק געזעצט.

אזוי שנעל וויא ער האָט זיך אַ וועק געזעצט אויפ'ן בעט, האָט אלאזיוס אראָפּגעלאָזען דיא אייזערנע גראַטע. דאַן איז ער אראָפּ אין קעלער און האָט אראָפּגעבראַכט דיא שפּייז און דיא וואסער.

באַלד וויא ער האָט אָפּגעטהון זיין ארבייט איז ער ווידער ארויס פון קעלער, האָט אויפגעצויגען דעם לייטער און האָט אויך אויפגעהאָבען דיא גראַטעס.

אזוי שנעל וויא ער איז געוואָרען פריי, איז ווערנער צו געלאָפען צו דיא שפּייזען און צום וואסער, ווען ער האָט זיך געזעטיגט האָט ער זיך ווידער געוואָרפען אויף זיין בעט.

ער האָט געפיהלט אז ער איז נאָהענט צו אַ קראַנקהייט, דיזע קראַנקהייט איז צו איהם געקומען פון דיא קאַלטע פייכטע שטיינער אויף וועלכע ער איז געלעגען.

— פיעלייכט שטארב איך! — האָט ער געטראַכט, ווען דאס זאל געשעהן זא מוז מיין לעצטער ווארט זיין אַ ברכה פאר מיין געליבטע סילוויא.

ווערנער האָט צוגעמאַכט דיא אויגען און האָט גענומען דרומלען, דאס וואר אַ דרימעל פון פיבער דיא פאַנטאַזיע האָט זיך ביי איהם צו שפּיעלט און ער האָט געקראָגען היטץ פון העכסטען גראַד.

ער איז געלעגען אונגעשטערט אין היטץ ביז אלאזיוס איז צו איהם גע־קומען מיט פרישען שפּייז אלס דער באַנדיט איז אראָפּ פון לייטער האָט ער געהערט וויא דער גראַף זינגט.

עה, וואס איז דאס? — האָט ער געפרעגט, האָט זיך דער גראַף דען אנגעטרונקען? אדער ער מאַכט עס זיך, אום מיך צו נארען, און צו איבער פאלען אויף מיר, ווען איך וועל ארונטער געהן צו זיין גראַטע.

ער איז אלאנגע צייט געבליבען שטעהן אויבען און האָט ניט ארפּגע נומען איין אויג פון דעם געפאַנגענעם.

— דאָס פעהלט נאָך ער זאָל שטאַרבען! — האָט ער זיך געטראַכט, זיין לעבען איז פאַר מיר ווערטה צוואַנציג טויזענד גולדען.

ער האָט בעשלאָסען צו זעהן וואָס מיט דעם גראַף טהוט זיך ער איז צוגעגאַנגען צו זיין בעט און האָט איהם בעטראַכט, דער גראַף וואַר ווירקליך שטאַרק קראַנק.

וויא איין גוטער פריינד האָט ער זיך גענומען בעשעפטיגען ארום דעם קראַנקען ער האָט געלעגט וואַסער אויף זיין קאָפּף און עסיג צו זיינע ליפּען ער האָט ארום איהם געארבייט דיא גאַנצע נאַכט.

איז פערלויף פון טאָג איז ער איינינע מאָל געקומען אין קעלער און האָט בעזאָרגט דעם קראַנקען מיט טרונקען און קאַלטע קאָמפּרעסען, און אלס דער פיבער איז פאַר נאַכט געוואָרען קעלטער האָט אלאַזיוס בעשלאָסען צו בלייבען דיעזע נאַכט ווידער ביי'ן קראַנקען.

ער האָט זיין ארבייט אלס קראַנקען אויפזעהער אויסגעפיהרט מיט מעהר פּאָרזיכטיגקייט און פּונקטליכקייט אלס מען האָט פון איהם געקענט ערוואַרטען נאַטירליך האָט ער עס ניט געטהון פון מענשענליעבע, דען דיעזען געפיהל האָט אלאַזיוס ניט געהאַט, ער האָט עס נור געטהון צו ליעב זיינע אייגענע אונ־טערעסען אויף מאָרגען איז דער קראַנקער פערזונקען אין א שלימער און זיין אויפזעהער איז א וועק צוריק אין זיין צימער.

ער האָט ביי זיך געפינען זיין קאַמעראַד, דעם בראָן ענאַן.

— נון, וויא שטעהט עס, קאַמעראַד? — האָט ער געפרעגט.

— העער באַראָן! — האָט דער שלאָס אויפזעהער געענטפערט, איהר וועט קורצליך ווערען דער יורש פון שלאָס קעניגסוואַלדאו דער העער גראַף האַלט ביי'ן שטאַרבען, ער האָט א אלעבטען פיבער.

— המ, — האָט דער באַראָן געזאָגט מיט פריידע.

— וויא שטעהט עס מיט מיין בעלאָהנונג העער! — האָט אלאַזיוס געפרעגט.

— נון, מיין קאַמראַד, איך בין יעצט פערצווייפעלט, האָב קיין געלד אין קאַסע, האָט דער באַראָן געענטפערט, אבער פינפציג גולדען קריעגסט דו אזוי שנעל וויא דו ברענגסט מיר דיא נאַכריכט.

— פינפציג גולדען? האָט אלאַזיוס געפרעגט מיט א געלעכטער, איהר

האָט זיך שלעכט אויסגעדריקט, הערר באראָן, איהר האָט געוואָלט זאָגען פינף טויזענד גולדען, פאר וועהנינער טהו איך עס ניט! ניט איין קרייצער וועניגער וועל איך אננעהמען.

— מיר וועלען זיך שוין אייניגען! — האָט דער באראָן געוואָלט בערוהיגען דעם קאמראד, אפּגעלעגט איז ניט אפּגעזאָגט דוא זאָלסט דיינע צוואנציג טויזענד גולדען ערהאלטען ביז איין קרייצער אבער איך קען דיר דאס געלד געבען ערסט ווען איך וועל עס בעזיצען. פאָרלייפיג האָב איך ניט אזא סומע דאראף גיב איך דיר מיין עהרענוואָרט.

דער שלאָס אויפזעהר האָט איהם אנגעקוקט.

— איהר קענט זיך דאס געלד יעדען אויגענבליק פערשאפען ווען איהר זאָלט עס נור וועלען! -- האָט ער געענטפערט מיט איין בייזען בליק אויף זיין קאמע־ראד, איהר האָט יעצט איין אונענדליכען קרעדיט יעדער געלד לייהער, וועט אייך מיט פערגניגען געבען וויפיל איהר ווילט.

— אזוי דענקסט דוא! — האָט דער באראָן אויסגעשריען, דיא לייטע זיינען אבער זעהר פאָרזיכטיג, ווען עס האנדעלט זיך וועגען געלד, קיין געלד לייהער וועט מיר געבען אזא סומע, מען וועט ווערען נייגעריג און מען וועט פרעגען, צו וואָס דארף ער דאָס געלד? עס געבען לייטע וואָס גיבען זיך אפּ מעהר מיט פרעמדע געשעפטען אלס מיט זייערע אייגענע. דיעזע פערזאָנען וועלען זאָפאָרט נאכדענקען, און פארשען ביז זיי וועלען ענדליך קומען צום רייכטונג פונקט און דאן זיינען מיר פערלאָרען.

אָן מיר דענקט איהר גאר ניט! — האָט אלאזיוס אויסגעשריען.

— דוא ווערסט שוין זאָרגען פאר זיך קאמעראד! — האָט ענאן געזאָגט מיט א שמייכעל, איך קען פאָרלייפיג ניט מאכען צו גרויסע פערפּליכטונגען, וויל איך וויים ניט אויב אונזער געשעפט לויפט גליקליך עס איז פאר מיר איין אונגליק וואָס סיכוואַ איז אריין אין טייפעלס גרוב, דאדורך איז מען יעצט זיכער אז גראף ווערנערס קערפּער ליעגט ניט אין גרוב.

דער שלאָס אויפזעהער האָט אויסגעזעצט א ווילדע קללה.

— איז דאס מערכען ווירקליך געווען אזוי מוטהיג אריינצוגעהן אין טייפעלס גרוב! האָט ער געפרעגט איך לעב אזוי אפּגעשלאָסען פון דער וועלט דאס איך וויים עס ניט.

— יא! — האט דער באראן געזאגט, עס איז איהר איך געלונגען און זיא שרייט איבעראלל דאס גראף ווערנער׳ס קערפער ליעגט ניט אין דער טייפעלס גרוב איך בעהויפטע יעצט נאטירליך, דאס גראף ווערנער איז וואהר־שיינליך אין איין אנדער ארט אומגעקומען יעדען פאלס האט מיר דאס מעדכען פערשאפט גרויסע שאדען, אבער זיא וועט דערפאר טהייער בע־צאהלען.

— איך וואלט ניט געגלויבט, דאס אזא מעדכע קען האבען אזא מוטה! האט אלאזיוס געזאגט און זיין געזיכט האט זיך פערענדערט, עס איז צו גלויבען אז דאס מעדכען וועט אויסזוכען דעם גאנצען געגענד,

— פש! האט דער באראן געמורמעלט, עס פעהלט מיר נאך דאס מיין פלאן זאל פערדארבען ווערען דורך איין מעדכען, פערשטעהסט דוא ניט דאס דיין איינענע זיכערהייט פאדערט א ראשע האנדלונג.

— אה איך פערשטעה זעהר גוט, וואס זיי פערלאנגען פון מיר! — האט אלאזיוס געענטפערט, עס האנדעלט זיך ניט מעהר און ניט וועניגער וויא אום א מארד, איהר זאלט מיט מיר צו פריעדען זיין!

— ווען דוא האלסט דיין פערשפרעכען זא זאלסט דוא זיך ניט בעקלא־גען איבער מיר! — האט דער באראן פערזיכערט, אבער עס איז יעצט דיא העכסטע צייט איך זאל דענקען פון אפפאהרען, קום נאך קענינס וואלדאו, ווען דאס! — — — ווען דאס איז געשעהן.

אלאזיוס האט צוגעשטימט און ענאן איז צוריק געפאהרען נאך הויזע. ער האט זיך געהיט צו פאהרען פערביי דער טייפעלס גרוב.

22טער קאפיטעל.

אילאנא, דאס ברוינע מעדכען.

א קורצע צייט נאכדעם וויא באראן ענאן האט פערלאסען דעם שלאס איז איין שעהנע יונגע ציגיינערין געקומען צום שלאס, זיא האט גע־וואונען איין אונמוטהיגע מעלאדי, איז אבער געבליבען שטיל, אלס זיא האט דערזעהן דעם שלאס אויפזעהער.

— אילאַנא ! — האָט אלאזיום אויסגערופען, ענדליך ביזט דוא דא !

— יא ! — האָט דיא שעהנע ציגיינערין געענטפערט, זאָג מיר אָבער וואס האָט דא געוואָלט יענער דורקאָפּ.

— וועמען מיינסט דוא ? — האָט אלאזיום געפרעגט, דא איז קיינער געווען.

— יא, דער באראָן איז דאָך דא געווען ! האָט אילאַנא געענטפערט מיט גרויסער זיכערהייט.

— פון וואנען קענסט דוא איהם ? האָט אלאזיום געפרעגט.

— ווער קען איהם דען ניט ? ער פאהרט דאך ארום א הין און צוריק, איך האָב איהם שוין איין מאל אנגעטראָפען אין גארטען, וואס זוכט ער דען דא !

— ער איז אַ הער געקומען צו פעלינ, האט אלאזיום בעריכטעט, ער האט דאך ניט וואס צו טהון אלס צו פאהרען שפאצירען, האט ער מיט דיר געשפראָכען ?

— ניין, — האט אילאַנא געענטפערט, ער האט מיך גאר ניט בעמערקט, אָבער קום אין גארטען,

מיט לייכטע פיס איז דיא ציגיינערין געלאפען פאראוים און האט אנגעפאנגען צו זינגען פאלגענדע ליעד:

גיפטיג איז גרינעם קרויט,
אך וואס נוצט דיא שיינע ברויט !
ווערעם זיצען אין דעם ווייטץ,
און צו היילען מיין פיין,
גיב זשע מיר א ביסעל וויין.
שטערען טהוט אין דעם קרייטץ,

— זינג דאך נים א זעלבע נאררישע זאכען ? — האט אלאזיום אויסגערופען, רעד בעסער א פערשטענדיגעןווארט, ווען ווילסט דוא מיך הייראטהען ?

— ניעמאלס, — האט אילאַנא ערקלעהרט, — וואָרום ניט ? — האט ער געפרעגט גאנץ פינסטער.

— וייל איך וויל מיר האלטען מיין פרייהייט און וייל איך וויל ניט ווערען דיא שקלאפין פון א מאן ! — האט אילאַנא אויסגעשריען. איך קען

דיא מענער, א ליעב האָבער פערגעטערט זיין כלה, א מאן שלאָגט זיין ווייב.

— נון יא, ווען זיא פערדינט עס! האָט אלאזיוס געזאָגט.

— יא, ווען איהר ברוטאלער, מערדערשער מאן אורטהיילט איבער איהר? האָט אילאָנא צוריק געענטפערט.

דיא שעהנע ציגיינערין איז יעצט אנגעקומען אין איין שעהנעם זאניגען פלאַטץ און האָט בעטראַכט דיא פרוכט פון אלע זייטען.

— נאך ניט צייטיג! — האָט זיא געזאָגט, — נור יענע פלאָמען זיינען שוין זיעס!

זיא האָט יעצט אנגעפאנגען בייסען דיא פרוכט און האָט געמאַכט אלערליי קאָקעלישע שטיק.

— גיב מיר! — האָט אלאזיוס געזאָגט און האָט אויסגעשטרעקט זיין האנד, אף דיא פרוכט.

— עס שמעקט מיר אליין גוט! האָט דיא ציגיינערין געענטפערט, שאָקעל נור דעם בוים, עס וועלען ארונטער פאלען גענוג פרוכטע.

— אָבער איך וויל גראָדע האָבען דיא פלוים וואס דיינע ליפען האָבען בעריהרט! — האָט אלאזיוס אויסגערופען.

— קריגסט זיא ניט! — האָט אילאָנא געזאָגט, ווארום האָסט דוא שוין ווידער געשיקט אין שטאדט נאך ברויט און קאפעע?

— ווייל מיין פארראטה איז אויסגעגאנגען! — האָט אלאזיוס געענטפערט.

— דוא פערבראכסט דיין לעבענס מיטעל יעצט פיעל שנעלער אלס פריהער! — האָט אילאָנא ווייטער געזאָגט, דוא האָסט געסט.

— גאנץ אָפט קומט צו מיר א יענער! — האָט אלאזיוס געענטפערט, איך נעהם אייך אויף געסט פון שטאָדט, זיי עסען אויף אלעס וואס איך האָב.

— אָבער פריהער האָסט דוא דיא מענשען אויסגעמייט! — האָט דיא ציגיינערין געזאָגט, — יעצט שיינט עס אז זייער געזעלשאפט געפעלט דיר גאנץ גוט.

— ניין! — האָט אלאזיוס פערזיכערט, איך ווינש זיי אלעמען וואו דער

פעפער וואקסט! איך נעהם זיי נור אויף, ווייל איך פערדין ארום זיי א פּאאר גולדען און ווייל איך דארף געלד, פיעל געלד.

— וואצו בראכסט דוא דען דאס געלד? האט אילאָנא געפרעגט.

— אם צוהייראטהען מיט דיר! האט ער אויסגערופען.

— צו א הייראטה דארף מען האָבען צוויי! — האט אילאָנא געענטפערט.

— יא, געוויס, איך און דוא וועלען דאס קענען אויספיהרען.

— דיעזע געדאנקען שלאָגט דיר ארויס פון קאָפּף! האט דיא ציגיינערין געזאָגט, איך וועל מיט דיר ניט הייראטהען.

— זא ליעבסט דוא איין אנדערען! האט ער אויסגערופען ווילד. — זיי עס מיר מודה דוא האָסט א ליעב האָבער!

— איך קען דיר אנטוואָרטען, דאס דוא האסט גאר ניט דעריבער נאכצופרעגען! — האט איללאנא געענטפערט קאלט בלוטיג, דען דוא ביזט ניט מיין פאָטער און ניט מיין ברודער, און איך בין דיר ניט שולדיג קיין רעכענונג איבער אלע מיינע טהאטען, אבער אזוי וויא איך בין גוט אויפגעלעגט וועל איך דיר ענטפערען, איך האָב קיין ליעבהאָבער!

— דאן האָסט דוא נעהאט א געליבטען וועלכער איז דיר געוואָרען אונגעטריי, האט אלאזיוס געשריען, זאָג מיר זיין נ-מען אילאָנא! איך וועל איהם בעצאהלען וויא ער פערדינט.

— יא דוא ביז ווידער אויפגעהיצט אומזיסט, — האט זיא געזאָגט מיט א שפּאָטישען געלעכטער, קיינער האט מיין הערץ געוואונען, און דער איינציגער דער — —

זיא איז געבליבען שטיל און רויטה און האט זיך פערשעהמט וואס זיא האט געוואָלט ארויסגעבען איהר געהיימניס.

— וויא הייסט יענער איינציגער מאן, האט אלאזיוס געפרעגט. גנאדע זאָל איהם זיין ווען איך וועל איהם טרעפען.

— רייד מיט רעספּעקט פון דיא טויטע, האט אילאָנא געזאָגט.

— ער איז טויט, האט אלאזיוס אויסגערופען, אה איך וויים ווער ער איז. ער איז גראף ווערנער.

אילאָנא האט אויסגעשריען פון איבערראשונג.

— פון וואנען ווייסט דוא זיין נאמען? האָט זיא נעפרעגט.

— זעהר איינפאך! האָט אלאזיוס נעזאָגט, ער איז דער איינציגער, שעהנער יונגער מאן וואס איז אהער געקומען אין פערלויף פון לעצטען יאהר און וועלכער איז געשטאָרבען, דער הינקעדיגער שניידער איז דער נעווים ניט געפעהלען געוואָרען, זאג האָט ער דיר זעהר פיעל ליעבע ערקלעהרט?

— ער האָט מיך גאר ניט אננעקוקט! האָט זיא ערקלעהרט. א ציניינערין און דער הערר גראף שטימען ניט צוזאמען.

— יעצט קען איך מיר ערקלעהרען ווארום דוא ביזט אזוי קאלט צו מיר! האט אלאזיוס געזאגט מיט גרויסער ביטערקייט, פערדאמט זאל ווערען דער שעהנער רייכער גראף!

— פפוי אלאזיוס! — האט דיא ציגיינערין אויסגעשריען, שעהמסט דוא זיך ניט אזעלכע העסליכע ווערטער צו ריידען וועגען א טויטען?

איין בייזער בליק האט זיא געטראפען.

— ווער האָט דיר געזאָגט דאס ער איז טויט? האָט ער אויסנעשריען.

— דיא גאנצע וועלט זאָגט עס! האָט זיא געזאָגט, איך פערשטעה ניט וואס דיא מיינסט, איז דען דער גראף ווערנער ניט געשטאָרבען!

— יא, ער איז טויט! — האָט אלאזיוס געזאָגט, — דיא גאַנצע וועלט האָט רעכט.

— אילאָנא האָט איהם גאנץ שאַרף בעאָבאַכטעט, איין שוואַכער געדאנק איז אריין אין איהר קאפּף, אָבער זיא האָט דיעזען געדאנק נאָך ניט אויסגעארבייט, אין איהר הארצען האָט זיא בעשלאָסען צו בעאבאַכטען דעם שלאָס אויפצוזעהען, דאס ער זאָל ניט ווערען פערדעכטיג, האט זיא אנגעפאנגען מיט איהם צו פלוידערען אלערליי זאַכען.

ענדליך האט זיא זיך אויפגעהאָבען צו געהן.

— בלייב דאך נאָך דא אילאָנא! האט אלאזיוס זיא געבעטען.

— איך האב קיין צייט! — האָט זיא צוריק געענטפערט און איז פערשוואונדען.

— דוא זאלסט דאך זיין מיין ווייב! האָט ער צו זיך געזאגט, נור געדולד, נור געדולד.

23טעס קאפיטעל.

ליעבעס ערקלעהרונג.

אדא, דיא גרעפין פון דארענברוך, איז געוועזן דיא פערצערטעלסטע קינד איהרע עלטערען, וועלכע האבען איהר קינד נאך קיין וואונש ניט אפגעזאגט. אלעס וואס אדא האָט געוואלט איז ערפיעלט געוואָרען.

דיא יונגע גרעפין איז יעצט געווארען איין אונד צוואנציג יאהר אלט, אבער זיא האט קיין זאך פון לעבען ניט געוואוסט. זארג, ארבייט, מיהע, נאטה און פלאגע האט זיא געוואוסט נור פון נאמען. זיא האט געוואוסט דאס עס געבען ארמע לייטע, אבער זיא האט איהר קענטניס ניעמאלס בענוצט דיא ארמע צו העלפען, וועהרענד זיא האט פערשוועגדעט גרויסע סומען געלד פער לוקסוס האט זיא קיין קרייצער געהאט פאר א נדבה.

זיא וואר שעהן און רייך פון אלטען אדעל, און דארום האט איהר ניט געפעהלט קיין חתן, אבער קיינער פון זיי איז איהר געפעהלען געווארען.

עגאן פון שטורמפעדער, האָט זיא שוין זייט לאנג בעטראכט מיט גרויס ליעבע, אָבער זיא וואָלט זיך אימער בעליידיגט ווען ער וואָלט איהר פארגע־לעגט זיין ליעבע און וואָלט געבעטען איהר האנד. יעצט האָט זיך דיא זאכע געענדערט. יעצט ווען ער איז דער יורש פון דעם גרויסען פערמעגען האָט ער געמעגט וואגען צו דענקען פון גרעפין.

דיא שעהנע אדא פאן דארענברוך האָט אין דער לעצטער צייט בעמערקט אז איהרע פערגעטערער ווערען וועניגער, דאס האָט זיא פיעל געערגערט, אָבער דאס האָט אויך פיעל פערבעסערט דעם באראָנס אויסזיכטען.

— מאמא! האָט זיא אין א געוויסען אבענד געזאָגט. באראן שטורמ־פעדער איז ניט אזוי שלעכט. איינגערע פון מיר האָבען זיך שוין פערלאבט. איך דענק אז מיין צייט איז שוין אויך געקומען. עס איז דאך ניט אנגענעהם צו בלייבען זיטצען איינע אליין.

— דוא מיינסט אלזא! האט איהר מוטער מיט פריידע אויסגערופען, דאס באראן עגאן דארף אויף דיר האָפען?

אדא האט זיך א ווײלע פערטראכט, דאן האָט זיא געזאָגט:

— דאס האב איך נאך ניט געזאָגט! האָט דיא פערצאגנע מיידעל ערקלעהרט, אָבער עס איז גאנץ מעגליך.

— מארטא! האָט זיא זיך פלוצלונג געווענדעט צו איהר בעדינערין. וויא אפט האָב איך עס אייך שוין געזאָגט איהר זאָלט מיינע האאר ניט אזוי פעסט פלעכטען. עס איז דאך שלעכט, ווען איהר פאלגט ניט וואס מען זאָגט, מוטער, באראן שטורמפעדער וועט מאָרגען זיין ביי דעם וואלד פעסט, אך ווען עס זאָל נאר ניט רעגענען. מיין טאאלעטע איז שעהן. עס וועט זיין ווירקליך א שאדע, ווען איך וועל זיא ניט אנטהון.

מוטער און טאָכטער האָבען זיך יעצט אריינגעלאָזען אין א לאנגען געשפרעך, איבער דיא קליידער וואס מען ברענגט פון א פאריזער שניידער.

אויף מאָרגען איז געווען א שעהנער זאָמער טאָג און גרעפין אדא האט אין איהר זומער אנצוג ווירקליך אויסגעזעהן איבערראשענדע שעהן. זיא האָט געטראָגען א קלייד פון אינדישע קליידער, וועלכע וואר געפוצט מיט אלע שעהנע זאכען.

מארטא, דיא ארמע בעדינערין האט געהאט דיא אונדאנקבארע ארבייט אנצוטהון דער גרעפין, עס וואר איין שווערע שטיק ארבייט וואס איז ניט בעדאנקט געוואָרען, דיא גרעפין האָט זיא געשאָלטען און געזידעלט, דאס זיא איז ניט) פעהיג און דאס זיא טויג ניט צו דער ארבייט.

ענדליך איז דיא ארבייט געװען צו ענדע, מארטא האט צו געבונדען דעם לעצטען שנירעל אויף אדא'ס קערפער און דיא גרעפין האָט זיך געשטעלט ביין שפיעגעל צו בעטראכטען זיך וויא זיא זעהט אויס.

עס האָט געשיינט אז זיא איז זיך אליין שטארק געפעלען געוואָרען, דען זיא איז אוועק מיט פריידע און שטאָלץ.

מארטא איז געבליבען אליין. אין הויז האָט געהערשט איין אמת'ער טומעל. טיכלעך, שנירלעך און אלערליי זאכען ווארען צו ווארפען אין אלע זייטען.

— אך ווען דיא גרעפין וואָלט ניט געווען אזוי שלעכט! האָט זיא גע־מורמעלט, זייט איך בין ביי איהר האָב איך נאך פון איהר קיין פריינדליכען וואָרט ניט געהערט.

מיט אַ זיפץ האָט זיא זיך גענומען מאַכען אָרדנונג אין הויז.

— איך בין דאָך יונג, געזונד און ניט גראַדע העסליך! — האָט זיא גע־מורמעלט. וואָרום האָב איך אַזוי ווייניג פריידע אין לעבען? ווער פערשאַפט מיר עטוואָס פערגניגען אָדער קימערט זיך וועגע מיר אויב איך בין געזונד אָדער טרויעריג? וועגען מיר קימערט זיך קיין מענש, עס איז זעהר טרויעריג ווען מען לעבט אַזוי אַליין אין דער וועלט.

זיא איז געזונקען אין אַ שטוהל און האָט זיך צו וויינט.

וואָס פעהלט אייך, ליעבעס פריילין? האָט אַ פריינדליכע שטימע גע־פרעגט און אַ פעסטע ברוינע האַנד האָט זיך אַרויפגעלעגט אויף מאַרטאַ׳ס פּלייצע.

דאָס מיידעל האָט אַ קוק געטהון אין דער הויך. פאַר איהר איז גע־שטאַנען דער אָבער גערטנער, וועלכער האָט דיא פראַגע נאָך אַ מאָל געפרעגט.

— איהר זייט דער אָבער גערטנער? — האָט זיא איהם געפרעגט. איך בין אַזוי אומטהיג ווייל דיא גרעפין איז שטענדיג אַזוי אונפריינדליך. עס איז האַרט ווען מען לאָזט זיך אימער שימפּפען, וויא קומט איהר דען אַ הערר אָבער גערטנער.

— איך האָב געוואָלט בעטראַכטען דיא פּאַלמען, וועלכע געפינען זיך אין זאַאל פון דער יונגער גרעפין. — האָט דער אָבער גערטנער געזאָגט. זעצט זיך פריילין מאַרטאַ מיר וועלען אַ ביסעל פּלוידערען, זאָנטאַג איז אַ יום טוב אין דער קירכע, איך וועל מיך זעהר פרעהען ווען איהר וועט מיר שענקען דיא עהרע איהר זאָלט מיך בעגלייטען. איהר האָט קיין פערגניגען געהאַט זייט איהר היער אין שלאָס און דיא גרעפין וועט אייך געוויס ניט ענטזאָגען אַ ווײלע אַ וועק צו געהן.

דיא אויגען פון דאָס יונגע מעדכען וועלכע איז געוועזן געפּיעכט מיט טרעהרען האָבען געשטראַהלט פון פערגניגען.

— אָך, דאָס וועט זיין רייצענד! — האָט זיא אויסגערופען און האָט גע לאַפּט מיט דיא הענד. איך האָב זעהר ליעב צו טאַנצען, אָבער ווען דיא גרעפין וועט נור ערלויבען! האָט זיא געזאָגט מיט אנגסט.

— אָך זיא מוז! — האָט דער אָבער גערטנער געזאָגט מיט גרויס צו

טרויען, איהר פיהרט דאָך דא א לעבען וויא א מאָנאכען, עס איז צייט איהר זאָלט זיך א מאָל אויך אמוזירען. האָט איהר שוין געזעהן מיינע ראָזען? איך האָב זעהר שעהנע.

— וואס פאר א סארט איז דאס? — האָט מארטא געפרעגט.

— עס איז א דונקעלע ראָזע! — האָט דער אבער גערטנער גאנץ שטאָלץ געענטפערט.

— זיא איז זעהר שעהן אָבער איהר זייט נאָך פיעל שעהנער, ניין איהר דארפט ניט רויטה ווערען אין דעם מויל אזוי קליין צו פערציען, איך זאג אייך קיין שמייכעליי, איך רייד דיא ריינע וואהרהייט, ווען איך זאָג אז איהר זייט בילד שעהן.

— איהר לאכט! — האָט מארטא געמורמעלט.

— ניין, איך לאַך ניט! האָט דער אבער גערטנער אויסגערופען; איהר זייט דאס בעסטע רייצענדע מעדכען, וועלבע איך קען און קיין אנדערע אויסער אייך וועט זיין מיין פרוי.

מארטא האָט אויסגעשטאָסען א געשריי פון איבעראשונג דאן האָט זיא דעם מאָן אנגעקוקט, און האָט איהם געבעטען:

— טרייבכט מיט מיר קיין שפּאס, איך האָב קיין איינציגען מענשען אויף דער וועלט פאר וועמען איך זאָל קענען ערצעהלען מיינע, ליידען, מיין פאטער און מוטער זיינען טויט און מיין איינציגע שוועסטער, דיא מאלי האָט זיך פון מיר אפּגעזאָגט, איך ווייס ניט וואו זיא איז און וואס זיא טהוט.

— האָט איהר דען איינע מיט דיא אנדערע געשטריטען? — האָט דער אבערערגערטנער געפרעגט.

מארטהא האָט געשאָקעלט דעם קאָפּף.

— וויא קענען מיר דען? — האָט זיא געזאָגט, מאלי איז אין וויען און ארבייט אלס פוטץ מאכערין, מאלי האָט געמאכט דיא בעקאנטשאפּט פון א יונגען העררין וועלכער האט בעזעסען אקליינעם פּאפּיר געשעפט. זיא האָט זיך מיט איהם פערלאָבט. איך האָב שוין פאר איהר פאָרבערייט דיא קליידער אלס איך האָב פון איהר ערהאַלטען א בריעף דאס זיא האָט איהר שידוך אפּגעלאָזען, זייט דאָן האב איך פון איהר קיין נאכריכט ערהאלטען און דיא צוויי בריעף וואס איך האָב צו איהר געשיקט זיינען געקומען צוריק. איך מוז

אימער וויינען ווען איך דענק אן דער מאַליע איך פירכטע דאס זיא האָט זיך נעוואָרפען אין אונגליק.

— עס איז ניט אזוי שלעכט! — האָט דער אבער גערטנער גענטפערט מאַלי איז ניט דיא ערסטע וואס זאָגט אפּ א פּארטהיי איין אנדערער איז איהר וואהרשיינדליך געפאַלען געוואָרען, נון הער מיך אוים געליבטע, וויא וואָלט געווען ווען מיר זאָלען קורצליך הייראטהען? איך האלט ניט פון לאנגע פּער-לאָבונגען, דיר איז דא ניט אזוי גוט דאס דיר זאָל אַנקומען שווער צו שיידען זיך פון דער גרעפין.

— אה ניין! — האָט מארטא אויסגערופען, איך וועל נאך דער גרעפין ניט וויינען.

— מיר זיינען אלזא איינס! האָט דער אבערגערטנער גאנץ צו פריעדען אויסגערופען. גיב נור צו וויסען מארגען פריה דער גרעפין, בעט זיא זיא זאָל דיך ענטלאַסען אום דוא זאָלסט צייט האָבען צו מאַכען פּארבערייטונגען צו דער האָכצייט.

דיזע ווערטער וואָרען פון הערצען געשפּראָכען אבער דאך האָבען זיי ארויסגערופען א טרעהר ביי מארטא, איהר ליעבהאָבער האָט געלעגט זיין האַנד ארום איהר ארם און האָט געפרעגט:

— ווארום ביזט דוא געוואָרען אזוי טרויריג, געליבטע.

— אך! — האָט מארטא געשליכצט איך בין אזוי ארם, אזוי ביטער ארם. מיר פעהלען דיא מיטלען אום צו פערשאַפען זיך דיא נויטהיגע קליידער ווען דוא וועסט מיך הייראטהען, וועל איך אריין מיט לעערע הענד אין דיין הויז און דיינע פערוואַנדטע וועלען פון מיר דערפאַר לאַכען.

— מיר אליין ביז דוא דעריבער ניט ביליגער! — האָט ער איהר פערזיכערט דיא לייטע זאָלען ניט וויסען וואס מיט דיר איז איך האָב עטוואס געלד און גיב זיא דיר אָפּ, דוא בעזאָרגסט דערפאַר אלעס וואס נויטהיג און וועסט אליין אויסקלייבען וואס דיר געפעהלט.

מיט פריידע האָט זיא ארומגענומען זיין הויז און האָט צו איהם גאנץ פריינד-ליך גערעדט, ער האָט זיא בעשאָטען מיט ליעבליכע רייד, ער האָט זיא גערופען זיין זיסע ליעבע כלה און ביידע האָבען געפיהלט דיא געוויסהייט דאס זיי זיינען פערבונדען מיט דער ריינער זיסער ליעבע.

וועהרענד דיעזע ריינע פּאאר פון פאלק האָבען געשלאָסען זייער בונד פיר דאָס לעבען האָט באראָן ענאַן געפינען דיא געלעגענהייט צו ערקלעהרען זיין ליעבע צו דער גרעפין.

וועהרענד ער האָט אין געקליבענע ווערטער אויסגעדריקט זיין ליעבע האָט אדא אין דער שטיל בערעכענט אז דאָס איז איהר צווועלפטער חתן. עס איז דארום ביי איהר ניט געוועזען נייא דאך האָט זיא זיך געמאכט גלייך וויא זיא הערט אַזעלכע רייד צום ערסטען מאל.

אלס ענאַן האָט זיין געשפּרעך געענדיגט האָט ער עס געוואגט צו נעהמען איהר האַנד שוי און בעדעקען איהם מיט זיעסע קיסע, דיא גרעפין האָט איהר האנד פון איהם ניט צוגענומען ענאַן איז דאדורך געוואָרען מוטהיגער, האָט זיא ארומגענומען און האָט זיא געקוסט.

זיא האָט זיך ניט געוועהרט. יא, עס האָט געשיינט, דאָס זיא איז דערפון צופריעדען, בעטראַכטען פון גליק איז ענאַן אימער געוואָרען היטציגער און היטציגער.

ענדליך האָט דיא גרעפין זיך ערא‌ינערט דאָס איהרע קליידער קענען דער פון ליידען, וויא שרעקליך וואָלט עס געוועזן, ווען זיא זאָל זיך דארפען אומקעהרען מיט צו קנייטשטע קליידער, דערצו וואר זיא שוין צו לאנג מיט ענאַן אליין.

דיא יונגע לייטע האָבען זיך זאָגאר פּאאר וויים צו טהיילט איבער דער געגענד אום בלומען צו רייסען, אבער דיא עלטערע לייטע האָבען זיך דאך ניט ערווייטערט און האָבען יעדען בעטראַכט מיט שטרענגע אויגען.

אדא, וועלכע האָט גוט געקענט דיא בייזע צונג פון איהרע פריינדע האָט אויפגעפאָדערט איהר נייען געליבטען ער זאָל זיך אומקעהרען צוריק צו זיין פּלאַטץ.

— דארף איך וואגען פאר צו לייגען אונזער געהיימניס פאר אייער פא־טער? — האָט ענאַן געפרעגט.

— אדא האָט איהם נור געדריקט דיא האנד און האָט איהם אנגעקוקט מיט צערטליכקייט.

און דיא גליהענסטע ווערטער האָט ענאַן איהר נאָך אַ מאל געשילדערט

זיין ליעבע. איהר שטאָלץ איז בעשריעדינט געוואָרען, זיא האָט זיך צו איהם צו געהערט.

אָבער וואס פאר ליידען וואָלט זיא געהאט אין איהר הארצען ווען זיא וואָלט געוואוסט, וועלכע ליעבע רייך ענאן האָט ניט לאנג צוריק געגעבען דער ארמער מאלי, דיא שוועסטער פון איהר בעדינערין, פארלויפיג האָט זיא דאס נאך ניט געוואוסט און זיא איז געוועזען גליקליך און שטאָלץ אלס זיא האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צו דער געזעלשאפט.

אלס דיא געזעלשאפט איז זיך צורק צו פאהרען האָט ענאן ארייננעזעצט זיין געליבטע אין וואגען און האָט איהר פערשפראָכען צו זעהן זיא מארגען ווידער.

אדא האָט זיך פערוואָרפען צוריק אין איהר וואגען און האָט גענומען פאנטאזירען.

— א פרויא שפיעלט א גאנץ אנדער ראָלע איז דער געזעלשאפט אלס איינע דאמע! — האָט זיא געטראכט, ווען איך וועל ווערען באראָנען פון שטורמפעיער, דאן האָב איך מיין אייגענע הויז, וועלכע איך וועל איינריכטען נאך מיין אייגענעם וואונש, איך קען מיר איינלאדען דיא געסט וועלכע איך האָב ליעב, איך קען רייזען וואוהין איך וויל און קען זיין וואו מיר געפעהלט, עס איז אלזא גוט איך זאָל מיט דעם באראָן הייראטהען.

אין דער היים איז אדא ניט אזוי געוועזען פריילאך וויא זיא האָט געזאָלט זיין.

— מאכט מיר צורעכט פיר מאָרגען מיין ווייסע קאשמיר קלייד! האָט זיא געזאָגט צו איהר בעדינערין, איך ערווארטע געסט.

— צו בעפעהל, גנעדיגע גרעפין! — האָט מארטא געזאָגט.

דיא גרעפין דארנבורוף איז יעצט אריין אין איהר טאָכטערס צימער און האָט איהר געפרעגט:

— נון, האָסט דוא זיך א מוזירט?

— יא, עס וואר זעהר שעהן! — האָט אדא געענטפערט.

— באַ־אן ענאן האָט זיך געוויס פאר דיר ערקלעהרט! — האָט זיא געזאָגט, — ווען ער זאָל דיעזע אויסזיכטען ניט האבען, זאָ וואָלט איך זיכער געוועזען געגען דיעזער פארטהיי.

— אך מאמא! — האָט אדא אויסגערופען. — איך פערשטעה דיך וויר־קליך ניט ער האָט דאך דיא אויסזיכטעז, ער וועט מאָרגען ריידען מיטען פאטער.

— האָסט דוא איהם געגעבען מוטה? — האָט דיא גרעפין געפרעגט. דוא דענקסט אנצונעהמען זיין פאָרשלאָג?

— ווען ביז מאָרגען זאָל ניט קומען א בעסערער, דאן איז ער מיין חתן! — האָט אדא ערקלעהרט קאַלט בלוטיג, גלייך וויא עס וואָלט זיך האנדלען וועגען א געשעפט.

מארטא, וועלכע איז נאך געוועזן אין צימער פון איהר יונגער הערריז האָט זיך געדאַכט:

— דיא גרעפין ווייס ניט פון ליעבע, ווען מיך זאָל יעצט וועלען היי־ראטהען א פירסט, זא וואָלט איך איהם גאנץ שעהן בעדאנקט און וואָלט איהם געזאָגט אז מיין געליבטער איז פאר מיר דיא גאנצע וועלט.

— דוא ווייסט אלזא מאמא, וואס דוא האָסט דעם פאטער צו זאָגען? האָט דיא גרעפין ווייטער געזאָגט, ווען פאפא זאָל זיך וועלען איבער לעגען.

— וועז מען זאָל נור געפינען דעם טויטען קערפער פון גראף ווערנער! האָט דיא אלטע גרעפין געזאָגט.

— מיין גאָטט, וויא לאַנג ווייליג דוא ביזט! — האָט אדא אויסגערופען, ווער ווייס אין וועלכען אָרט גראף ווערנערס לייבע פוילט! לאָז מיך יעצט שלאָפען אום איך זאָל מאָרגען פריש און בליהענד קענען עמפפאנגען דעם באראָן.

דיא גרעפין האָט צונעדריקט א קוס אויף איהר טאָכטער׳ס שטערן, דאן האָט זיא געגעבען א צייכען צו דער דינסט דאס זיא מעג דעם צימער פער־לאסען, זיא אליין איז ארויס אויף דיא שפיצען פינגער און האָט אויסגעמיעדען צו מאַכען דעם קלענסטען גערויש.

אויף מאָרגען איז באראן שטורמפעדער געקומען צו פאהרען און האָט זיך פאָרגעשטעלט פאר דעם אלטען גראף.

— אייער לאַנגע איז נאך אלץ ניט גאנץ זיכער, מיין ליעבער באראָן!

— האָט גראף דארענבורג געענטפערט, עס קענען פאראיבער געהן צוויי יאהר איידער איהר וועט ערהאלטען דיא ערלויבניס צו נעהמען דיא ירושה.

— ווען איך וועל בעזיצען איינפלוס — רייכע פריינדע, וועלכע ווען דיא אנגעלעגענהייט פאָרשפּרעכען אין א העכערען אָרט, יא וועט עס שוין געלונ־גען דיא זאכע דורכצופיהרען, האָט ענאָן געזאָגט.

עס איז צו קלאהר דאס מיין פעטער איז פערונגליקט געוואָרען, דען ווען ער וואלט געלעבט, וואלט ער שוין לאנג געוועזן אין קעניגסוואלדאו.

– עס איז מיר א רעטעניש וואס מען האָט זיין קערפּער נאך ניט גע־פינען! האָט גראף דארבורג געפרעגט.

— איהר ווייסט דאך הערר גראף, דאס ציגיינער, אונד אנדערע פער־דעכטיגע לייטע טרייבען זיך דא ארום! — האָט דער באראָן געזאָגט, נאך מיין מיינונג האָבען זיי געפינען דעם קערפּער פון מיין אונגליקליכען אנקעל און האָבען עס בעגראָבען.

— דאס קען אזוי זיין! — האָט גראף דארענבורג צו געשטימט, דאן האָט ער ווייטער געזאָגט:

— איך דאָב ניכטס געגען אייך באראָן, איך ווייס זאָגאר דאָס איהר האָט א ביסעל געלעבט צו לייכט, אבער מיין גאָטט וועלכער יונגער מאָן טהוט עס ניט, יוגענד איז אהן טוגענד, איהר שטאַמט פון דער עדעלסטער פאַמיליע פון אונזער לאנד און איך בין בערייט צו געבען אייך דיא הענד פון מיין טאָכטער, דאך קען דאס געשעהן נור ווען איהר וועט ווערען פאָלשטענדיגער ערבע פון קעניגסוואלדו.

אין ענאָן׳ס געזיכט האָט זיך געביטען דיא פארב. דיזער אנטוואָרט וואר ניט נאך זיין וואונש, ער האָט געוואוסט אז א פערבונדונג מיט דעם גראף וועט פאר איהם ברענגען פיעל נוטצען.

— ווילט איהר מיך ווירקליך אזוי לאנג טאָטערען? — האָט ער גע־פרעגט.

אין דיעזען אויגענבליק האָט זיך געעפענט דיא טיהר און דיא גרעפין אדא איז אריין.

— גיט אונז אייער זעגען! — האָט זיא געבעטען.

— האָסט דוא איהם ליעב, אדא? האָט דער גראף זייז טאָכטער גע־פרעגט, איז דאס דיין גליק.

— יא, פאפא! האָט אדא געענטפערט.

— וועט איהר זיא גליקליך מאכען? האָט ער געפרעגט דעם גראף!

— מיין איינציגער צוועק און לעבען זאָל נור זיין צו מאכען גליקליך אייער טאָכטער! האָט ער געענטפערט.

דער פאטער האָט יעצט איינגעשטימט.

באראָן עגאן און אדא זיינען פערלאבט געוואָרען, און וועהרענד דיא פער־לאסענע מאכי האָט מיט אונגעדולד געווארט אויף איהר געליבטען האָט עגאן געקיסט און געהאלזט זיין נייע געליעבטע.

24טעס קאפיטעל.

דיא ליעבע וואגט אלעס.

קיין פעדער איז אומשטאנדע צו בעשרייבען דיא גליקזעליגקייט פון סילוואַ'ס הארץ, אלס זיא האָט זיך איבערציינגט דאס ווערנער'ס קערפער ליעגט ניט צערשמעטערט אין דער טייפעלס גרוב, זיא האָט געוויינט פון גליק און פריידע.

— געדאנק זיי גאָטט! — האָט זיא געזאָגט, — ווערנער לעבט.

איהר ערציהערין האָט ניט געהאט דיזע האָפנונג, אָבער זיא האָט ניט געוואָלט צו פערדארבען איהר קינדס פריידע, מיט מיטלייד האָט זיא בעטראכט איהרע בלוטיגע הענד, זיא האָט איהר געריבען וויין, איהר צו ערקוויקען, דען זיא איז געוועזען פעליג ערשעפט פון דיא בלוטיגע אנשטרענגונגען.

אלס זיא האָט זיך א ביסעל ערקוויקט האָט זיא אנגעפאנגען צו ער־צעהלען:

— וואס ווייטער איך בין געקראָכען אין דיא טיעפענעס אלס שווערעהאָפ־טער איז עס געוואָרען, איבעראל ליעגען אלטע שטיינער וואס האלטען ביי'ן איינפאלען יעדען אויגענבליק, אין גרוב איז האלב דונקעל, איך האָב זיא דורכגעזוכט אין אלע זייטען, אלערליי שרצים לויפען דאָרט ארום, אָבער איך

האָב ערגעץ ניט געקענט ענדעקען ווערנערס קערפּער.

— דיא רויב פאָגעל האָבען זיכער זיי שוין אויפגעפרעסען ? — האָט דער גייסטליכער איהר געזאָגט.

אלס ער האָט דיעזע ווערטער אויסגעשפּראָכען איז דער פאָרב פערשוואונדען פון סילוואס געזיכט, אבער איהר שרעק האָט ניט לאנג געדויערט, זיא האָט זיך באלד איבערלעגט און האָט אויסגערופען.

-- ווען דאס וואָלט אזוי געווען, זא מוז דאָך זיין סקעלעט דאָרט ליעגען, דיא פויגעל שלעפּען דאָך ניט א וועק דיא ביינער.

— סילוואַ האָט רעכט ! — האָט דער וואלד ווערטער צוגעשטימט, גראף ווערנער מוז נאָך לעבען.

— איך פירכטע אז איהר מאכט איין גאנץ פאלשען בעשלוס ! — האָט דער גייסטליכער געזאָגט, — ווען גראף ווערנער וואלט זיך ניט געפינען אונטער דיא טויטע וואָלט ער שוין לאנג געקומען צוריק א היים, ער איז פיעלייכט פעראונגליקט געוואָרען איין אנדער ארט, פיעלייכט האָט ווער געפינען זיין קערפּער.

— איך וועל אויסגעפינען אויב אייער מיינונג איז ריכטיג ! — האָט סילוואַ געזאָגט, איך וועל אויספארשען דעם גאנצען געגענד ביז איך וועל זיך איבערצייגען וואו דער קערמער געפינט זיך.

דוא ביזט נור וואָס אנטרינען פון טויט און דענקסט שוין פון נייע געפאהרען האָט דיא פרוי אויסגערופען מיט פערדראָס, האָט דען דיין לעבען קיין ווערטה פאַר דיר ? ווילסט דוא דיין אייגענעם לעבען פערקירצען ?

— ניין ליעבע מוטער, דאס איז פון מיר ווייט ! — האָט סילוואַ געזאָגט זעהר זאָנפט, אלעס וואָס איך וויל איז צו טהון מיין פפליכט צו מיין חתן, ווען דאס וועט געשעהן זאָ וועל איך מיך איבערגעבען צו גאָטט׳ס ווילען.

מען איז יעצט געגאנגען מיט׳ן וועג נאך הויזע, סילוואַ וואר זעהר ערשעפּט, זיא האָט זיך אבער שטארק אנגעשטרענקט צו בעהאלטען איהר מיעדיגקייט.

איהרע ערציהער האָבען זיא בעטראכט מיט נאסע אויגען עס האָט זיי געשיינט גלייך וויא זייער טאכטער איז זיי פון דאס נייא געשענקט געוואָרען דיא לייטע פון געגענד האָבען אויסגעדריק זייער סימפּאטהיע דיא יונגע לייטע

האָבען געזאָגט אז סילוואַ האָט מעהר מוטה פאַר אַ מאַן, און די מיידלאַך האָבען זיא בעדויערט וואָס זיא האָט פערלאָרען איהר געליבטען.

אלס סילוואַ האָט זיך אומגעקעהרט נאכהויזע, האָט זיא זיך געלעגט רוהען, אבוואָהל עס איז נאָך געווען העלער טאָג, איהרע גליעדער האָבען געברענט און געשמערצט. זיא איז געווען צו קיילט און צו ביילט.

דאָך האָט זיא זיך פארגענומען דאס אויף מארגען איידער איהרע עלטערען וועלען ערוואכען זאָל זיא זיך לאָזען געהן און דיאזען געגענד אום אלעם דורכצוזוכען.

אין איהר געגענד האָבען זיך געפינען בערג און טהאלען און טייכען און וועגען וועלכע וואַרען שווער דורכצוגעהן, אין דיעזע ערטער האָט סילוואַ געוואָלט זוכען איהר געליעבטען, זיא האָט געוואָלט נאכפרעגען ביי ציגיינער און יענער און זיא האָט געהאָפט דאס עס וועט איהר געלונגען צו געפינען איהר געליבטען.

מיט דיא געדאנקען וועגען ווערנער איז זיא איינגעשלאָפען נאָך איידער עס איז געוואָרען אבענד.

דיא ערסטע שטראהלען פון דער זאָנע האָבען זיא אויפגעוועקט פון זיעסען שלאָף.

זיא האָט זיך אויפגעהאָבען האָט געמאכט שנעל איהר טאָאלעטע, האָט גענומען איהר געלד און האָט אויפגעשריבען אַ פאָלגענדען בריעף:

ליעבע עלטערען.

האָט קיינע זאָרגען וועגען מיר, איך וועל וואהרשיינליך זאמען אלאנגע צייט דאָך וועל איך אייך שיקען אפטע בריעף, האָט טויזענד דאַנקען פאַר דיא ליעבע וואָס איהר האָט מיר געוויזען און פערצייעט מיר וואָס איך האָב אייך געגען מיין ווילען פערשאַפט אזוי פיעל שמערצען.

אייער דאַנקבאַרע טאָכטער.

סילוואַ.

דיעזען צעטעל האָט סילוואַ פערזיגעלט און אַ בריעף און האָט איהם געלעגט אויפ'ן טיש זאָ דאס ווען ער וועט אריין אין קיך זאָל ער איהם זאָפאָרט געפינען.

יעצט האָט זיא פערוואָרפען איהר רייזע טאַש איבער איהר שילטער, האָט מיטגענומען אשטאַרקען מעסער, האָט גענומען א שטאַרקען שטעקען און האָט זיך געלאָזט געהן אויף איהר לאַנגע און וויטע רייזע.

פלוטא דער געטרייער הינד איז צו איהר צוגעלאָפען מיט פריינדשאַפט און האָט ארופגעלעגט זיינע פאָדערסטע לאַפּעס אויף איהרע שילטערען, עס האָט געשיינט אז ער בעט איהר ערלויבניס ער זאָל מיט איהר מיט געהן, סילוואַ האָט איהם מיטגענומען מיט זיך און האָט אויפגעהאָנגען אויף איהם איהר רייזע טאַש.

עס וועט פיעל פערנעהמען ווען מיר זאָלען בעשרייבען יעדען שריט פון דיעזער מעדכען עס וועט זיין גענוג ווען מיר וועלען אויבערפלעכליך נור בעשרייבען וואס זיא האָט דורכגעמאַכט.

אויף שמאַלע און איינגע וועגען וועלכע א מענש האָט נור בעריהרט איז זיא געגאַנגען פאָרווערטס וויא טאָג אזוי נאַכט זיא איז ארומגעגאַנגען ארום דיא וואַסערען און האָט אין זיי געזוכט ווערנער'ס קערפּער.

גאַנץ אָפט האָט זיא דורכגעלעבט דיא נאַכט אונטער'ן פרייען הימעל, איהר הונד פלעגט זיא בעוואַכען, צייטענווייס האָט זיא פערבראַכט אין א הייל און מאַנכעס מאָל אין דאס הויז פון איין ארימער פרוי.

איהרע לעבענס מיטעל האָט זיא שנעל פערצעהרט, זיא איז דארום גע־קומען אין א קליינעם דאָרף צו קויפען נייע נאַהרונג און צו שיקען ארויף צו איהרע עלטערין דאס זיא האָט נאָך קיין שפּור פון גראף ווערנער געפינען, איהר קראַפט איהר מוטה און איהר האָפנונג איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, זיא האָט איהר א מאַליגען שעהנקייט וויעדער געפינען, און מאַנכע רייזענדע האבען זיך געמוזט אפּשטעלען צו בעוואונדערען איהר שעהנקייט.

זיא איז שוין אזוי וויים א וועק פון קעניגסוואַלדאו דאס עס וואר גאָר קיין מעגליכקייט זיא זאָל נאָך געפינען א שפּור פון איהר געליבטען.

ווען זיא זאָל זאָגאַר דענקען דאס דער גראף איז אראָפּ געפאַלען פון פערד און דער קלאַפּ האָט איהם אויף א צייט בערוישט, זאָ האָט ער דאָך אין פערלויף פון דער וואָך געמוזט קומען צו זיך. וואָרום האָט ער איהר קיין זאך געלאָזט מעלדען ? וואָרום האָט ער ניט געפיהלט איהרע ליידען ? —דאס וואר א רעטעניש וועלכען סילוואַ האָט געזוכט צו לעזען.

יעדע פערזאָן וואס סילוואַ האָט אננעטראָפען האָט זיא אפּגעשטעלט נאכצופרעגן וועגען איהר געליבטען. אָבער פון יעדען איינעם האָט זיא ערהאלטען דיא אנטוואָרט דאס דיעזען יאהר האט נאך קיין אונגליק געטראָפען אין דיעזען געגענד.

אַ זעלכע אַנטוואָרטען האָבען איהר אימער פערשאַפט פערגניגען, אימעטום האָט זיא געגעבען אַ גענויער בעשרייבונג פון איהר געליבטען און איבעראל האָט זיא ערהאלטען דעם אַנטוואָרט אז מען האָט איהם ניט געזעהן.

ענדליך האָט זיך סילוואַ בעשלאָסען זיא זאָל נאך איין טאָג רייזען אין דיעזען זייט און ראן זאָל זיא זיך נעהמען אין איין אַנדער געגענד, זיא וואר שוין אזוי ווייט פון איהר הויז, דאס זיא האָט מעהר ניט בעדארפט האפען צו געפינען איין שפּור פון איהר געליבטען.

דיא זאָנע האָט געברענט מיט פייער, יעדער טראָפען טהוי איז א וועק, סילוואַ איז פערגאַנגען פון דורסט, זיא איז פערביי געגאַנגען א קוואל, אָבער דאס וואסער וואר זעהר קאלט און זיא האָט געוואוסט וויא שעדליך דאס איז צו טרונקען קאלטעס וואסער ווען מען איז מיעד.

זיא האָט גענומען זוכען אין געגענד און האָט געפינען איין ארימעס הייזעל צו וועלכען זיא איז שנעל צוגעגאנגען, פאר דער הויז איז געזעסען א יונגע זעהר שעהנע פרוי און האָט געשפּינען. דיא פוס וואס האָט בעוואגען דיא ראד וואר זעהר קליין און פיין און דיא האנד וואס האָט געצאגען דעם פאָדים האָט געוויזען איין אונגעוועהנליכע עדעלקייט.

סילוואַ האָט זיא בעגריסט און דאס שעהנע מעדכען האָט איהר געענטפערט, מיט בעוואונדערונג. פלוטא, דער הונד, האָט בעטראכט דיא שעהנע פרעמדע מעדכען.

— מיר זיינען הונגעריג און דורסטיג! — האָט סילוואַ געזאָגט. — קענען מיר דא קריעגען מילך און ברויט?

בייא דעם וואָרט ברויט האָט פלוטא גענומען ברולען.

— איך ווייס ניט! — האָט דיא שעהנע שפּינערין געענטפערט. — איך וועל פרעגען.

— האָרטענזע! — האָט א שארפע שטימע אויסגעשריען, דיא שעהנע מעדכען

האט זיך אויפגעהאפט און איז א וועק געלאפען אין הויז אהנע צו געבען איין פריינדליכען בליק צו דאס מערבען.

איבערראשט האט סילווא זיא נאכגעקוקט. איין אנדער פרוי איז באלד ערשינען ביי'ן טהיר און האט זיא געפרעגט: וואס ווילט איהר?

— איך בין הונגעריג און דורסטיג! — האט סילווא געענטפערט. — קענט איהר מיר פערקויפען עטוואס ברויט און מילך?

— ניין! — האָט דיא פרוי גאנץ בייז געענטפערט. — מיר האָבען קיין שענק, געהט נאך לינקס דאן וועט איהר דארט טרעפען א שענק.

מיט דיעזע ווערטער איז דיא פרוי צוריק א וועק אין הויז און האָט דיא טהיר פערהאקט הונטער זיך מיט א קראך און סילווא האָט געהערט וויא זיא האָט אין א בייזען טאָן געזאָגט:

— וויא אָפט האָב איך דיר שוין פערבאָטען צו ריידען מיט פרעמדע לייטע, הארטענזע? ווען דוא וועסט מיך ניט פאָלגען, וועסט דוא דערפאר גאנץ טהייער בעצאהלען.

— אך, דוא ביזט אימער ניט פריינדליך, — האָט הארטענזע גענענט־פערט. — וואס וואָלסט דוא פערלאָרען, ווען דוא וואָלסט דיא פרעמדע אריינ־גענומען אין הויז?

דעם אנטוואָרט אויף דיעזע רייד האָט סילווא ניט געקענט הערען.

וויא וואונדערבאָר איז דיא אויפפיהרונג פון דיעזער פרוי? האָט סילווא געטראכט, דיא לייטע אין אונזער געגענד זיינען זעהר גאסט פריינדליך, זיי עפע־נען פריי זייער הויז פאר יעדען פרעמדען. וויא קומט עס נור, דאס דיא פרוי האָט מיך אזוי בייז בעהאנדעלט? זיא מוז האָבען א געהיימניס צו בעהאלטען.

יעצט האָט זיך סילווא ווייטער געווענדעט צו איהר רייזע, איהרע גע־דאנקען האָבען ווייטער גענומען געהן וועגען איהר געליבטען.

— זאָל זיך ווערנער פיעלייכט געפינען אין דיעזען הייזעל? וויל דיא פרוי דאס זיין אנוועזענהייט זאָל בלייבען א געהיימניס און דארום וויל זיא קיין פרעמ־דען ניט אריינלאָזען? איך מוז דאס אויסגעפינען איך קען ניט דורך לאָזען איין פערדאכט, וואס איך זאָל ניט גאנץ גענוי אונטערזוכען.

נאָך איין ווייטערדיגען געהן האָט סילווא פאַר זיך דערזעהן איין היטע, אונטער דער היטע האָט זיא געהערט דעם געזאנג פון טוריסטען, זיא האָט אויך געזעהן וויא דאַמען אין שעהנע בערג קליידער, הערען אין שעהנע רעק און שפּיציגע היטלען ליגען אין דעם גראָז און ריידען און לאַכען און שטי־פען. אלס סילווא איז צו דער געזעלשאַפט צו געגאַנגען האָבען אלע זיא בע־טראַכט, זיא וואר זעהר שעהן, זיא איז געגאַנגען אין געוועהנליכע קליידער, דאָך איז זיא איבערשטיגען אַלע דאַמען און שעהנקייט און רייץ.

דער הינד איז געגאַנגען וויא א וועכטער הונטער זיין שעהנע הערין, און אלס איינער פון דיא טוריסטען האָט געוואָרפען א פרעכען בליק צו סילוואַן האָט דער הונד גענומען בילען מיט שטורם.

סילווא האָט דא געקויפט ברויט און מילך און האָט דער פון געגעבען איהר הינד, ווען זיא האָט נקראָגען דיא געלעגענהייט איז זיא צו געגאַנגען צו דער ווירטהין און האָט נאַכגעפרעגט אויב זיא האָט דא געזעהן אזא פערזאָן ויא גראָף ווערנער.

— ניין! — האָט דיא ווירטהין געענטפערט. — אזא שעהנעם הערין האָב איך דא ניט געזעהן זייט א לאַנגע צייט, לעצטען יאהר האָב איך דא געהאט אזא בעזוכער עס וואר גראָף ווילדענשטיין, דער רייכסטער און שעהנסטער הערר.

סילווא האָט אויסגעזעצט א געשריי פון איבערראַשונג, דיא ווירטהין האָט אלזא ערקענט דעם גראָף נאָך איהר בעשרייבונג.

— אלזא גראָף ווילדענשטיין איז דא ניט געוועזן? — האָט זיא גע־פרעגט.

— ניין! — האָט דיא ווירטהין געענטפערט.

— איז אין דער געגענד געשעהן איין אונגליק? — האָט סילווא גע־פרעגט.

— ניין. אלעס געהט דא צו גוט.

— אָבער וואצו פרעגט איהר דיעזע אלע פראַגען? — האָט דיא ווירטהין געפרעגט.

— גראָף ווילדענשטיין איז מיין פערלאָבטער, איך זוך איהם אין אלע ערטער, דען ער איז זייט א געוויסע צייט פון מיר פערשוואונדען, איז ניט

מעגליך, דאס דיא לייטע אין יענעם אבגעלעגטען הויז האָבע איהם גענומען צו זיך?

— ניין! — האָט דיא ווירטהין אויסגערופען. — דיא לייטע אין יענעם הויז זיינען וויא ווילדע, זיי וועלען זיך ניט קימערען פאר קיין אונגליקליכען, זייא לאָזען קיין מענשען אין הויז, ניט לאנג צוריק איז מיר אויסגעגאַנגען מיין ברויט, איך האָב געוואָלט לייהען ביי זיי עטוואס ברויט, אָבער דיא פרוי האָט פערהאקט דיא טהיר אין מיין געזיכט. אויף מיין ביטע זאָל מיך אריינלאָזען האָט זיא גראָב געענטפערט: איך און מיינע לייטע געהן צו קיינער און קיינער זאָל צו אונז ניט געהן. מיין פעפ זאָגט, דאס דיא לייטע אין יענעם הויז מוזען מאכען פאַלשעס געלד. אָדער זיי זיינען געזעסען לאנג אין גע־פענגנים און שעהמען זיך פאר דיא לייטע. מיר קימערען זיי אָבער ווייניג.

סילוואָ האָט בעדאנקט און איז אַ וועק ווייטער איהר וועג, זיא איז צו־געגאַנגען צו דער אונפריינדליכער הויז און האָט זיא פון ווייטען בעוואכט. זיא האָט זיך בעהאַלטען אין שטרוי אום קיינער זאָל זיא ניט זעהן, נאך אַ קורצע צייט האָט זיא געזעהן וויא אַ מאן מיט שווערע טריט האָט פערלאסען דאס הויז, מעהר וויא אַ שטונדע איז פערגאנגען אין דיא קליינע הויז טהיר האָט זיך וויעדער געעפענט, און דיא פרוי איז פון דאָרט ארויס, זיא וואר בע־לאדען מיט גרעטה. מיט ערשטוינען האָט סילוואַ געזעהן וויא דיא פרוי שליסט צו דיא טהיר און בעהאַלט דעם שליסעל אין פאַקעט.

פארזיכטיג האָט סילוואַ געוואַרט ביז דיא פרוי איז אַ וועק ווייט פון הויז. דאן האָט זיך סילוואַ צו גערוקט נעהענטער צום הויז, איינע פון דיא שמאָלע פענסטער האָט זיך געעפענט, סילוואַ האָט זיך דורך דיעזען פענסטער אריינגערוקט אין הויז.

ביי דעם ווייסען אויווען איז געזעסען סילוואַ און האָט געשלאָפען, סילוואַס שריטע האָבען זיא ניט אויפגעוועקט. גאנץ אונגעשטערט האָט סילוואַ געקענט אַלעס ארומקוקען, קיין זאך האָט זיא ניט געשטערט. אָבער זיא האָט קיין שפור געפינען דאס ווערנער האלט זיך דאָרט אויף קיין זאך וואס האָט גע־הערט צו ווערנער'ן וואר דאָרט צו זעהן. איבעראל וואר ריין און אָרדנונג. סילוואַ האָט זיך געפאסט דיא מיינונג דאס דיא איינוואָהנער פון הויז האבען

א געהיימניס צו בעהאַלטען, אָבער זיי האָבען קיין שווערען פערברעכען אין זייער וואהנונג.

אלס סילוואַ האָט דיא אונטערזוכונג געענדיגט האָט זיא זיך ווידער ארויסגעקליבען פון הויז. איהר הינד האָט זיא איבערגענומען מיט פריידע.

— ער לעבט, פלוטאַ! — האָט סילוואַ אויסגערופען מיט פריידע. — ער לעבט. מיר געהן יעצט צוריק נאך הויזע.

אלס סילוואַ איז געווען אויף'ן וועג האָט זיא אנגעטראָפען דיא בייזע פרוי אויף א פעלד פון בהמות. דיא פרוי האָט זיא אנגעקוקט מיט בייזקייט.

סילוואַ האָט זיך אָבער וועגען איהר ניט געקימערט, איהר איינציגער געדאנק איז געווען.

— ווערנער לעבט, און איך וועל איהם געפינען.

25טער קאַפּיטעל.

פערלאָסען וויא א שטיין.

אין א צימער וואס וואר אויסגעפּוצט מיט שעהנעם מעבעל איז געלעגען איין שעהנעם מעדכען מיט געשלאָסענע אויגען, זיא האָט דאך ניט געשלי־מערט, זאָנדער'ן זיא וואר איבערגעבען צו איהרע געדאנקען וועלכע ווארען זעהר טרויעריגע.

— ווארום זאָל ענאַן מיר ניט שרייבען? — האָט זיא געמורמעלט, און האָט זיך אויפגעהאבען פון פּלאַטץ. — פריהער וואר עס דאך בעסער. — האָט זיא אין איהר זעלבסט געשפּרעך ווייטער געזאָגט. — איך וואר זעהר ארם און האב געמוזט מיין ברויט גאנץ שווער פערדינען. אָבער וועלכע פריידע האָב איך געהאט ווען איך האָב מיר געמאכט איין נייעס קלייד? וויא גליקליך בין איך געווען מיט א פּאאר האנדשוי, אדער איין שעהנעם שלייף, איך האב אויך קיין אויגענבליק ניט געפיהלט לאנגווייל, און וואס פאר שעהנע טעג ווארען דיא זאָנטאגען? אך יענע צייט ליעגט יעצט וויים ווייט איבער מיר, און דאך זיינען עס קוים איניגע מאָנאַטען, זייט איך האָב צו ליעב מיין ענאַן ענטזאגט אלע פריהעריגע געליבטע און האָב זיך ארייגעקליבען אין דיעזען

וואהנונג. איך ווינש מיר דאס איך וואָלט ענאָן קיין מאל ניט געזעהן. איך האָב יעצט געקענט זיין פערהייראטה אין לעבען וויא א גליקליכע פרוי, ווען איך וואָלט ניט צו ליעב מיין ענאָן ענטזאגט מיין פריהערדיגען געליבטען.

איין וועכטער קלאפּ האָט זיך דערהערט אויפ'ן טהיר, דאס איינזאמע מעדכען האָט אבגעווישט איהרע טרעהרען און האָט געהייסען אריינקומען.

איין שלאנקע פרוי איז אריין אין צימער.

— זיי געגריסט, מאלי! — האָט דיא אריינגעקומענע געזאָגט. — מיר שיינט אז דוא זיצט דא און טרויערסט, דוא מאכסט דאך א געזיכט גלייך וויא דוא וואָלסט א פּאאר שטונדען געריבען רעטעך. זאָג ווארום ביזט דוא אזוי אונגליקליך.

— וויא זאָל איך ניט זיין אונגליקליך! — האָט מאלי געשליכצט. — מיין באראָן האָט מיר קיין איינציגע צייַלע ניט געשריבען, קיין איינציגען וואָרט האָב איך פון איהם געהערט, ער איז מיט מיר איבערדריסיג, דאס זעה איך זעהר דייטליך, דזשעני.

— מוזט זיך איינשאפען איין אנדער געליבטען! — האָט דזשעני גאנץ קאַלט געזאָגט, און האָט זיך אויסגעזונגען דאס ליעדעל:

— עס קען דאך ניט אייביג אזוי בלייבען אויף דיעזער מערקווירדיגער וועלט!

— דוא זינגסט וועהרענד מיר ברעכט דאס הערץ! — האָט דזשעני געזאָגט מיט פאָרווירפע.

— נו, מיין ליעבעס קינד, דוא קענסט דאך ניט פערלאנגען, איך זאָל מיר אויסוויינען מיינע אויגען? — האָט דזשעני געלאכט. ווען עס איז ניט דער באראָן, זאָ איז דאס איין אנדערער.

— דאס פערשטעהסט דוא ניט דזשעני! — האָט מאלי אויסגעשריען. דער איז אלץ איינס ווער דער געליבטער איז, אבי ער האָט איין גוטען פערמעגען. אָבער איך ליעב מיין באראָן און קען קיין אנדערען ניט הייראטהען.

דזשעני האָט געשמייכעלט.

— איך דענק אז דיין ליעבע צו באראָן פאָן שטורמפעדער איז געוואָרען פיעל שטארקער זייט ער האָט געירשינט מיין אנקעל פאָן וויכדענשטיין?

— דוא בעליידיגסט מיך ! — האָט מאלי אויסגעשריען.

— טהו מיר דעם איינציגען געפאלען און שוויינ! האָט דזשעני מיט א געלעכטער געזאָגט, איך פערטראָג א זעלכע רייד ווען איין הערר איז דערביי און מען קען אויף איהם דאדורך מאכען א גוטען איינדרוק, אבער ווען מיר געפינען זיך אזוי צווישען זיך, האָבען דיעזע רייד גאר קיין צוועק, מיר ווענען אביסעל אויסגעהן אום דוא זאָלסט קומען אויף אנדערע געדאנקען.

— איך האָב קיין געלד ! — האָט מאלי געזאָגט, איבערמאָרגען איז רענט און איך האָב ניט זאָגאר מיט וואס צו בעצאהלען פאר מיין קוואַרטיר וואס זאָל איך אנפאנגען ? איך האָב איהם געשריבען ביי א דוצענד בריעף און ער ענטפערט מיר קיין וואָרט.

— דוא פאנגסט עס אן ניט ריכטיג ! -- האָט דזשעני געענטפערט און האָט געוואונקען מיט'ן אויג איך וועל דיר צו איהם דיקטירען א בריעף, וואס וועט ווירקען וויא א שפאנישע פליג.

שרייב !

מאלי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּף אבער איהר פריינדען האָט זיא מיט געוואלד ארייגגעזעצט אין שטוהל, האָט איהר געגעבען א פעדער אין האנד האָט פאר איהר פאָרגעלעגט א בריעף און האָט אנגעפאנגען צו דיק־טירען :

— ליעבער ענאָן,

— ווען דוא וועסט מיר ניט זאָפאָר שיקען 500 גולדען, זאָ זעה איך מיך געצוואונגען צו ווענדען זיך צו פריילין אדא פאן דארנברוך און מאכען איהר פערשיעדענע אונטערעסאנטע מיטהיילונגען.

דיין געטרייע מאלי !

אנשטאט צו שרייבען דיזע ווערטער, איז ענאָן'ס געוועזענע געליבטע אויפגעשפרונגען אין דער הויך גלייך וויא מען וואָלט זיא פערברענט מיט איין אייזען.

— שטעהט ער דען אין פערבינדונג מיט דער גריצפען דארענברוך ? — האָט זיא געפרעגט. זוכט ער יענע אריסטעקראטישע פערברעכערין ? געהט ער איהר נאָך ?

— ער טהוט עס און זעהר שטארק ! האָט דזשעני געענטפערט קאלט

בלוטיג, דוא דארפסט ניט אזוי ארומשפרונגען גלייך וויא דוא וואָלסט האָבען צאהן וויטאָג, דוא ענדערסט דאדורך ניט דיא אומשטענדען, דיין ליעבער ענאן האָט זיך פערלאָבט מיט דער גרעפין דארענברוך.

— דאס איז ניט וואהר! — האָט מאלי געשריען, מיט א ליידען שאפטליכע געזיכט, דאס זאָגסט דוא, וויל דוא פערגינסט מיר ניט א באראָן!

— אך דוא ליעבער הימעל! — האָט דזשעני געזאָגט, איך וואָלט דעם שטורמפעדער געקענט האָבען ווען איך וואָלט איהם נור געוואָלט, אבער איך האָב איהם ניט געוואָלט און דארום איז ער געקומען צו דיר!

— דאס קען ניט זיין! האָט מאלי אויסגעשריען.

— ער האָט דעם קליינעם בראַג געשיקט איין בעקאנטמאכונג פון דער פערלאָבונג! האָט דזשעני וויטער געזאָגט, איך האָב זיא צוגענומען אום איך זאָל זיא דיר ווייזען, היער איז זיא!

זיא האָט א ווארף געטון איין עלינאנטע קארטע אויפ׳ן טיש, מאלי האָט זיא גענומען מיט א ציטערענדע האנד און האָט זיא דורכגעלעזען מיט דיא אויגען.

— איך האָב שוין געאהנט דאס עס וועט אזוי קומען! — האָט זיא גע־מורמעלט.

— נון, דאן ביזט דוא עטוואס אויף דעם פארבערייט! האָט איהר פריינדען ערקלעהרט פהלאזאפיש. וויז יעצט אז דוא ביזט א פערשטענדיגעס מעדכען! גליקליך איז דיא פערזאן וואס פערגעסט וואס מען קען מעהר ניט ענדערין, וואס נוצט דיר דיא געוויין, מאך זיך נור אזוי שעהן וויא מעגליך און בעגלייטע מיך, צום גליק איז דער באראן פון שטורמפעדער ניט דער איינציגער מאן אין דער וועלט.

דזשעני וועלכע האָט זיך לאַנג מיט דעם גרעסטען נייד בעטראכט מאלי׳ס ליעבע מיט דעם באראָן האָט יעצט געפיהלט עטוואס מיטלייד מיט דער פער לאסענער מיידעל, אבער מאלי וועלכע וואר געריצט און געערגערט האָט זיא אין גאנצען ניט פערשטאנען און האָט פאר בעס אויסגעשריען:

— נעה, דוא פאלשע שלאנג, דוא ביזט אהער געקומען נור אום צו קוויקען זיך מיט מיין אונגליק, דאס איז פון דיר שלעכט, זעהר שלעכט, אזוי

זויא מיר נעהט הייטע קען זיך געהן מארגען, און דוא ווערסט דאן ביי מיר אויך קיין מיטלייד געפינען.

— אזוי וויא דיר געהט הייטע, אזוי איז מיר שוין געגאנגען אייניגע מאל! האט מאלי געזאגט, אבער איך בין שטענדיג געוועזן קלוג, איך וויים דאס ווייגען פערדארבט דעם אויסזעהן און דארום בין איך געבליבען גאנץ רוהיג, זעה נור אין שפיעגעל וויא דוא זעהסט אוים! דיינע באקען זיינען אנגעשוואלען דוא ביזט גאר ניט מעהר עהנליך צו דער שעהנער מאלי, דוא קענסט קיינעם ניט געפעהלען, מיט אזא געזיכט.

— איך וויל אויך קיינעם ניט געפעלען! האט מאלי געשליכצט.

— ווילסט דוא ווידער אריינגעהן אין פוטץ געשעפט? האט מאלי גע-פרעגט וואס נייגעריג, — מיט דיא פאר קרייצער דוא ווערסט דארט ערהאלטען ווערסט דוא קיין גליקליכען לעבען ניט קענען פיהרען.

מאלי דאט מיט אונגעדולד געביסען איהרע ליפען.

— ניין! האט זיא ענדליך געזאגט מיט א ווילדער ענערגי. איך ווער מיין ענאן ניט אפלאזען, איך האב צוליעב אויפגעגעבען א גליקליכע און שעהנע צוקונפט. ער דארף מיך יעצט ניט לאזען אין מיטען, איך וועל צו איהם רייזען.

— איך דענק אז דוא האסט קיין געלד? — האט דזשעני געפרעגט.

— געלד האב איך ניט! — האט מאלי געענטפערט, — אבער איך בע-זיטץ א שעהנע גארדראבע, איך וויל פערקויפען שטיק פאר שטיק און וועל מיר פערשאפען דיא רייזע קאסטען, און דיא איינפאכע, קאטענקלייד אין וועלכע ער האט מיך צום ערסטען מאל געזעהן וועל איך נעגען איהם קומען און וועל איהם פרעגען: — קענסט דוא דיין מאלי ווירקליך פערלאסען?

— דאן וועט ער דיר געבען א פלאסטער פון א פאאר גולדען! האט דזשעני געענטפערט, איך גלויב אז פון דיינט וועגען וועט ער דאך ניט אויפ-געבען דיא גרעפין דארענברוך.

— איך מוז עס וועניגסטענ'ס פרובירען! — האט דזשעני געזאגט און איין ווילדער בליק האט זיך געצוגט אין איהר געזיכט. אהן א קאמפף לאז איך ניט רויבען מיין געליבטען, ווען דוא ביזט ווירקליך מיינע א פריינדין, זא קויף מיר אייניגע ראבען.

— אךָ, איך האָב אזוי פיעל שעהנע קליידער, דאס איךְ וויס נאר ניט וועלכע איךָ זאָל צוערסט אנטהון! — האָט דזשעני געענטפערט, איךְ קען קיין נייע ניט קויפען, אָבער איך וועל דיר ברעננען דיא פרוי מאיער'ס, זיא וועט פון דיר קויפען גענוג. שעהנע לייטע זיינען דער העדר און דיא פרוי מייער, זיי זיינען אָ הער געקומען צוריק מיט איינינע וואָכען, אויף זייער וועג נאך אָמעריקא.

אָבער וויען געפעהלט זיי אזוי גוט דאס זיי ווילען גאר ניט אפּפאָהרען. ווען זיי זיינען אָ הער געקומען ווארען זיי ארם געקליידעט, יעצט האָבען זיי זיךָ שוין רייךָ אויסגעפּוצט, איך וועל דיר שיקען דיא פרוי מייער.

ביי דיעזע ווערטער האָט זיא זיךָ אפּגעזעגנט און איז אָ וועק.

איין האלבע שטונדע איז אָ וואגען צו געפאהרען צום הויז אין וועלכען מאלי האָט געוויינט און צוויי דאמען זיינען פון איהם ארויס. איינע וו■ר דזשעני דיא צווייטע וואר דיא פרוי פון דעם געוועזענעם קוטשער מייער.

— איךָ זאָג אייך, גנעדיגע פרוי! — האָט דזשעני געזאָגט, אלס זיי זיינען געגאנגען אויף דיא טרעפּ, — דאס דיא גארדראָבע וועט אייך שטאַרק געפעהלען.

— נון, האָט דיא געוועזענע פרוי פון קוטשער ערקלעהרט. — איךָ האָב שוין אין מיין לעבען געטראָגען אָ זעלכע קליידער וואס האָבען אויפגעריסען דיא מיילער פון יעדע גרעפין, איהר האָט נור בעדארפט זעהן מיין ברויט קלייד. עס וואָלט אייך אויפגעריסען דיא אויגען.

דיא קלייד וואס דיא קוטשערקע האָט געטראָגען צו דער חתונה וואר אזוי, דאס דזשעני וואָלט זיא ניט געוואָלט נעהמען אין האנד, דזשעני האָט פערשטאנען, אָבער זיא האָט יעצט קיין וואָרט געזאָגט.

אהן פיעל צערמאָניען האָט זיא געעפענט דיא טהיר און ביידע זיינען אריין.

זיא האָט קורץ פאָרגעשטעלט דיא פרוי מייער פאר איהר פריינדען מאלי הערץ, און מאלי האָט זיי זעהר פריינדליךָ אויפגענומען.

— דיא גנעדיגע פרוי, ווילען זיין אזוי פריינדליךָ און אנקוקען מ ינע קליידער? האָט פריילייז מאלי געפרעגט.